STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01170

DOS BUKH FUN DI ELNTE

Iosef Okrutny

Permanent preservation of this book was made possible
by Lewis & Josephine Schneider
in honor of
Jacqueline Schneider

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אַקרוטני

דאָס בוך פֿון די עלנטע

בּיכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

84

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אבֿרהם מיטלבערג

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

יוסף אָקרוטני

דאָס בוך פון די עלנטע

✶

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1952 — תשי״ב

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyrygth by
J. OKRUTNY, Buenos Aires

JOSEF OKRUTNY

DOS BUCH FUN DI ELNTE

(EL LIBRO DE LOS DESAMPARADOS)

הילע: רפאל מאַנדעלצווייג

✶

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA
EN LA ARGENTINA
Buenos Aires, 1952

אינהאַלט

גאָלדע — 9
דערציילונג פון זאַכן — 34
יוקל און פּיוויש — 45
דאָס וואונדער — 56
אַ מאַמע — 65
אַ געוויינטלעכע געשיכטע — 70
אונטער ווייטע הימלען — 95
אַ כראָניק פון טריבע טעג — 109
אַ נישט אָפּגעשיקטער בריוו — 160
וואוהין — 166
רומקאָווסקי — 171
אין יאָד — 181
אַ דאָרן — 185
פוילִיש — 188
אַ קינד הוסט — 196
דער משפט — 207

געהייליקט דעם אָנדענק
פון מיינע ברידער

חנניה און משה־מענדל

וועלכע זענען בעת די היטלער־יאָרן
אָן שפורן אויסגעגאַנגען אין די
אומגעהייערע סאָוויעטישע וויסטענישן

גאָלדע

— ראובן! ראו־בן... אַן עפּעלע, ווען דו קענסט... אַנגעשוואָלן אַזאַ ריח. ס׳חיות נעמט עס מיר צו...

אַזש אַ קאַלטער שווייס איז צוגעטראָטן צו איר, ווי עס טרעפט אַמאָל אין „אַזאַ צייט״.

און אַן אַנדערש מאָל:

— אַ שטיקעלע געגליווערטן פוס, אַ געקנאַבלטס...

דער בלויזער געדוך איז געווען, ער זאָל חלילה ברענגען צו אַן אומגליק.

...ס׳איז געווען אין די סאַמע קרירות פון ווינטער, אָדער סתם אַ מיטנסדערנאַכט. אַלצאיינס, ווען איר האָט פּלוצלינג עפּעס „אָנגעשמעקט״, איז ראובן געלאָפן דאָס ברענגען. איבער שטאָק און שטיין איז ער גע־לאָפן, ראובן, אונדז צו לענגערע יאָר, און שטענדיק אַזוי. אַ דימענטן האַרץ געהאַט, אַ מענטש אָן אַ גאַל. און ווער האָט אים נישט ליב געהאַט? אוי, ס׳זאָל נאָר האָבן געווען אַביסעלע מער מזל דערצו!

אָט ווי די מאַמע פּלעגט אים אויסלויבן, קיין מאָל נישט מיד געוואָרן אַנצודערציילן פונעם טאַטן, וועלכער האָט שוין לאַנג געבלייבט אין איר געדעכעניש.

„פאַר אירטווען איז נישט געווען קיין צו טייערע זאַך ביי אים, כאָטש אין קעשענע איז קיין מאָל, גאָט צו דאַנקען, נישט געווען צו גערוים. אַ פּראָסטער בעל־מלאכה קען דען עפּעס האָבן? ר׳איז צופרידן, ער קען אָפּיאָגן ס׳מויל. און פאַר די קינדער? אַ מלאך! דער טאַטע האָט איטלעכס געקוקט אונטער די אויגן. אויך ביינאַכט געווען אומרואיק פאַר זיי: צי עס

איז גוט איינגעדעקט, ס׳דאַכט אים — מ׳האָט דעם קינד צו האַרט אויס־געבעטט. אָט זעט זי אים אין דער פינצטער אַרומקריכן צווישן די געלע־גערס, אַרויפוואַרפן אויף דעם אַ בגד, אויף יענעם — אַ טוך״.

בלויז דאָס ווייסט גאָלדע האָבער וועגן איר פאָטער דעם סטאָליאַר, וועלכער איז אויסגעגאַנגען בעת אַ הונגער־מגפה. געווען מלחמה אין לאַנד, די שלאַכטן זענען דערגאַנגען אַזש אין שטאָט אַריין. אַלץ איז געווען איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. חורבן אומעטום, און ברויט — מיט גאָלד צוגלייך. די דערפער זענען געוואָרן אויסגעפּלינדערט, אַ מויז האָט זיך נישט געקענט זאַט עסן אין ערגעץ. פּאַר אַ לייבל ברויט האָבן רייכע „אָפּגעשריבן״ אַ הויז, אַוועקגעגעבן ירושה־צירונג; אָרימעלייט זענען גע־פאַלן ווי די פליגן. געל, יוירנדיק געשווילעכץ האָט געפראַלט פון קינדע־רישע פּנימלעך, געאייטערט פון ציטערנדיקע שענקלען. וואָרע מתים האָבן זיך אַרומגעטראָגן. דער טיפוס האָט אַראָפּגענומען אַ גרויסן שניט. דעמאָלט איז דער טאַטע אַוועק — —

געוויס, נישט אַלץ געדענקט זי. די מאַמע פלעגט דערציילן. אין גאָל־דעס טריבן געדעכעניש באַלבעט זיך אויך עפּעס, הגם די קינדהייט ליגט אַ פאַרטונקלטע אינעם געוויין פון די יינגערע ברידערלעך, אינעם זויערן, וואַלקנדיקן זיפץ דער מאַמעס. איר יוגנט? ווי אָנרופן די דאָזיקע יאָרן! אַ האַרבסטלעכער פאַרנאַכט, אַ נודנער רעגן, אַ צייט אָן אַדורכגעריסענע פון אַ רויכיק נאַפּט־לעמפּל — אָט וואָס עס האָט זיך באַזעצט אין איר. יאָרן פון פרי דערקענטן עול, האַרעוואַניע, און ערגעץ־ערגעץ אַ טראָפּנדל מאָדנע, אומקלאָרע פרייד, וועלכע איז איר נישט באַקומען, ווייל דער מאַמעס אויגנדעקלעך זענען פאַראָפּיעט, ווייל אין שטוב אין קיין מאָל נישט היימלעך. פאַרוואָס קומט איר דאָס? — שרייט עס טיילמאָל אַרויס פון איר. זי איז דאָך נישט אימשטאַנד דאָס צו פאַרדייען. דערפאַר, אפשר, דער קאָפּנדיקער, נודנער בין השמשות אין געמיט.

...ס׳ערשטע, וואָס זי האָט דערזען אין דעם וועלטל און ס׳האָט זיך איר פאַרגעדענקט, זענען געווען די ברייטע, טונקעלע מאָזאָלנע הענט פונעם פאָטער. אמת, איידער זי האָט אָנגעהויבן באַנעמען די וואָר, איז עס געווען נאָר אַ טשיקאַווע באַוועגלעכע זאַך, וועלכע האָט זיך אָט דערנענטערט, אָט דערווייטערט פון איר, אַ קיצל געטון ביים בייכל, ערגעץ לוסטיק געקלונ־

גען; אַט די זאַך, וואָס האָט אַרויסגערופן נייע שפּירונגען פונעם אַרום, איז אין אָנהויב געשטאַנען אינעם פאַרמלאָזן וואָלקן פון איר פאַרשטיין און פילן. דעמאָלט איז גאָלדע, די טאָכטער פון ראובן דעם סטאָליאַר, נאָך געלעגן אין די ווינדעלעך. זי האָט געוויינט, ווען דער מוטערס ברוסט האָט זיך פלוצלינג אָפּגעריסן פון איר מויל, געוויינט, ווען זי האָט דערשפּירט די בייסנדיקע נעציקייט אונטער זיך. אָבער צו פינף חדשים, בעת איר בליק האָט זיך אויסגעקלאָרט, האָט זי מיט פאַרוווּנדערונג אַנטפּלעקט נעבן זיך דעם טאַטנס גרויסע, האַרטע, ליבלעכע דלאָניע און זי האָט זיך גע־צויגן צו איר, ווי צו ליכט. עס איז איר נאָענט געוואָרן די ראַציקע וואַרעמקייט פון דער דאָזיקער דלאָניע.

ווייטער איז אַלץ צעשוווּמען, אָפּגעריסן ווי ווינט, וואָס נאָך אים בלייבט ווייסער טאָג, ווידער שוואַרצע נאַכט. אַזוי זענען אָפּגעמעקט די קאָנטורן פונעם גראָען געביי, פון וועלכן עס איז אויסגערונען דער כשוף פון נישט אויפגעגאַנגענער קינדהייט; ווייטער איז מוטנער חלום.

— מאַמע! מאַמע...

— וואָס פאַרא מאַמעניש ווידער?

— ברוי־וי־ט!

— אויף מיינע שונאים אַ נאָגלע טויט! פּאָפּן גייטס, מיזראָפּן. אַז די אויגן עסט דאָס מיר אויס!

אַ ליד אַזאַ טרויעריקס, וואָס גראָבט אין דער נשמה.

***

דער טאַטע האָט געהאַט גאָלדענע הענט. זיין מלאכה האָט מען גע־רימט. „אַ פּיסל פון ראובנס אַרבעט איז אַ יופי, אַ גזימס — ווי געשניצט און געהובלט, אַ פּאָלירעכץ. אַלץ לעבט. יעדן פינגער אויסצוקושן... נאָר קיין אַרבעט איז נישט געווען פאַר זיינעטוועגן. די סוחרים האָבן אויס־געפונען בילכערע לייט, וועמען אַוועקצוגעבן אַ גילדן צו פאַרדינען. ווער ס׳קען אַ חנפע טון, ווער עס טאַנדעוועט „שיטער און גלאַט״, אַבי פון אויבנאויף אַ גלאַנץ — דיין טאַטע, גאָלדע, האָט דאָס נישט געקענט״. איז האָבן זיך ביי ראובענען דעם געלויבטן סטאָליאַר געשיילט די מאָזאָל־

נע הענט, די גראָבע, פאַרהאַרטעוועטע הויט איז אַראָפּגעקראָכן מחמת נישט האַלטן אַ הובל חדשים לאַנג, נישט שניידן פּוגעם, וואָס זאָלן אַריינוואַקסן איינע אין דער אַנדערער, פון נישט קלעפּן און פאַרנירן. זיינע ווייך־געוואָרענע דלאָניעס האָבן אַזש געשמאַרצט און די כוחות זענען ביי אים אויסגעדאַרט געוואָרן. זיפץ און טריבקייט האָבן זיך געהאָדעוועט אין שטוב.

און איז נאָכן טאָטן (ווי אין צערינענדיקן נעפּל צייכנט זיך זיין אויסזען, דער שוואַרצוואָנסיקער) דער אַלץ־מיטאַנאַנד אין דער היים געוואָרן דער ברודער דוד, איז ער אויך אַרומגעגאַנגען ליידיק. די מאַמע האָט אים געהאַט אָפּגעגעבן לערנען זיך מאַכן הילצערנע שיך. טרעפּעס טראָגן אָרימעלייט און פויערים. אַזעלכענע ווי אויך אַרבעטער זענען פאַראַן אַ סך. און קבצנים קויפן טרעפּעס. שאול יאַכימסאָן האָט אָנגעהויבן אַ פּראָסטער געזעלן ביי טרעפּעס, היינט איז ער אַ גביר־עצום; הערצקע ראַפּאַלאָוויטש האָט אָנגעקליבן אַ מאַיאָנטעק ביי דעם. מאַכן טרעפּעס לערנט מען זיך אויס גיך, נישט קיין יאָרן באַדאַרף מען אָפּגעבן אויף דעם. דוד איז געווען אַ געראָטענער, האָט ער פלינק געצוועקעט טרעפּעס און אַ צייט האָט אין שטוב נישט אַריינגעקוקט די דחקות. עס האָט נישט פאַרפעלט קיין ברויט מיט קאַרטאָפל. נאָר אַז יונה קלויסקע, דודס באַלעבאָס האָט געזען, ס׳יינגל נעמט אָפּ אַ פּאָר בריוחדיקע גילדן, זענען די אויגן אים אַרויס אויף מיילן ווייט. ער האָט׳ס נישט אויסגעהאַלטן. איין מאָל, נאָכן אַהיימקומען פונעם בית־מדרש, האָט ר׳ יונה זיך אַוועקגעשטעלט נעבן יינגל, געשטאַנען ווי אַ זאַקעציע, געקייט אַ שפּיץ פון דער באָרד, געקוקט, און אינדעם אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ זאָג:

— זאַמלסט דיר, דוד, אַ פּאָר גילדן? גאַנץ גוט, וואויל.

שאָקלענדיק מיטן צעשויבערטן קאָפּ, וואָס אויף זיינע שמאָלע אַקסלען, האָט דער ייד לאַנג נישט אויפגעהערט איבערחזרן:

— אַזוי ווערסטו ווערן אַ מענטש, כ׳לעבן! און, נאָכקלערנדיק, אויסגעקלאַפּט מיט די ליפּן: — „אַוודאי, אוודאי, שוין האָבן אַזאַ יאָר“... ער האָט חניפהדיק געמורמלט און מיט אַמאָל אויסגעבעבעט דאָס, וואָס עס האָט אים אפנים לאַנג געפּייניקט:

— ווייסטו וואָס, דוד, — ער האָט זיך אַ ביסל צוגעבויגן צום יינגלס

אויער — גלעלט ברויך מע נישט אַרומשלעפּן... לאָז עס איבער ביי מיר, הע? ס׳זיכער ביי רב יונהן. מעגסט פרעגן: געוואויגענע רענדלעך!

נישט קוקנדיק דעם באַלעבאָס אין פּנים אַריין, האָט דוד ווייטער געקלאַפּט די הילצערנע שיך און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

„כ׳גיב אָפּ דער מאַמען״, האָט ער געענטפערט אַ פאַרשמירטער, אַ ביסל אַ דערייטלטער. ר׳ יונה האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעקערט פונעם יינגל, עפּעס געקרעקט זיך, געהוסט און געקרעקט זיך. דערנאָך האָט דוד גע־הערט, ווי דער ייד שרייט איבער דער טאָכטער, כעסט זיך, גייט אַרום און מרוקעט.

זינט יענעם טאָג האָט די מערכה דעם יינגלס זיך פאַרערגערט אין ר׳ יונהס אויגן. ער האָט אים צוגעוואָרפן די געמיינסטע אַרבעט, אָפּגעטון אים צו להכעיסן, געביסן מיט די רייד: „דאָוטשע, מיטן הינטן קלאָפּסטו? בינסט חסר־דעה, זע אין! מאַכסט מיך בדיל־הדל! אַן ערל וויל אַזאַ שוך נישט נעמען אין האַנט אַריין, הערסט? פושערסט, פושערסט, בחור. די קונים, מיינסטו, זענען בלינד געוואָרן!...

ר׳ יונה האָט דודן נישט געלאָזן ס׳מויל עפענען און לסוף געוויזן אים די טיר פון דער דרויסנדיקער זייט. דערצו האָט ער אים נאָך דאָס פּנים פאַרשוואַרצט:

— אַ קאַליקע, אַ יונג, — האָט ער צעטראָגן אַ שלעכטן שם וועגן יינגל — און אַ חוצפּהניק אויך. זאָג אים, דעם ראָצער, משוי, ענטפערט ער דיר: פוי.

כאָטש אין דער אמתן נאָך אַ יינגל, האָט דוד זיך שוין געפילט דער קאָפּ פון שטוב. קלויסקעס שפּיצל האָט אים באַליידיקט. יענעם אויף צע־שפּרינגעניש האָט ער דווקא געוואָלט קריגן אַרבעט בשכנות פון יונה קלויסקען. דער געדאַנק האָט דעם יינגל געלאָקט, נישט געלאָזן איינזיצן.

— זאָל ער פּלאַצן!

מיט דעם איינפאַל איז ער אַ צייט אַרומגעלאָפן ווי משוגע. אָבער אומע־טום האָט מען זיך אָפּגעקערט פון אים. דוד האָט זיך פאַר וואָלוול געלט איינגעבעטן ביי די אַנדערע טרעפע־מאַכערס:

— כ׳קען נישט? פּרוווט מיך אויס. און כ׳וועל זיך נישט דינגען.

— ס'שוין נאָכן ברען, יונגערמאַן! אַכיבע איבעראַיאָר מערצעשעם... וועסט אַריינקומען, וועט מען שמועסן.

דוד האָט נישט געהאַט ווו די הענט אַהינצוטון.

די מאַמע איז גראָ געוואָרן אָן יאָרן, צוקוקנדיק זיך ווי דאָס יינגל ראַנגלט זיך מיט די פאַלשע לייט. זי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די טרעפּע־מאַכערס, מעשה באַקאַנטע זיי געזידלט, גערעדט תחנונימדיק, געוואָלט מאַכן ווייך דאָס יידישע האַרץ.

— וואָס אײלט ער זיך, דיין געזעלן, גנענדל? ער וועט נאָך באַווייזן גיין פאַר־זיך. ס'ברענט נישט! ווען איז עס לייכט אָנגעקומען, גנענדל?

זיי האָבן נישט געוואָלט, די באַלעבאַטים, אַז דוד זאָל זיך צוכאַפּן צו דער מלאכה, ווערן אַ צו־גרויסער פאַרדינער. די מאַמע איז אַרומגעגאַנ־גען און געקלאָגט. די אויגן זענען איר רויט געוואָרן, די פּלייצע געזונקען, ווי ביי אַ זקנה, כאָטש זי איז נאָך געווען גענוג יונג און סטאַטנע יידן האָבן זיך געשדכנט צו איר:

— גנענדעלע, אַ שאָד איר מאַכט אַ תל פון זיך...

— ווייבל, וואָס טוט זיך מיט אייך? ווי מעג מען אַזוי?

געווען אפילו אַזעלכענע, וואָס האָבן אָפן געגעבן אָנצוהערעניש דער מאַמען: „ס'טרעפט, מ'זאָל באַהיט ווערן, מ'בלייבט איינע־אַליין. אַ קינד איז טאַקע אַ קינד, אָבער... אַליין איז מען אויך אַ לעבעדיק מענטש. אַזוי־אַ הייסט גאָט אויך נישט". נאָר זי, אַ מאַמע, איז געווען פאַרטון רק מיט די קינדער. און זיך נישט געשווינט. נישט געווען קיין ברירה (דודל דרייט זיך דאָך אַרום הינטער די ווענט), איז די מאַמע אויף ביינאַכט אַוועק באַדינען איטשע סמאָלוכן אין דער בעקעריי — אָנטראָגן וואַסער, אַוועקנעמען די הייסע ברויט פונעם אויוון, טוען אַ האַנטלאַנג. געווען ווינציק בייטאָג איר האָרעוואַניע אין יאַרעצקיס מיל!

צוליב חרפה האָט דוד אין גאַנצן זיך נישט געוויזן אין גאַס אַריין. אויף ביינאַכט האָט ער זיך געלאָזן צום וואָקזאַל אָפּוואַרטן פּאַסאַזשירן. ווען ער האָט אָפּגעטראָגן אַ פּעקל, ווען — אַ פרעמדן — אָנגעוויזן אַ נאַכטלעגער, אַבי אַהיימצוברענגען אַ גראָשן. געווען נעכט — פינצטערע, אָן אימה דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן — אַז ער איז אַהיימגעקומען אָן אַ „פּאַטשאַנטעק". שוין יינגלוויז האָט ער נאָך אַזעלכע נעכט זיך געשלעפּט

אויף די פיס, ווי אַן אָפּגעהאַרעוועט פערד און זיך געשפּירט איבעריק אין דער היים, איבעריק אויף דער וועלט. דאָס ליכט פון די זאַטע הייזער, וואָס האָט ביינאַכט געשניטן די אויגן, האָט אים נאָך מער טרויעריק געמאַכט. שטאַרק נמאס געוואָרן פאַר דעם אַלעם, איז ער פּלוצלינג פאַר־שווונדן פון שטוב. אוועק דאָס ייִנגל. אפשר וועט ערגעץ אַנדערש אים זיין בעסער? ס׳געשעט, דאָס גליק זוכט דעם מענטש ווייט פון דער היים. און דודן האָט זיך אַזוי געוואָלט לעבן. אויף צו להכעיס לעבן.

אָ, ווי פאַרהוילן עס האָט געברענט דאָס בלוט אין מיין עלטערן ברור־דער — דערמאָנט זיך גאָלדען. כאָטש נאָך נישט קיין דערוואַקסענער, האָט ער זיך פאַר קיינעם נישט וויסן געמאַכט און באַשיידן געליטן פון אַלעמ־דינג. ער איז נישט געווען צופיל פאַרקעכלט, אונדזער דוד. און נישט ווי אַ פאַרמשפּטער אויף אַרבעט, האָט ער געטראַכט וועגן אַרבעט; פּונקט ווי אַ פאַרליבטער, וואָס זוכט זיין באַשערטע, האָט דוד געחלומט צו קענען ערגעץ איינשפּאַנען זיינע הענט. ער האָט צו דעם געבענקט מיט אַלע זיינע געלוסטן, געירשנטע פון דער האָרעפּאַשנער אָרנטלעכער היים. און מי־יודע ווי אַזוי עס האָט אים געוואָרפן אין היץ און אין קעלט, ביז דער אָרימער יתום, ווי די מאַמע האָט אים גערופן, האָט געקענט שיקן אַזאַ מין בריוול:

„ליבע מאַמע, ערשטנס פון מיין שרייבן זיי וויסן פון מיין געזונט. דאָס נעמלעכע צו הערן פון דיר אימער און עוויג. צווייטנס קען איך דיר מיטטיילן, אַז איך האָב באַקומען אַרבעט, ניט אויף לאַנג ווייס איך נישט, כאָטש דער מייגסטער זאָגט צו מיך צוהאַלטן. אַנדערע האָט ער שוין אָפּגעזאָגט — ער האָט ליב קינדער פון דער פרעמד, זאָגט ער. זיי זענען פיינער, טענהט ער, ווי די היגע לאַגוסעס. דאָ דרייען זיך אַרום הונדערטער אַרבעטער שלינג און שלאַנג. די ציין ווערן ביי זיי פאַרזשאַווערט, חוזקט דער מייגסטער. אַ פריקרע וועלט, מאַמע! ווער עס לאַכט און ווער עס וויינט״.

די מאַמע האָט אין אַנהויב אַליין נישט געוווסט צי זאָל זי לאַכן, אָדער וויינען. פון צווישן געדיכטן מיל־שטויב, אין וועלכן זי ווערט דערטרונקען טאָג איין, טאָג אויס, האָט זיך פאַרבייגעטראָגן דעם ייִנגלס בלאַסע פנים,

ס'האָבן געפּויקט זיינע ווערטער. צונויפקוועטשנדיק די רויטע אויגן, האָט זי אין זיך איבערגעחזרט דודס ווערטער, צעקייעט זיי ווי איינעם פון די ביטערע ביסנס, וואָס איר איז באַשערט געווען. און זי האָט זיי ענדלעך דערשפּירט מיטן טעם פון געשלאָגענעם: דער מאַמען האָט געגומען אויס־טערליש נאָגן, זי איז געוואָרן שטאַרק טרויעריק, טרויעריק פאַר זיך און פאַרן יינגל, וואָס אין דער גרויסער, אומפריינטלעכער פרעמד. פאַר גאָל־דען, דעם עלטסטן פון די קינדער, וואָס זענען געבליבן מיט איר, האָט די מאַמע זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן:

— וואָלט אַ טאַטע כאָטש געווען... ס'איז גאָר ליכטיקער אין שטוב, און אַ קינד שפּירט זיך אַנדערש, זיכערער. אַזאַ יינגל, נעבעך, שוין אַ וועכעטש ביי יענעמען. ווער עס וויל, ווישט זיך אין דעם אַריין, וואַרפט זיך דערמיט... ווי ז'מיר!

דער מאַמען האָט זיך דאָס פּנים צעשניטן אין אַ פינצטערער גרימאַ־סע. זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און געשטיקט זיך מיט אַ שטראָם טרערן. דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— מיינסט, גוטס קען אַרויסקומען פון אַזוינס?

אַ פלוצלינגדיקע טרוקנקייט האָט געריסן איר קעל; די באַקן האָבן אַ צוק געטון און ווידער האָט זיך פון איר אַ גאַס געגעבן אַ כליפּ.

זי האָט אָפּט געוויינט, די מאַמע. זי, גאָלדע, האָט דאָס נישט געקענט צוזען און צוהערן. די יסורים פונעם הויז האָבן איר געבייטשט. גאַנצענע נעכט איז זי נישט געשלאָפן. אַז מ'האָט צו איר גערעדט, האָט זי נישט געהערט. דאָס מיידל איז געוואָרן שטאַרק אַריינגעטון אין אַ טראַכטן, וואָס האָט זיך אין איר געדרייט ווי אַ רויך, און ס'האָט אויך איר אַרויס־געטריבן פון שטוב. יאָ, נישט אַזוי ווייט די שטוב, וואָס איז געלעגן פאַר־קנוילט אונטער אַ משופּעדיק, שוואַרץ דעכל אין אַ שמאָל געסל, ווי דאָס נישט באַוווסטע, דאָס מעטושטעשע, וואָס אויף יענער זייט פון דער קרעכצנדיקער היים, האָט איר אַ צי געטון.

נישט צו פאַרגלייכן — ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט חיהלע האָט דאָס מיידל (אַ קודלאַטע שוואַרץ קעפּל אונטער גרויסע, ברענענדיקע אויגן און אַן אַלט געצירעוועט קליידל ביז איבער די קני) זיך געפּלאָנטערט אינעם גראָ און בלאָ, וואָס האָט אָקערשט זיך געעפנט פאַר איר אין דרויסן. ווילנוויז

איז איר אַלץ פאַרגעקומען ווילד פרעמד, גלייך דאָס, וואָס איצט, האָט זי ביז אַהער נישט געזען; זי איז געווען בלינד, ווי אַ נייוועבוירנס; די פריי־קייט איז איר געפעלן געוואָרן, און זי האָט באַגערט זי אַריינצוכאַפּן, איינ־שלינגען.

אַ קליינינקע, אַ דין־ביינעקע אין קינדערישע שיך האָט זי זיך גע־טראָגן אינעם מאָמעשן קלייד, אַ שטאַרק אונטערגעשאַרצטס ביי די היפּטן; קליינערהייט האָט זי געטראָגן אַן ערנסט פּנים, געקוקט מעשה־דערוואַק־סענע. דאָס מיידעלע האָט געחלשט צו זיין אַ גרויסע, פאַר דער צייט אַ גרויסע און ווי אַזאַ נעמען אין די אייגענע הענט אַריין דעם גורל און אים פירן. זי וועט שוין וויסן וואָס צו טון! די היימישע שטוב וועט זי אויך מאַכן אַנדערש... זי, דאָס קינדערישע מיידל, אַן אויפשטייגנדיקס פון נויט, האָט געטראַכט באַזיניקט, אַלט.

אַמפּערנדיק זיך מיט לייט, וואָס האָבן זי גענומען נישט ערנסט, האָבן זיך ביי גאָלדען אַזש צונויפגעדריקט די ציין, און אַז מ׳האָט נישט געזען, האָט זי זיך הייס פונאַנדערגעכליפּעט. אויף אַמאָל האָט איר אָנגעהויבן נישט אַלץ געפעלן ווערן, און געוויינט אַ באַליידיקטע. אין איר, דעם קליינעינקן מענטש, איז געבוירן געוואָרן אַ שטורעם פון פאַרביטערונג: נישט געקענט אים אויסלאָדן מיט כעס, מיט כוח — דערפאַר דער אויסברוך פון טרערן. אַמאָל, אין דער היים, געדענקט זיך, אַז עס פלעגט איר באַפאַלן אַזאַ מינוט, האָט זי מיט די פינגער זיך אַריינגעגראָבן אין די האָר פונעם יינגערן שוועסטערל, האָט מיט די פויסטן גיך־גיך אָנגעבוי־קערט אַ פּלייצע פון אַ שכנהס קינד אין הויף. פון דעם פלעגט איר מאָדנע לייכט ווערן. מיט פאַרגעניגן האָט זי אויסגעריבן די טרערן־פאַרטרוקנטע אויגן און ווידער אַריינגעפאַלן אין שטוב צווישן אירע ברידערלעך און דער שוועסטער. זי האָט זיך געפילט אַ באַלעבאָסטע, וואָס טראָגט ווירדיק דעם עול פאַר אַלעמען.

איצט האָט זי זיך אין גאַנצן געטרייסלט.

יאָגנדיק זיך נאָכן אינסטינקטיוו באַגערטן, וואָס האָט אַזוי אומקלאָר געלאָקט, האָט זי אין שרעק (און די דאָזיקע שרעק האָט געלויערט אויף איר) זיך קיין אָרט נישט געפונען צווישן מענטשן. אומעטום איז איר געווען ענג, אומעטום האָט זי געזען דאָס גיריקע, דאָס פרעסנדיקע און

זויפנדיקע. אַך, ווי מענטשן נוצן אויס! מינוטנווייז האָט אין איר געקלאַפּט די פאַרלאָזענע היים, וועלכע האָט דערוואַכט מיט מויל און אויגן, עס האָט איר גערופן די פאַרצאַגטע מאַמע. דעמאָלט איז גאָלדע געוואָרן נאָך מער פאַרעקשנט, דעמאָלט איז זי געלאָפן אויף פון זיך. נישט געוואָלט נאָכגעבן די אייגענע שוואַכקייט, האָט זי זיך געראַנגלט מיט דער טרער, וואָס האָט פון צייט צו צייט אַ זאָט און אַ זינג געטון אין איר ברוסט. דערווייל זענען געגאַנגען יאָרן. דער קליינמיידלשער באַוווסטזיין האָט זיך פּאַמעלעך פונאַנדערגעוויקלט ווי אַ זאַפּטיקער קנאָספּ. גאָלדעס שכל האָט אין דער פרעמד זיך געעפנט אין אַ פולער בלום. אויס קינד, און זי האָט דערשפּירט דעם ווערט פון אירע הענט, פון לאַנג שוין איינגעשפּאַנטע אין יאָך פון אָרימקייט. געטראָגן פון שטורעמס פון אייגענעם געמיט איז זי ווידער געלאָפן פון איין קוועלעניש צו דער צווייטער, נישט וויסנדיק, וואָס איר וואָרט פריער.

***

...אין תחילת, ווען זי איז געגאַנגען פאַר־זיך, האָט גאָלדע זיך גע־שעמט פרעגן דעם באַלעבאָס:

— וויפל וועל איך קריגן פאַר דער אַרבעט? זי האָט געגלייבט: מ'וועט נישט קיין עוולה טון. אַנדערע אַרבעטן אויך... אַ וועלט גענאַרט מע נישט... די מאַמע פלעגט זאָגן אויף מייראַנצן, וועלכן זי האָט באַוואַשן און באַרוימט: „אַזאַ ברויך מיין עוולה? ער איז קורח־רייך..." איצט דער־מאָנט זיך דער מאַמעס טרערן:

„אַז דאָס בית־הקברות איז זיי ווינציק, די נגידים! מיינע קינדערס געשריי זאָל זיי הרגענען, רבונו של עולם..."

דערנאָך האָט זי זיך אָפּגעריסן פון יעדן אָרט, ווו עס האָט איר נישט געהאַרצט, דער יונגענקער גאָלדע האַבער; זי האָט נישט געקענט הויזן מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט ווי שלאַנגען.

— וואָס, פאַרקרימטע הענט האָב איך?

דורכגעברענט פון פּיין, וואָס מאַכן זי אויפּציטערן, ווען זיי שווימען אויף אין זכרון, איז זי אָנגעקומען אין הויז פון אַ דערבאַרעמדיקער מומע פון דער מוטערס צד. אַ יידענע איז דאָס געווען אַזאַ, אַז פאַר אירס אַ רעד

האָט מען מורא געהאַט. „מלכּה די שרייערקע" האָט מען זי גערופֿן. אַ מויל אויף שרויפֿן. און געגנוג געווען אירס אַ קוק, מ'זאָל ציטערן. דער בליק האָט אָפּגעבריט. אין שטעט און שטעטלעך אַרום דער ווייסל, ווו דער מומעס גאַנצע משפּחה האָט געוווינט, האָט מען זיך געשראָקן פֿאַר איר מויל, כאָטש אין דער אמתן האָט קיינער רעכט נישט געהערט איר גע־שריי; מ'האָט נאָר דערציילט, אַז זי קען... די מורא איז גיכער געווען פֿון דרך־ארץ פֿאַר דער מומע, ווי פֿאַר איר געשריי. זי האָט געפֿירט מיטן גאַנצן גרויסן הויז. אין שטוב זענען געווען אַ סך מאַנצבילן — דער מאַן און זעקס זין — האָט זי זיי אַוועקגעזעצט ווי די לעמעלעך. „אַז איך בין דאָ, שווייגט עקו!" — אַזוי האָט זי זיי אויסגעלערנט, און זי האָט געפֿירט די געשעפֿטן, געדרייט דאָס רעדל.

— — — געווען אַמאָל אין ניעשאַווע אַ מויד — אַ צעיוירענער מול־טער טייג — זענען דעם טאַטן דעם פּראָסטאַק נישט איינגעגאַנגען די יאָרן: ס'האָט זיך נישט געמאַכט קיין שידוך פֿאַר דער טאָכטער. איז אָנגעקומען אין שטאָט אַן אָרים־בחור, האָט דער עם־הארץ געטשאַטעוועט אויף אים. ער האָט דווקא געוואָלט אַן איידעלן אײדעם, און ער האָט אים אַריינגעכאַפּט פֿאַר אַ בולקע מיט ראָסל־פֿלייש. צוגעקלעפּט אים די מויד, וואָס האָט געהאַט אַ פּנים ווי אַ שיסל. דאָס־אַ פֿאַרפֿאַלק — ער אַ קליינער, אַ שוואַרצער און דאַרער, ווי אַ ציג אַ נעבעכל, זי אַ גרויסע, אַ צעלאַבערטע און געלבלעכע ווי אַן אויסגעקעלבטע קו — האָט מען אַריינגעשטעלט אין אַ ביידל און אין דעם ביידל אַ טונדל מיט הערינג. זענען מאַן און ווייב געשטאַנען און געלייזט און געזשויבעט, איז פֿון דעם איינעם טונדל אין גיכן געוואָרן צען טונדלעך, פֿון די צען — הונדערט; דערנאָך איז פֿון דעם ביידל געוואָרן אַ געוועלב, פֿונעם געוועלב אַ סקלאַד, פֿונעם סקלאַד — הייזער און געשעפֿטן מיט גרויסע, גרויסע מסחרים. אין דער דאָזיקער שטוב (אַן אָנגעפּראָפּטע מיט געלט, גאָלד און אבנים טו־בות) איז זי עס אַריינגעפֿאַלן, דאָס אָרימע משפּחה־מיידל גאָלדע. געקו־מען, אַרומגעקוקט זיך און זיך פֿאַרלוירן אין די שערענגעס צימערן, אין דער שפֿע און אין דער פֿאַריסנקייט פֿון די זין און טאָכטער, וואָס מיט זיי איז פֿול געווען דאָס הויז. און איטלעכער האָט געהאַט פֿאַרן מיידל אַן אַנדער וואָרט, אַן אַנדערן שמייכל און אַן אַנדער ריח.

דאָך — עפּעס צוזאַגנדיקס, גאַסטלעכס איז געווען אין דער פרעמד־קייט, וואָס גאָלדע האָט דערפילט אין דער רייכער דירה. דער שטייפער שמייכל פון די יונגע קרובים האָט געלאַשטשעט איר מידקייט. זי האָט אַליין נישט געוווסט וואָס, נאָר עס איז איר אפילו געפעלן געוואָרן דאָס נישט צוטריטלעכע ביי די היימישע. פאַמעלעך, ווי די שטילקייט, וואָס לייגט זיך דאָ אין די ווייטסטע צימערן, האָט זיך צום מיידל דערקליבן אַ ביסל רו, אַ מאָדנע אַנדערשדיקע יום־טובדיקייט. אָבער דער דאָזיקער צושטאַנד איז אין גיכן געוואָרן אויס. די מומע מלכה האָט גאָלדען צוגע־רופן צו זיך און געזאָגט:

— הער, קינד! ביי מיר איז אַ הויז, ווו מע דאַרף אַרבעטן. פאַר משפחהנען זיך קריגט מען נישט קיין ברויט, פאַרשטייסט? וועסטו זיין גוט, וועל איך זיין פרום...

אָן שום קונצן.

און צוגעגעבן, אַריינזעצנדיק זיך אין טיפן פאָטעל:

— ווען האַלטן דערביי, וועלעך זיין אַ מומע אויך.

פריקרע, ווי פלוצלינג אַראָפּגעפאַלענע, האָבן אָפּגעברומט די רייד דער פרוי ווייסבוימס (אַזוי האָט מען גערופן די מומע מלכה), אָבער גאָלדע האָט אָפּגעמאַכט נישט שטאַרק איבערנעמען זיך מ'ט דעם. ווינציק גע־וווינט געוואָרן מיט גראָבע פליגל? פועלן דאָס ביי זיך, האָט זי פון דעסט־וועגן נישט געקענט. ווען זי איז געבליבן אַליין, האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ העשען: „אַ מומע, אַ מומע... נישט קענען זאָל מען אַזעלכענע! אַזאַ גראָ־בע זאַך, אַזאַ פּראָסט שטיק, אוכ־כוכו“, און נאָך שטאַרקער זיך פונאַנ־דערגעווייינט. דערנאָך האָבן שוין די יונגע לייט און ס'מיידל — אייגנטלעך: אירע שוועסטערקינדער — גאָלדען גראָב צוגעוואָרפן זייערע קויטיקע שיך, בלאָטע באַשפּריצטע מאַנטלען:

— נאַ, פוץ אָפּ!

באַליידיקט פון דער אַנטבלויזטער שרייאיקער וואָר, האָט גאָלדע געלאָזט ליגן די שיך און פאַלטנס, ווי זיי זענען געפאַלן בעתן וואָרף. פאַר איר נערוועזן בליק האָט די שיין שאַרף געטונקלט, אין די שלייפן גע־זשומט. אַלץ האָט זיך פאַר איר געוויגט. פלוצלינג האָט עס איר אַ שלעפ געטון ערגעץ אַרויף, אַרויף ווי אויף אָרעמס פון אַ ווינט־מיל, אַזש אַ

טערפקע סלינע האָט פאַרכליניעט דעם האַלדז, דעם טרײַט איר צעוואַקלט. אויפגעקומען פון דעם פיינלעכן געפּיל, האָט גאָלדע דערהערט ווי די יונגע הערשאַפטן האָבן זיך פאַרקלאָגט פאַר דער מוטער:

— די מויד האָרכט נישט! די מויד...

די מומע מלכה, אַ הויכע, אַ ברייטע, ווי איינע פון די מעכטיקע קליידער־שענק אין די דאָזיקע צימערן, איז אַ גיי געטון אויף איר; אַרויף אויף איר, זיך אַ וויג געטון מיט אַ פּרייכן און איבערן מיידל זענען ווי שווערע שפּרייזלעך האָלץ געפאַלן איר געקוויטש:

— אָדער אַ מענטש, אָדער אַ מת!

פון די קלעפּ, וואָס זענען געזונקען איבער גאָלדעס רוקן, האָט זיך געטראָגן אַ הילכן ווי פון אַ הילצערנעם פּלויט, וואָס מע צעטרייסלט.

כאָטש געשפּירט אַ טעמפּע, האַרבע ווייטיק (עס זענען אויך איבער־געגאַנגען די אויגן), האָט ס׳מיידל פאַרעקשנט געשוויגן, וואַרפנדיק זיך אונטער יענערס רציחה. די מומע האָט מעסיק געסאָפּעט, אַקוראַט זי וואָלט געשווומען.

— ווילסט נישט זיין קיין לייט, — האָט זי געדעכעט ביי יעדן שלאָג — וועסטו זיין אַ מת!

— אַ מת! — האָט זי לאַנג אויסגעצישעט דאָס וואָרט.

די רייכע מומע האָט גאָלדען אָפּגעגעבן אַ געלעגער אינעם קליינעם אַלקער, וואָס ביי דער קיך. אָפּגעטון איר אַרבעט, האָט ס׳מיידל זיך גע־שפּירט אומהיימלעך אין די גרויסע סאַליעס. צי ס׳איז געווען בייטאָג, צי אין אָוונט פאַרן שלאָפנגיין, פלעגט זי אַלצאיינס אַריין צו זיך אין פינצטערן קעמערל. אַבי זיך נישט אַרומצודרייען צווישן „זיי״. איז גרייט געווען דאָס מיטיק, האָט פרוי ווייסבוים אַריינגעריטשעט אין דער ראָפּ־טעם צעעפנטער טיר פונעם אַלקער:

— פרינצעסן ראָניע, לאַנג נאָך?

אַ קרים געטון די צורה און צוריקגעגאַנגען אָנגיסן די טעלער, קאָ־מאַנדעווען מיט דער דינסט: „גיי״, „וואַרט״! און ווידער: „שטיי נישט אַזוי!״, „פּאַקראַקע״!

גאָלדען האָט זי געגעבן עסן אין אַ טיי־שאָל, און כסדר זי געלערנט:

— עס פֿאַמעלעך... כלאָיע נישט! זופּסט. ווי דו וואָלסט געגאָסן אין אַ קעלער אַריין!

און אַז ס׳מיידל האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר נידערשלאָגענע אויגן — וואָכנלאַנג האָט מע זי געקאָרמעט מיט עסן אין אַ טיי־שאָל, זי איז מחמת הונגער אין גאַנצן אַראָפּ פונעם פּנים, — האָט די מומע זי געמוסרט:

— מ׳טאָר נישט זיין קיין שנאָרייסקע פּאַנע! נישט שיין, אַ מיידל זאָל זיך צעשפּרייטן די קישקע. אַ ביסעלע און דעליקאַט!

און נאָך:

— הינע ביסטו אַ היימישע, האַלט זיך אין דער מדרגה. געדענק, ביסט אין אַ פיין הויז. די קעכין איז נישט דיינס גלייכן.

געשפּירט אַ גרימעניש אין די געדערים, האָט גאָלדע ביים אַראָפּרוי־מען פונעם מיטיק־טיש באַהאַלטן אויף שפּעטער אַ פּענעצל ברויט. בגנבה האָט זי זיך געקוויקט מיט איטלעכן ביסן. פרוי ווייסבוים איז געווען צופרידן מיט דער געזעצטקייט פונעם משפּחה־מיידל. פאַרבייסנדיק די ליפּן, האָט זי פאַרליב גענומען קלעפּ, געליטן פון דער מומעס קנייפּן, די חוצפּה פון די יונגען און דאָס דערווידערדיקע שנירלען מיטן פּיסקל פון דער פריילין. נישט געווען קיין ברירה, האָט דאָס מיידל זיך צוגע־ווינט צו די צרות. זי איז באַשיימפּערלעך געוואָרן מער אייגן דער שטוב און דער מאַדאַם ווייסבוים איז געווען אָנגענעם פּאַר פריינט, וואָס זענען אַריינגעקומען, צו קענען זאָגן: זי האָט אַריינגענומען צו כאַווען אַן אָרימע יתומה פון אַ וויטן קרוב. מאַדאַם ווייסבוים איז געווען צופרידן, ווען זי איז יעדן פרייטיק געגאַנגען אין מאַרק אַריין איינקויפן און ביי איין זייט אירער האָט געשפּאַנט דאָס משפּחה־מיידל מיט צוויי געפלאָכטענע קוישן אין די הענט און די קעכין — פון דער אַנדערער זייט מיט אַ גרויסן שטייפן אויבסט־קויבער אויפן אָרעם. זי, פרוי ווייסבוים מיט די אַראָפּ־הענגענדיקע פליישיקע באַקן אין דער מיט אוןביידע שטוב־מענטשן ביי די זייטן. מיט דרך־ארץ און מיט קנאה האָבן באַלעבאָסטעס געקוקט אויף איר און אויפן גרויסן לעדערנעם האַנט־בייטל. אויף צו פלייסן האָבן די פרעמדע געשטויסן איינע די אַנדערע אין די עלנבויגנס:

— די מאַדאַם ווייסבוים!

— געזעען?... שוין צוויי דינסטן.

דאָס בוך פון די עלנטע

און די גאַסן האָבן זיך געשושקעט, ווען פרוי ווייסבוים איז אַהיימ־געגאַנגען צווישן אירע דינסטן און פון זייערע קוישן האָבן געגענגעט, גע־קוויטשעט און געקוואָקעט געגנדז און אינדיקעס און הינער. מענטשן האָבן שטיל אָפּגעזיפצט אויף זייער אייגענער בידע זעענדיק, וויביידע מיידלעך די ווייסבוימס באַהויבן זיך מיטן גרויסן איינקויף דער גבירטעס:

— הע, באַראָצט און באַגאַנוועדט און אַ גוט מזל...

גאָלדע האָט אונטערגעהונגערט ביי דער רייכער מומע, איז געגאַנגען אין יאָך פון אומאייגענער גרויסאַרטיקייט און זי האָט פאַרקריצט די ציין.

די מומע האָט ביטערע אויסגעפרוווט דעם מיידלס טרייקייט פאַר דער שטוב: זי האָט אומיסטן אין אַ ווינקל אַוועקגעלייגט אַן אויסגעהאַפטן זיידן סערוועטל, אַ ביסל אַן איינגעקויטיקטס, אַ צעקנייטשטס ווי אַ שמאַטקע, כדי צו זען איר, גאָלדעס, באַלעבאַטישן חוש; אין אַן אָרט, ווו מ׳דרייט זיך אַ סך, מ׳גייט אַהין און אַהער, האָט זי כלומרשט פאַרלוירן אַ מטבע, אַן אַסיגנאַציע און קיינער פון די שטוביקע האָט זיך געמאַכט זי נישט זעען. אין מיטן טאָג, ווען גאָלדע איז געווען פאַרנומען אין איינעם פון די צי־מערן — געפּוצט די דראַפּעריעס, אָפּגעווישט די קרישטאָלן — האָט פרוי ווייסבוים זיך אַריינגערוקט אין דעם מיידלס אַלקערל און מיט אַ ליכט אין דער האַנט דורכגעפירט אַ זוכונג. אין איטלעכן ווינקעלע האָט זי גענישטערט. איין מאָל איז דער מאַדאַם געראָטן צו געפינען אַ רעפטל ברויט אין גאָלדעס בעט. ווי מיט אַ וויכטיק געפינס האָט זי מיטן שטיקל ברויט, אַן אויפגעהויבנס אין דער לופטן, דורכגעשפּאַנט אַלע צימערן, הויך אויף אַ קול געטומלט, געטענהט דערוועגן מיט די זין און טאָכטער. אַז גאָלדע איז איר גראָד אונטערגעקומען, האָט פרוי ווייסבוים זיך געוואָרפן אויף איר ווי אַ חולה נופלניצע:

— אַזאַ געמיין שטיק! אַזאַ...

מיט שוים אויף די ליפּן האָט זי געשריגן און מיט די נעגל זיך איינגע־גראָבן אינעם מיידלס האָר.

עס איז געווען ווינטער. ס׳זענען געשטאַנען ביטערע פרעסט. אַ הוילע, אָן וואַרעמע זאַכן איז גאָלדע דעמאָלט אַנטלאָפן פון דער דערבאַרעמדיקער, רייכער מומע.

— פאַרדרייטע הענט האָב איך דען?

דורך שטיקנדיקע טרערן האָט זי פּאַר זיך גופא אַראָפּגערעדט דאָס שווערע האַרץ און איז ווידער אַוועק זוכן איר שטיקל ברויט.
באַשערט געווען נאָך אַ בינטל פּיין, נאָך נסיונות.

***

...נישט געווען מיטן שכל צו באַגרייפן דעם באַרג, אויף וועלכן גאָלדע האָט זיך פּלוצלינג דערווישט. קוים דורכגעשטופּט זיך אַלערליי ענגענישן און נישט דערזען, אַז זי איז דערקראָכן צו סכנותדיקע שפּועים. פון מענטשן אַ געווימל אַזאַ, און פון זיי טרייבט די פּאַריסנקייט! אַ געיעג, אַ געכאַפּ און די איידלקייט זייערע איז אַן אויסטערלישע; אַלץ קוקט מיט שפּיציקע אייגעלעך, מיט ראָזלעכע בעקעלעך, קוקט מיט פּאַרדעכטיקער וואַרטעניש.

אין ציטער האָט דאָס מיידל זיך געראַנגלט מיט איר פּאַרבליבענער קינדערישקייט, און זי איז זיך בייגעקומען.

וואָס פּאַרא גליק! — ענדלעך האָט זי געפונען די באַגערטע האַרטקייט אין זיך.

גאָלדע האָבער די זעלבשטענדיקע, די אויפגעריכטע, וועלכע האָט פון דער אָרימער היים מיטגענומען די אָרנטלעכע צוגעבונדנקייט צו מענטשן, וואָס האָבן זי נישט געוואָלט באַשיימפּערלעך אומברענגען, זי האָט אין איינעם אַ הויז פון איינער אַ שטאָט געפונען אַ מאַן. דער מאַן אירער איז געווען אַ פּשוטער, אַ גוטער. פּונקט ווי זי, האָט ער געוווּסט נאָר פון דעם ערלעכן. באַנאַנד האָבן זיי געבויט זייער נעסט; צווישן זיך האָבן ביידע געפונען אַ טראָפּן פרייד.

איינע די אַנדערע האָבן זיך געקוקט אין די אויגן אַריין.

— גאָלדעלע...

— וואָס, יצחקלי?

— גאַרניש', כ'האָב גאַרנישט געוואָלט. — האָט ער שעמעוודיק אַרויסגעשטאַמלט, גלעטנדיק איר האַנט. — כ'האָב געמיינט, ביסט נישט אין שטוב. ביסט ערגעץ אַוועקגעגאַנגען.

— וווּ 'עלעך גיין, נאַרעלע!

ווי ער וואָלט דערשפּירט אַ ביינדל אין דער קעל, האָט ער זיך פֿאַר־קוקט אויפֿן טיקנדיקן פֿלאַם פֿון דער לאָמפּ.

פֿרידלעך איז געווען אין זייערע ד׳ אמות, באַטעמט דער ביסן, וואָס זיי האָבן פֿאַרדינט. ווי פֿון אַ פֿויזנדיקער כמאַרע איז פֿאַרטונקלט געוואָרן דאָס קאַרגע גליק פֿון גאָלדען (און אַז גאָלדע, מיינט עס יצחקן אויך), ווען אַ ברודער איז געבליבן אָן פּרנסה, ווען מען האָט איר מאַן אָפּגע־זאָגט פֿון דער שטעל, אָדער אירע אייגענע הענט האָבן, איבעריקע, זיך גענומען באָמבלען אויף די אַקסלען. זי האָט נישט געקענט ליידיק־גיין. געוווינט געווען שטענדיק צו האָרעווען, איז איר געוואָרן ווייטיקלעך פֿריק־רע דאָס אַראָפּלאָזן דעם יאָך. דעמאָלט איז די מאַמע אירע, אַ צעבראָ־כענע, אַ קראַנקע אין גאַנצן שוין געפֿאַלן אויף איר געמיט; דעמאָלט האָבן איר אין קאָפּ אַ ברי געטון די צרות פֿון אַלע ביז אַהעריקע יאָרן, בעת זי האָט נאָך נישט באַנומען די פֿרייד פֿון אייגענער מי. דער עסנדי־קער קרעכץ, דער היימישער, האָט זיך צעשריגן. דער אַנומלטיקער האָרבסטלעכער פֿאַרנאַכט, אַ נודנער, ווי אַ שטעכיקער רעגן האָט זיך צעשפּריצט אין גאָלדען. זי האָט אָבער נישט אין גאַנצן נאָכגעגעבן דעם וואָרעם, וואָס איז אויפֿגעקומען אין איר.

ניין, ניין, דעם נמאסן דלות וועט זי טרייבן, פֿאַרטרייבן!

מיט באַהאַלטענעם אימפּעט, וואָס איז געווען פֿאַרוואָרט אין איר מהות, האָט גאָלדע זיך אַ וואָרף געטון אויפֿן קנופּ לעבן, וואָס האָט אין אַ שווערער מינוט אויפֿגעצאַפּלט פֿאַר איר. און זי האָט זיך פֿונסניי גע־ראַטעוועט.

זי האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון קיין שום אַרבעט, זי האָט דאָס געזוכט ענערגיש; אירע געניטע, וויליקע הענט האָבן איר צוגעדינט.

*****

מיט גאָלדען, דער עלטסטער טאָכטער פֿון ראובן האָבער איז, משמעות, טאָקע מיטגעגאַנגען גליק.

זי האָט עס געפֿירט אין אירע הענט, מיט פּשוטן שכל.

איז חלילה, געקומען אַ ביטערע שעה אויף איר הויז, צי אויפֿן הויז פֿון אַ נאָענטן, האָט זי אַ זאָג געגעבן:

— ס׳וועט אַריבער... נאָר דורכלעבן.

און צום מאַן טריי געטענהט:

— נאָר נישט ערגער! וועט מע גרייטן אַ קערץ קוילן ווינציקער; נישט קויפֿן קיין נייע שיך, מ׳עט זיך לערנען באַגיין מיט די אַלטע. ליבערשט אַ ביסל באַהייצונג פֿאַר דער מאַמעס שטוב, אַ פֿאַלטן פֿאַר דודס וועגן. מיר׳ן זיך נעמען אין זינען אַריין, יצחקל... אַבי נישט קיין קאָפּ־ווייטיק. קינדלעבן!

— אַ יום־טוב וועט מע נישט פֿאַרשעמען, האַ, גאָלדעלע?

און גאָר. זי האָט היימלעך געקלונגען מיט די גלעזער, סערווירט צו נאַכטמאָל, גלייך אויף דער שטוב וואָלטן זיך נישט אַראָפּגעלאָזן קיין נייע זאָרגן. און זאָרגן האָבן חלילה נישט פֿאַרפֿעלט קיין מאָל. דאָ דאָס, דאָ יענץ. גאָלדעס גוטסקייט האָט מע געוווסט, יצחקלס איידלקייט אויכעט. איז ווען געווען אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה, איז מע געקומען עס אויס־פּאַקעווען צו זיי. ס׳אַ זיכערער שפּייכלער.

און גאָלדע האָט זיך נישט באַקלאָגט. אָן חשבון האָט זי איר זעלטענע ווייבלעכקייט אַריינגעטראָגן אין די גרענעצן פֿון הויז.

האָט זיך געמאַכט אַ דוחק אין הויז, נישטאָ פֿון וואַנען צו נעמען אַ גילדן, האָט זיך אָפּגעפֿונען אַ שכן, אַ פֿריינד, וועלכער האָט זיך גע־בעטן מיטן געלט:

— נעמט, יצחקל!

גאָלדע האָט זיך נישט געוואָלט מישן. זי פֿילט אַ ווידערווילן צו געלט. „הלוואי קען מע זיך באַגיין אָן דעם! עס וואָלט געווען אַ וועלט אָן ווערעמדיקייט...“ און האָט דער מאַן געליען, האָט גאָלדע אָנגעהויבן פּריצייטיק מאָנען זיך אַליין, געקלערט אין די נעכט: מ׳איז פֿאַרחובט... מ׳האָט טאַקע צו דער רעכטער צייט אָפּגעגעבן און דאָס הויז, כאָטש שטענדיק אַ געקוועלטס, האָט געשמט פֿאַר אַ פּיינס, אַ גליקלעכס.

גאָלדע האָט באַשטראַלט איר היים.

און איז פּלוצלינג געקומען די בראָך פֿון דער היטלער־מלחמה, מ׳האָט

מורא־געקראָגן פאַר דער פעסט, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער מדינות, איז גאָלדע נישט געבליבן אַזוי אָפּהענטיק, ווי איר מאַן.

— יצחקל, האָט זי געזאָגט, דיר מאַך איך ס׳פּעקל און קריג זיך אַרויס פון שטאָט. מאַנסלייט וועלן זיי גיכער טשעפּען. איך ׳על זיך שוין אַן עצה געבן. דו וועסט נאָר צו וויסן טון פון זיך...

יצחק איז אַוועק, און גאָלדע האָט טאָג ווי נאַכט געמאָסטן די צייט, וואָס האָט ווי אַ פּעך זיך געצויגן פאַרן מענטש, אַן איינגעקלעמטן צווישן די ווענט פון זיין היים.

וויבאַלד דער דייטש איז אַריין, האָט מע מורא געהאַט אַרויסצוגיין פאַר דער שוועל; מ׳האָט זיך איינגעהערט אין יעדן טריט הינטער דער טיר; מ׳האָט געקוקט דורך שפּאַרעס און זיך דערשראָקן, ווען עס האָט אָנגעהויבן הויך קלאַפּן דאָס אייגענע האַרץ: דער שונא האָט געלויערט.

...אויף די פּלעצער פון שטאָט האָט דער דייטש אויפגעשטעלט תליהס און מענטשן וויגן זיך אויף זיי. די קעפּ, פאַרקוועטשטע אין די פּעטליעס, זענען פאַרוואָרפן אין אַ זייט; זייערע אויגן, אויפגעריסענע, געלע, זענען פאַרשטאַרט, מוטנע, ווי פאַרפרוירענע שערבלעך. יידן, יידן, — האָט מע זיך געשושקעט אין אימה — אָרנטלעכע לייט נעבעך... זייערע טויטע פיס ווערן געלעקט פון הינט אין מאַרק, ווינט און רעגן פּאַטשט זיי, צוואָגט.

גאָלדע האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם האַמעטנע קלאַפּ. זי האָט זיך אינדעם אַרומגעזען: עס איז נישטאָ איר יצחק און עס איז נישטאָ דער כוח שטאַרק זיך אויסצוווינען. אַ ווײַלע האָט זי זיך געוואַקלט, אָבער זי האָט זיך באַלד געפונען.

אַריין צו דער מוטער האָט זי ווי באַפוילן:

— קומטס, שטאַרבן האָט מע צייט.

די מאַמע, אַ שוואַכע, האָט ציטעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך באַגאַסן מיט טרערן. זי האָט בשום־אופן נישט געקענט פועלן, זי זאָל אַלצדינג איבערלאָזן און גיין: אָפּגעליטן דערביי אַ לעבן און מיט אַמאָל עס מפקיר־זיין?

— גייטס, קינדער, אַליין, אויב ס׳איז אַזוי אויפגעלייגט פון דעם, וואָס אין הימל. איכ׳ל אפשר איבערהאַרן.

מיט גאָלדען איז מיטגעגאַנגען די איינציקע שוועסטער, וואָס איז געווען מיט דער מאַמען.

נאָר איידער זי איז אַרויס פון שטאָט, האָט גאָלדע גענומען אַ האַק אין אירע הענט אַריין און זי אַראָפּגעלאָזן איבער דער שאַנק, איבער די בעטן און קאָמאָד— צעהאַקט אַלצדינג, וואָס האָט נאָך אַנומלט(איידער יצחק איז אַוועק, איידער „זיי" זענען אַריין) פול געמאַכט איר היים, באַשיינט איר וואָך.

עס האָבן זיך געשפּאָלטן ווענט, טירלעך, גזימסן; מיט טרוקענעם הילצערנעם קלונג זענען זיך צעשפּרונגען פּאָלירטע שפּענער, ס'האָבן געדרינזשעט די שויבן, פינקלענדיקע גרין און שאַרף אין אויפגעשווידערטן אומרו.

— —

פול מיט אויסגעריסענע גריבער איז געווען דער וועג. ווי איינגעגליווערט אין דער איבערגעשריגענער פּוסטקייט זענען געבליבן שטיין גאַנצע שערענגעס פּויערישע פורן מיט שטרויענע געזעסן — סימנים פון דאָרפישער באַלעבאַטישקייט: אַ שטיק ליינענע פלאַכטע, אַ הילצערנער צעבער מיט אייזערנע רייפן, אַ מעלק־שעפל; אויף אַ האַלב־אויפגעהויבענעם דישל איז מבולבל געהאָנגען אַ קינדעריש היטעלע. צו אַן אונטערשטער אַקס פון אַ וואָגן איז געבליבן צוגעקניפּט אַ גראָבע קאָנאָפּלענע שטריק. אַ קו, צי אַ חזיר האָט זיך פון איר אַפּגעריסן בעתן ווילדן שגעון, וואָס האָט זיך דאָ אויפגעהויבן. ס'האָט זיך געהערט סמאַלענעס. מענטשן פאָרנדיקע, גייענדיקע אין מענגעס זענען זיך צעלאָפן גאָר פּלוצלינג, אין געשריי און אין ווייטיק זיך געשטיקט. די טויטלעכע אויסגעלערטקייט פון אַ מדינה האָט דאָ געוואָיעט! ווו־נישט־ווו האָבן געשטונקען געהרגעטע פערד, חורבות פון אויטאָמאָבילן האָבן זיך געוואַלגערט, אויף אַרויף אײבערגעקערטע האַרמאַטן, איינצלנע שווערע, אייזערנע רעדער, וואָס זענען מיט אימפּעט פון אַ שליידער אָפּגעלאָפן אַ מהלך. מיט ערד אויסגעמישט זענען דאָ און דאָרט געלעגן שטיקער פון שטיוול, דורכגעברענטע שינעלן, געלעכערטע זעלנערישע פּיקלהויבן, פאַרקרימטע וואָגן־לאַמטערנעס. און וואַליזעס האָבן זיך געוואַלגערט, געפּאַקטע זעק מיט זאַכענעס,

מיט געוואָרפן שטוביק לעבן. פון די צעריסענע מענטשישע לייבער מיט אַרויסהענגענדיקע אינגעווייד, קעפּ מיט בלוט־פאַרבאַקענע האָר, פון פלייש אָפּגעשיילטע מענטשישע פיס מיט איבערבלייבעכצן פון סאָלדאַטסקע ווּיקלערס, — פון דעם אַלעם האָבן זיי אָפּגעקערט די בליקן, גיכער גע־גאַנגען. טייל מאָל איז גאָלדע אָ לויף געטון אַזוי, גלייך זי וואָלט דער־שפּירט אויף זיך אַ האַסטיקע בייטש. דער וועג איז באמת געווען אַ סכנה־דיקער און גיין געלאַסן האָבן איר נישט געלאָזן אויך די טשאַטעס קראָען, זיך אויפהויבנדיקע אין דער לופט מיט אַ שאַרפן געשריי. אין די דאָזיקע מינוטן האָט זי אויפסניי דערזעען די אכזריותדיקע בלוט־מאַסע, אַ רע־ווענדיקע, אַ קריצנדיקע, אַזש דער שאַרבן האָט איר אָט געפּלאַמט, אָט געקילט. פּלוצלינג איז זי אַ לויף געטון, און זי האָט רעכט געפילט, ווי די נייע נויט, וועלכע זי האָט אָקאָרשט דערלעבט, דריקט אויף אַלע פאַר־הוילענע פּרוזשינעס אין איר. די ברוסט האָט זיך געוואָרפן, צום רוקן האָט די וועש זיך צוגעקלעפּט. תמרן — די שוועסטער — האָט זי נעבן זיך נישט באַמערקט; אירע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן. דורך די פאַר־הלושעטע אויערן האָט זי נאָר פאַרנומען דאָס שטאַרקע דעכען פון יענער. תמר האָט איר נאָכגעאיילט מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם. אומגעקוקט זיך אויף איינאַנדער האָבן ביידע שוועסטער ערשט ווען עס האָט זיך געזעען אַ נאָענטער ישוב.

שוואַרצע דעכלעך האָבן אַקעגנגעפּויזעט, געקראָכן מיט צעדריוולטע, רויכיקע עקן — אַ נאָקעטער גאָרטן האָט עלנט אַרויסגעשטאַרצט פון הינטער אַן אַדורכגעווייקטן פּלויט, וועלכער האָט דאָס פאַלנדיקע שטיק פינצטערניש זיינס געשפּיגלט אינעם שווערן באַטאָגיקן הימל.

***

מעת־לעתן נאָכאַנאַנד האָט געגאָסן אַ רעגן. די לופט איז געווען שניידיק, פייכט און די גייערינס האָבן זיך אַ רגע אָפּגעמונטערט: „אוי, אַ שטאָט !...“ און אַז אַ שטאָט, האָט תיכף אַ פּאַטש געטון די מורא: „דער רוצח...“ אַז ער האָט זיך אַריינגעקראָגן אומעטום, שפּאַרט פון אַלע ווינקעלעך!

אַוועקגיין פון דאַנען? דאָס אַנגסטיקע דורכקריגן זיך דורך אַלע וויסטע אומוועגן און סטעזשקעס האָט מיד געמאַכט. און די פאַרלאָפענע טעג און נעכט האָבן געפייניקט. ווי נאָך לויות זענען דערפער געשטאַנען ביי זייערע טשאַדיקע האַלעוועשקעס; געגערטע פון גרייזן ווינט, האָבן די שרפות פון שטעט נאָכגעוואָרפן אַרויסגעצויגענע שאַרפן פון פלאַם. אַרום האָט עס געשיפּעט און געראַיכערט מיט עסיקן רויך. אַלץ, אַלצדינג האָט געליימט דעם שריט, מיט ספּאַזם געוואָרגן דאָס צונויפגעשרומפּענע האַרץ. ווי אַ שאָטן האָט אַ הונט גיך זיך פאַרבייגעגליטשט און שדיש, מיט אַ כריפּ, נעלם געוואָרן אינעם תהומיקן פלאָנטער פון דער גליאיקער וואָר. אין גאָלדעס אונטערבאַוווסטזיין האָט זיך איצט געשטיקט דער להכעיסדיקער חשק צו הערן אַ שטאַרק בילן, אַ ברוסטיק געשריי, אַז זי זאָל קענען אויפקומען, פּעסט אַ שלעפּ טון די שוועסטער: תמר!

עפּעס מעכטיקס — מער ווי געשפּאַנטע נערוון, שטאַרקערס פונעם שכל, האָט זיך געריסן פון גאָלדעס וועזן, זי געשטויסן, געצופּט: זעסט?... זע! זי האָט אָבער נישט געקענט זיך אַרויסקריגן פון דעם צושטאַנד, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט ווי אַ חלשות, זעענדיק דאָס, וואָס האָט זיך ווי אַן אויסשפּרייטנדיק, פליייצנדיק וואַסער געעפנט פאַר איר —

דייטשן, דייטשן! זיי רינגלען זי אַרום... גרויסע דייטשן און גרויסע הינט ביי זייערע פיס. אַלע קוקן זיי אויף איר מיט גרינע אויגן: „יידין?"

מעכאַניש האָבן זיך ביי איר באַוועגט די פינגער. די הענט זענען געווען אַזעלכע בלייערנע. דאָס קאָפּ־טיכל האָט זי אַראָפּגערוקט נידעריק איבערן שטערן. „און זי פאַרשטייט נישט, אַז מע מיינט דאָס איר".

— יידין?

און אפשר הערט זי נישט?

ניין, זי וועט זיך נישט אויסגעבן. און אַז די שטשורעס וועלן וואַגן, וועט זי זיך איינשטעלן — די אויגן זיי אויסקראַצן. ס׳בלוט מיינס זאָלן זיי נישט זען! זי וועט זיך נישט לאָזן דערנידעריקן... גוט אַזוי; זי פאַר־שטייט נישט. זי איז אַ קריסטין! ווּעסט געדענקען?...

אין גאָלדען האָט אַלץ געהילכט, אינערלעך געגרעדט אויפן גאַנצן קול און די ציין האָבן זיך ביי איר צונויפגעדריקט. איר געביס האָט אַזאַ האַס־טיקן סקראָבע געטון די איינגעשטשעמעטע שטילקייט, אַזש תמר, וועלכע

האָט באַגלייך מיט דער שוועסטער זיך געהאַט אַנידערגעשטעלט דאָ אויף אַן אָרט, האָט גאָלדען אַ ראַפּטעמדיקן ריס געטון ביים אָרעם:
— הער אויף! זעסט דען נישט?...
זי האָט נישט געזען דאָס געזעענע, גאָלדע האָבער, כאָטש זי איז אין גאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ראיה; זי האָט געפּלאָמט מיט די אויגן, זיי האָבן איר ווייטיקלעך געדריקט אין די נעסטן און בלענדיק ווייט געלויכטן. די וויעס האָבן זיך אויסגעלענגערט, די ברעמען — אויפגע־הויבן זיך און אויך זיי האָבן געקוקט, ציטערנדיק געקוקט. גאָלדע האָט געפּלאָקערט, ציענדיק זיך צו דעם, וואָס האָט עקשנותדיק זיך אַוועקגע־שטעלט אָט־אָ־דאָ. איר לייב, אַ שטייף געוואָרנס, האָט זיך געטרייסלט אין קאָנווולסיע.
— — — די מאַט־גלאַנציקע רעלסן זענען איר נאָכגעגאַנגען אַהער. פאַרוואָס האָט זי זיי נישט געזען? זי מוז שוין זיין בלינד!... דער קאָשמאַר, וואָס גייט איר נאָך, פאַרפּאָלגט זי, האָט זיך אין אייזן געפּאַנצערט; ער וויל זי דערדריקן — — ווי דען?
— אָאָאָ־אָ, יצחק... י־יצצ־ח־ק!!!
איר האָט פּלוצלינג אַ שניט געטון אינעווייניק. זי האָט טיף אויפ־געצאַפּלט, און ווי אַ קינד אַנמעכטיק זיך איינגעקלאַמערט אין דער שוועס־טער, וועלכע איז פון איר נישט אָפּגעטראָטן.
„גאָלדע! גאָאָל־דעע!" — האָט יענע, אויסציענדיק יעדן קלאַנג, גע־שעפּטשעט מיט אַ באַנומען קול. צו גאָלדען, וועלכע איז געשטאַנען בלייך און ציטערנדיק, האָט נישט דערגרייכט דער שוועסטערס אינטענ־סיוו אָנגעגאָסענע שטים. גאָלדעס אויגן, אַרויסגעזעצטע, אויסגעקיילעכטע, האָבן שטאַרק זיך געצויגן אַהין, אַהין — — —
און דייטשן מיט קירבעס־פּנימער, דייטשן מיט ביקסן און צאָרניק געשריי האָבן געשפּאַרט אויף איר, געהאַוקעט. גאָלדע האָט זיך אַוועק־געבויגן, צונויפגעקאָרטשעט זיך און מיט די פינגער זיך איינגעגראָבן אין דער שוועסטערס אַרבל, געבריט יענער מיט איר אָפּגעהאַקטן אָטעם. גאָלדען האָט געעקלט פון די קרומעוואַטע, אָנגעבלאָזענע צורות און זי איז געלאָפן פון זיי און די לאַנגע הילצערנע שייערן, וואָס דערנעבן, די רויטע, געלע, גרינע לאָמטערנעס אויף אַן אייזערנעם שירעם, האָנט־

וועגעלעך מיט ריזיקע קאַסטנס, אַ פענצטער מיט אַ ווייסע פאָרהאַנג — אַלץ, אַלץ איז מיט איר מיטגעלאָפן. די אייגענע אויגן האָבן איר געאַרט אין די לעכער, די האָר אויפן שאַרבן זענען געווען קאַלט און נאַס און דאָס טיכל איבערן שטערן האָט זיך געצונדן, געגומען פלאַקערן רויט און געל, ווי שקיעה אויפן שניי.

זי האָט זיך אומגעריכט אַוועקגעזעצט. גלייך סכנה וואָלט דאָ נישט געפאָכעט, גלייך נישט זיי, די דאָזיקע, זענען עס די דייטשן.

ווי אַ סטויפ אויף אַ פאָר פיס, האָט די שוועסטער זי צוגעשלעפט צו אַ געדיכטן קוסט (אַ קוסט צווישן קוסטעס), אַראָפגעזעצט זי, דעם קאָפ אַראָפגעדריקט, אַז מ׳זאָל זי נישט אַרויסזען. גאָלדעס קאָפ איז נידעריק געהאַנגען אין דעם ברייט צעוואַקסענעם נאַקעטן בעזעם־געצווייג און גע־פלאַקערט, שטרעקנדיק זיך אַהין, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס געאַנטע בהלהדיקע געשריי אירס. גאָלדע קוקט, קוקט, די רעלסן מעכ־טיק גלאַנציקע, לויפנדיקע מגושמדיקערהייט, זשומען און פאַרטויבן זי, ווערגן איר רוף: י־יצח!...

אַ היפשע ווײַלע האָט זי נישט געשפּירט ווי די שוועסטער בריהט זיך מיט איר, שטופּט זי מערער אַריין אינעם געצווייג, מורמלט איר הייס און באַפוילנדיק אין אויער אַריין: „דערבאַרעם זיך, זיץ!“

גאָלדעס שוואַרצאַפּלען האָבן זיך נאָר איבערגעקערט קוקנדיק — — מענטשן, אַ סך מענטשן מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס, מיט קליינע קינדער, מיט אַלטעטשקע לייט ביי די הענט. אַלע ציטערן זיי, ווי אויף אונטערגעהאַקטע פיס. אַלע זענען בלאַס, געפרוירן, פאַרקאָרטשעט. זיי באַוועגן זיך ווילנלאָז, אָן כוחות, לאָזן זיך אַראָפּ אויף די קני, ווערן גריך, וואַקס־געל. די פּנימער זענען אַזעלכע אויסגעצויגענע און גאָלדעס אויגן דריקן, שפּאַרן אַרויס לויפנדיק צו זיי — — חמרים מענטשן אַזוינע זיצן אויף די קני לענגאויס די רעלסן; זיי שווייגן מיט מאָדנע אויסגעקרימטע מיילער. שטיל, און עפּעס וואַרט מען. איינער בלויז, אַ הויכער, אַ ווייס־האָריקער מיט אויסגעשנאָבלטע גראָבע ליפּן שטייט איבער אַלעמען מיט ביקס און באַגנעט, דרייט מיט די פינגער זיינע קאַצענע וואָנסעס. גאָר פּלוצלינג האָט דער דאָזיקער זיך אַ וואָרף געטון ווי אין אַפּאָפּלעקסיע און ווילד, רויט אָנגעבלאָזן געשריגן צו די פרויען, צו די מענער און

יונגוואַרג, זיצנדיקע ביי דער משונהדיק צעעפנטער אומגעהאַרישער אייזערנער שער:

— יודען, די הענדע פאַררראואוס!

דאָס געשריי דונערט, קייקלט זיך ברוגז, רייסט אויף.

גלייך ער גופא וואָלט עס געווען דער שאָס אינעם פינצטערלעכן טאָג אַרייך, האָט דער שרייער אין אימפעט פון זיין צאָרן אַ שפּאַן געטון צו די רעלסן, אַראָפּגעלאָזן אויף זיי אַ געקאָוועטן שטיוול און ווידער געריוועט:

— לעגען זי די הענדע הין, שנעלל!... זאָ!

שווייגנדיק האָבן מענטשישע רוקנס זיך אַ בראָך געטון פאַראויס (אַ העשען און אַ טרוקענער שאָס האָט ערגעץ אַ צופּ געגעבן) און הענט און הענטלעך האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויפן טונקלענדיקן אייזן. פנימער האָבן אַראָפּגעזונקען.

הענט צאַפּלען זיך אויף די רעלסן און אויגן — די אויגן פונעם קוסט, וואָס אין דער זייט, שפּאַרן, פלאַקערן.

...און עס האָט זיך אָנגעטראָגן אַ העפטיקער פייף. אַ גיך־גיך סאָפּן און פרייכן פון אַן אָנגעלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו און אַ פלוצלינגדיקער, שטאַר־קער געקוויטש האָט דורכגעעקבערט די לופט.

אַן אַדורכגעביסענע האָט גאָלדע זיך אַ ריס געטון פונעם קוסט אַרויס. זי האָט גענומען לויפן און די געלענקען פון אירע הענט האָבן געשניטן, שאַרף געווייטיקט ווי ווילד אָפּגעריסענע. אינעם אויפגעשווידערטן דרויסן איז זי געלאָפן מיט איר ברענעדיקן ווייטיק און אירע אויגן — גאָרנישט זעענדיקע, שטעכיק פאַרפרישעטע — האָבן געפלאַקערט פון אויסטערליש שניידיקן ליכט. אַ צעטראָגענע האָט די שוועסטער איר נאָכגעאיילט און טרערנדיק געמורמלט:

— גאָלדע, גאָלדע, וואָס וועט מע טון?

זי האָט נישט געענטפערט. פאַר גאָלדעס צערודערטן בליק זענען געהאָנגען די רעלסן און אויף זיי — הענט, הענט...

אין דעם דאָזיקן האַרבסטיקן טאָג איז קיין רעגן מער נישט געגאַנגען. אויף דער באַן־סטאַציע קאָלושקי האָט דאָס מענטשישע בלוט פון די יידן באַוויזן איינצוגליווערן.

דערציילונג פון זאַכן

— אויף זאַכן האָבן זיך זייערע גורלות, זייער לעבונג. „ווער עס קומט אויף דער וועלט אין אַ זיידענעם טשעפּיק און ווער מיט אַ פּ... אויפן קאָפּ". און זאַכן גייען נאָך, משמעות, דעם מענטשנס פּוסטריט.

יונג און אַלט האָבן געקענט די משפּחה צעמאַך.

מאַנעס צעמאַך איז געווען אַ פאַרחושכטער בלעכער. אַלט־לאָדזש האָט אים געוווסט אַ פאַרריסטן, נעבעכדיקן באַלמעלאָכע. ווו עמעצער האָט געהאַט אַ פאַרזשאַווערטן טאָפּ מיט אַ לאָך, אַ רינענדיקע פאַן, אַ דאַך, דורך וועלכן מ'האָט געקענט ציילן די שטערן, — אַלע האָבן געקאָנט דעם פראָסטן בלעכער מאַנעס. און וויפל מ'האָט אים געשטופּט אין האַנט אַריין פאַר דער אַרבעט, איז מה־טוב. ער האָט נאָך אַריינגעשפּיגן אין דער דלאָניע און דעם „זעקסער" צי אָנדערהאַלבן פּאַים געדרוקט אין קעשענע אַריין און ווייטער געקראָכן מיטן לייט־אייזן איבער פאַראָסטע שברי־כלים, געשוויצט ביי דער האָרעוואַניע און קוים אָפּגעיאָגט ס'מויל. דער יגיע־כפּימניק האָט זיך צו קיין עשירות נישט דערשלאָגן. זיין שטוב איז געבליבן אָן אָרעמע מיט אָרעמע זאַכן, וואָס האָבן זיך רק געגוויטיקט דאָ אין אַ טשוואָק, דאָ אין אַ ניי פּיסל, אַ שטיקל לייסט, אַ לאָטע.

דער מענטש איז אַרומגעקראָכן אין בכבודיקן דלות. אַלץ פאַר־ראָכטן, אַ בענקל אויף דריי פיס נישט געלאָזט פאַלן, די שאַפע כסדר אויפגעפרישט, אַז די האַלץ־ווערים זאָלן זי נישט אין גאַנצן חרוב מאַכן. מאַנעס האָט זיך געשפּיגלט אינעם „ביסל בעטל", אין וועלכן עס זענען

געלעגן די אַמאָליקע כוחות. פריערדיקע חלומות האָבן אין בידנעם האַרץ אויפגעטויכט, ווען ער האָט אַ קוק געטון אויפן ירושהדיקן מאַרזשער, וואָס איז געשטאַנען איבער דער הרובע אַן אָפּגעפּוצטער, בלאַנקענדיקער, ווען ר׳האָט אַ מוציא־מעסער געשלייפט אין אַן ערב שבת: איי־ייי־איי!

און אין די מידע אויגן האָט אים די יוגנט נאָך אַמאָל אויפגעשיינט.

די זאַכן האָבן מאַנעסן סוף־כל־סוף איבערגעלעבט. אויסגעבלאַקירטע, אָפּגעדינטע, נאָר פּאָרט געבליבן.

*****

... אַ שטיקל אָנדענק. טאַטע־מאַמעס הויז... זינט מענטשן געדענקען, האָבן קינדער די טבע צו פאַרוואָרן אפילו אין קלייניקייטן, וואָס בלייבן פון דער היים, דאָס הייליקע געדעכעניש, די אייגענע צוגעבונדנקייט צו די, וואָס האָבן זיי אַרויסבאַגלייט אויפן שליאַך פון לעבן.

נאָר מאַנעסעס זאַכן האָבן שלא כדרך־הטבע געהאַט אַ פינצטער מזל.

נאָך ביים לעבן, אַז דער פאָטער האָט געוואָלט דעם זון מהנה־זיין מיט אַ חפץ פון זיין באַלעבאַטישקייט, האָט ער זיך אָפּגעשאָקלט דערפון:

— מ׳ברויך נישט, טאַטע!

— מאירל, דער מאַמען עליה השלום צוליב. זי האָט זיך געצירט דערין!

— מ׳ברויך נישט...

און אַז מאַנעס איז פאָטערלעך צוגעשטאַנען צו אים: מאירל, מאירל, וואָסיז? — האָט דער יורש נישט ניחאדיק געענטפערט:

— האָסט עס געקויפט פאַר דיר, „בעזשיע״ עס ביז הונדערט און צוואנציק יאָר... איכ׳ל שוין האָבן.

מאַנעס בלעכערס זון האָט אינעם טאַטנס ביישטידל נישט געקענט זיך אַריינשטעלן. ער האָט נישט געקענט!... ס׳האָט עפּעס נישט געפּאַסט. „ס׳שוין נישט דער אַנומלטיקער ישוב מיט די „זעקל־יידלעך״, טאַטע. לאָדזש איז אַ כרך! ווי זשע זאָל אַ היינט־וועלטיקער יונגערמאַן...״

מיט האַלבע רייד, מיט מאָדנע תניעות האָט דער זון אָנגעוווּנקען אויף עפּעס, נאָר דער אַלטער האָט עס נישט באַנומען.

מאיר צעמאַך איז געוואָרן מאַרעק צעמאַך. אַן אַרכיטעקט איז ער געוואָרן און מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ קענער. געצייכנט פּלענער פאַר די שענסטע „קאָמעניצעס״, אַליין געקראָכן צווישן אַרבעטער אויף הויכע רושטאָוואַניעס פון נייע מויערן, אומעטום צוגעטייטלט מיט די פלינקע פינ־גער. ער האָט פאַבריקן געבויט. דער מענטש האָט געברענט אין זיין טואונג.

מאַרק צעמאך האָט פון דעסטוועגן געוווינט אין אַ באַשיידענער דירה. אין זיין קאָכעניש האָט ער נישט קיין צייט געהאָט זיך אַרומצוקוקן אויף זיך, אויפן אַרום.

איז האָט דער אָרנטלעכער טאַטע גענומען און אָפּגעשטאָרבן, איז מאַרק צעמאך טרויעריק שבעה געזעסן. די אַליינינקע אבל־שטוב איז געבליבן שטיין אַ פאַרמרה־שחורהטע. נישט קיין אַרויס, קיין אַריין פון קיינעם. די איבערגעלאָזענע לאָכעס מאַנעסעס האָבן פרעמדע מענטשן פונאַנדערגעטראָגן ווי שפּענער. דאָס יאָרן־לאַנג אָפּגעהיטע מעבל האָט געקנאַקט אויפן פייער פון פרעמדע הרובעס; פון מאַנעס צעמאַכס אָפּגע־שוינטע מלבושים האָבן אָרעמעלייט איבערגענייט הויזעלעך און מענטש־לעך פאַר זייערע קינדער. דער דורותדיקער מאַרזשער איז נאָמענלאָז אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער שטוב. מאַרק צעמאַך האָט געוויכט פון דער אָרעמאַנסקער ירושה. ס׳זאָל נישט זיין פאַר אים געדאַכט... ער׳ט גיין אויף אַן אַנדערער וועלט!

אַנדערע דרכים, אַנדערע צייטן. און גאָר.

ווען ער איז געקומען צו געלט (ער האָט געביידעס, פאַבריקן אויס־געבויט פאַר רייכע לייט), האָט מאַרק צעמאַך פאַר זיך אויפגעשטעלט אַ װונדערלעך הויז. ברייטע פענצטער, מאַרמאָרנע טרעפּ, גלאָט־גע־שפּאַכטלטע ווענט, געדעקטע מיט לאַקיר, אָקסעדירטע קלאַמקעס, זיידענע פאָרטיערן און אַ שלל ליכט אויף דעם רויטלעך פּאָלירטן מעבל מיט די געגילדטע, קלעצלדיקע פיס. לעצטע מאָדע! אַהער האָט מאַרק צעמאַך זיך אַריבערגעקליבן. אין די געררוימע זאַלן מיט די זשיראַנדאָלן און דראַ־פּירטע גאָבעלינען, וואָס האָבן אויף אַ מיסטעריעזן אופן געדעמפּט די זייער הייסע, שטויביקע זון, האָבן אַנדערש געקלונגען די שטימען פון דעם איידעלן ווייב, פון די גוט געכאָוועטע קינדער. צעמאַכס אַלטע דירה

איז געבליבן שטיין אַ צוגעשלאָסענע, אַ פאַרעלנטע, כאַטש אויף אַ לעב־האַפט־באַוועגלעכער גאַס. זי האָט אים אָבער נישט געלאָזן רוען, די איינזאַמע דירה, אין בלוט האָט זי צו אים געשריגן: וואַ־וואַ! אַזוי לייכט פאַרגעסט מען דעם נעכטן? געמיט האָט ער געהאַט, דער שטענדיק פאַר־טועגער מענטש, איז ער איין מאָל אַוועק אין דער פאַרלאָזענער וווינונג. אָפּגעריסן אַ שטיקל צייט און אַוועקגעזעצט זיך צווישן די שטויב־פאַר־לאָפענע זאַכן און חפצים, באַדאַכט זיך איינגעקוקט אין זיי. אין תחילת האָט ער רעכט נישט געזען דאָס, וואָס זיינע אויגן האָבן אינסטינקטיוו דערווישט; אין דעם אויגנבליק האָט ער נישט אָפּגעשפּירט דעם צאַפּל פונעם אייגענעם האַרץ, וואָס האָט אַ רגע לאַנג אויפגעציטערט אין אים. אַזאַ אויסטערלישן צאַפּל דערשפּירט מען נאָר נאָך יאָרן זעלבסטפאַר־געסונג.

מאַדנע, מאַדנע.

— מאַמעלעך מיינע! ווי נאַריש מען איז, וואָס האָב איך געטון? אַלץ אין אים האָט גערעדט.

די טונקל־ברוינע שאַנק מיטן געשניצטן גזימס, האָט זיך אים אויס־געדאַכט, בלאָזט זיך אויף אים: אַזאַ יופי ווי מיך, פאַרשעמט מען? איר מאַטער שימער האָט אויף אים געקוקט אַלט פריילנש, שטויביק, ווי דורך צעשאָטענעם פּודער. ברוגז איז געווען דער פּלייציקער קאָמאָד מיט די זעקס שופלאָדן, דער גרינער בייכיקער קופערט; פאַראיבלדיק, מיט מוט־נעם בליק האָט זייטיקן געבייזער צוגעוואָרפן דער קופערנער שעפער מיט די ברייט צעשטעלטע אויערן. דער שפּלער האַנטעכהאַלטער בלינצלט זקניש פון שפּינוועבס פאַרוואָקסעניש אַרויס און שאָקלט באַדויערלעך מיטן קורצן, בלינדן שטערן: אוי־אוי, ווי איז דיר נישט קיין חרפּה? די וויג אויף די ביעגונעס, וואָס האָט אויסגעלוליעט דיינע קינדער איז דיר אויך עפּעס שולדיק?... משל דיר, אַ מאַמע! אַז אַ מאַמע קומט אין די יאָרן, בלייבט זי דען נישט אַ מאַמע, טרייבט מען זי פון זיך? איי־איי, רעכט־געשאַפענער מענטש, ווי קנאַפּ ס׳איז דיין שכל!

ער האָט זיך נישט געקענט צעשיידן מיט די זאַכן, ווי מיט ליבלעכע קרובים, וועלכע מען פירט אַליין אַריין אין שטוב צו בלייבן הויזן מיט זיך, באַגלייך מיט זיך צו וואַקסן, פאַרטרויען זיך איינע די אַנדערע. קען

מען אַזעלכע פֿאַרגעסן? און נאָך מיט וואָס פֿאַראַ שוועריקייטן ער האָט דאָס אַלץ אַריינגעבראַכט אין שטוב. אוודאי, די וועלט שווימט, שווימט, און דו מיט איר... נו, ס׳איז שוין נישט דאָס אייגענע. מען ווייסט, מ׳ווייסט. אַ שאָד, ס׳איז אַזוי קורץ דער מהלך, וואָס איז געשאָנקען געוואָרן דעם זלידנעם נפש — — די געדאַנקען האָבן אים פֿאַרשלעפּט. ראָז האָט צו אים געשמייכלט דער דאָזיקער פֿאַרנאַכט. די גאַנצע וועלט איז געווען צו אים אויסטערליש לייטזעליק: „קינד מיינס!״ די אַראָפּגעלאָזענע שאָטנס האָבן אים געגלעט, געהאַלדזט. און מאַרק צעמאַך האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פֿון דעם אַלעם. אַזוי קלאַמערט זיך דער מענטש אין די זכרונות פֿון זיין פֿרילינג, כאָטש ער איז געווען אַ קנופּ פֿון גוססע טעג.

עס איז נישט געווען קיין גרויסער תכלית די זאַכן צו האַלטן אין אַן אָפּגעשלאָסענער דירה. מ׳באַדאַרף זיי צוזען, באַלעבן זיי מיט מענטשלעכן אָטעם. זאָל זיך אים דאַכטן... אין געלט איז ער נישט געווען געקוועלט, מאַרק צעמאַך, האָט ער גענומען און אַרויס־שטאָט אויפגעבויט אַ ווילע. אומיסטן אויפגעבויט, פֿאַרפלאַנצט אַ גאָרטן דערנעבן, און אַהין, אין דעם שיינעם אָרט, אַריינגעפירט זיינע חתונה־זאַכן. דאָרט, אין פֿייערלעכער אָפּגעזונדערטקייט, אַרום ליכטיקע קלאַמבן בלומען, בליענדיקע אַקאַציעס און גדלותדיקן בעז האָט ווייטער געלעבט דאָס אַלטע מעבל. אום זומער האָבן די אָפּגענוצטע מעבל־שטיקער דורך געעפנטע פענצטער פֿאַרנומען דאָס גרין פֿון פרישן בלעטער־רויש, דאָס געלעכטער פֿון דעם יונגינקן האַר און דער צאַרטער פריילין; האַרבסט־צייט און ווינטער האָט אַרום דעם שטילן, ציכטיקן הויז איינער אַליין זיך געפּאָרעט דער געלאָסענער סטאַ־ניסלאַוו יענדרקאַ, דער גראָ־וואָנסיקער גערטנער, וועלכער האָט אין די ליידיקע טעג געהאַקט האָלץ, אין דער אומגעגנט צונויפגעקליבן אַ שטיין צו אַ שטיין און אין זיינען געהאַט אָט שוין אין גיכן לייגן אַ ברוקירט וועגל צום טראַמוויי, וואָס הערט זיך יעדע דריי־פערטל שעה פֿון דער נאָענטלע־כער סטאַציע מיט קאַלעמוטנעם געקלונג. זיין ווייב גענאָוועפֿאַ האָט מיט אַ פלאַנעלקע כסדר געווישט דעם שטויב פֿון די שענק, פֿון די בענקלעך, געפּוצט די שויבן פֿון די פענצטער, קוקנדיקע מיט פוסטע אויגן אין דער קוים באַוועגטער סביבה.

ששש! ס׳שטיל אַרום.

מאַרק צעמאַך האָט ניילעך זיך געקוויקט מיט זיין חתונה־מעבל. גוט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ זאָרגעוודיקע האַנט פון אַן אָרנטלעכן וועכטער... צוזאַמען מיט דער רו, וועלכע ער האָט דאָ געפונען, האָט דער מענטש דערפילט, אַז עס גיסט זיך אין אים איבער עפּעס פונעם טיף־טיפן תוך, וואָס קוקט אַרויס פון דעם־אַ פּאַרצייטישן: קלוגס אַזוינס, לעבנס־חכמה. מאַרק צעמאַך האָט זיך אָפּט אַראָפּגעכאַפּט אין דער ווילע אַריין, דאָרט געגרוט; אַהינצו, אין קרייז פון די אַלטע שענק און קאָמאָדעס האָט ער פאַרבעטן געסט, וויכטיקע שמועסן געפירט. טייל מאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט: די אַלטע זאַכן הערן זיך מישובדיק צו צו זיינע ענינים און שאָקלען צו מיט הסכמה: אוודאי, אוודאי.

אָבער עס איז נישט באַשערט געווען די דאָזיקע זאַכן אויסצולעבן זייער בכבודיקע זיקנה. אַ טרויעריקער זומער איז געקומען אויף דער שטאָט, וואָס ליגט פון דאַנען דריי פערטל שעה טראַמוויי־פאָרן. אַ צע־דרויבלטע איז די גאָרע וועלט אַנידערגעוואָרפן געוואָרן אין יענעם זומער. די שיינע זוניקע טעג זענען אין רעש, ווי אַ קנוידער צעריסן געוואָרן הינטער די פענצטער פון מאַרק צעמאַכס ווילע. דאָס הויז און די ביימער האָבן אין שטוינונג די אויגן צעפּראַלט: זאָל עס אמת זיין? דער ער־שטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט צעמישונג אין דעם שטילן ווינקל איז געווען דער גערטנער סטאַניסלאַוו. אין מיטן פון באַגיסן די בלומען־בייטן איז דער וואָנסיקער מאַנצביל פלוצלינג אומגעפאַלן. זיינע הענט האָבן אָנמעכטיק זיך איינגעפלאָנטערט אין אַ רויזן־קוסט. דאָס אויסגעגאָלטע פּנים איז מיט אַ רויטן טוי געווען באַשפּרענקט. און דאָס מויל אונטער די גראָע האָר־עקלעך האָט גליווערנדיק שאַרף זיך אויסגעקרימט, אַזש צווי פּאָדערשטע ציין האָבן טאַבעק־געל זיך שיף איינגעביסן אין דער אונטערשטער ליפּ. ער איז געלעגן אומבאַוועגלעך. זיינע אויגן זענען געווען זוכנדיק פאַרגאַפּט.

די אַלטע געגנאָוועפאַ האָט דעם מאַן געפונען ליגן אַזוי־אָ, מיט דער שאַרפער גרימאַסע אויף דער ליימיקער צורה. זי האָט געמאַכט אַ געוואַלד, זי האָט לאַנג געוויינט, אָבער ס'איז געווען צו שפּעט. סטאַניסלאַוו איז געווען טויט.

די פרייד איז געווען אויפגעווירבלט.

יוסף אַקרוטני

אַעראָפּלאַנען, זודיקער קוילן־וואָרף פֿון דער הייך האָט ווי אַ שווערער רעגן דאָ זיך געשפּרייט, און זונען־געפּאַך דערבײַ. דער לויטערער הימל, די שטילע לופֿט איז צעפּאַסט געוואָרן. וואַצעק סאַדאָווסקיס חזיר איז מיט הייזעריקן געקוויטש אַנגעלאָפֿן צום באַלעבאָס' פֿענצטער. פֿון זײַן טרייסלענדיקן רוקן האָט בלוט זיך געגאָסן אין דינע שנירלעך. אויפֿן טראַמוויי־סטאַציעלע איז דער קאַלעמוטנער געקלונג פֿאַרדושעט געוואָרן. נעבן דער לאַנגער שטאָכעטן־באַנק איז בלויז אַ פֿרוי מיט אַ קליין מיידעלע געבליבן וואַרטן אויפֿן אָנקום פֿון טראַמוויי. ווי פֿון פּלוצלינגדיקער דער־שרעקעניש איז די פֿרוי אַנידערגעפֿאַלן אין שטויב. איבער איר האָט אַ קורצער געשריי זיך אָפּגעריסן. איר פּנים איז געווען פֿריש אויפֿגע־שאַרפֿט, בלוטנדיק, ווי דער בויך פֿון אַ געעפֿנטן פֿיש. אַ צוגעלענטס נעבן דער ליגנדיקער, האָט דאָס קינד עפּעס זיך אײַנגעהערט: דאָס קעפּל איז געווען זשעדנע אויסגעשטרעקט צו דער מוטערס בוזעם, דאָס מײַלעכל האַלב־אָפֿן. דאָס ווײַס געפּרעסטע קליידל אין קרייזן איז ערטערווײַז געווען שוואַרצלעך דורכגעלעכערט. אײַן אייגל דעם מיידעלעס האָט בלאָ פֿאַר־שטאַרט געקוקט אויף דער מוטער.

אויף רוּאיקע הויפֿן האָבן העגער בענקשאַפֿטלעך געריסן די אָנגע־דראָלענע שטילקייט. אומגעריכט צעפּאָלאָשעטע עופֿות האָבן מיט מאַט־פֿאַרוואָרפֿענע קעפּלעך זיך געוואַלגערט אין גראָז, צווישן קוסטעס שטיין געבליבן פֿאַרגליווערטע מיט אַ ווערעמל, מיט אַ קערנדל אין שנאָבל.

אויף מאָרגן איז דער טאָג געווען מערער אויסגעהוילט. די אַלטע גענאָוועפֿאַ האָט אין געכליפּ פֿון די הענט אַרויסגעלאָזן דאָס שמאַטקעלע, מיט וועלכן זי פֿלעגט שטילן צויבער אַנהויכן אויף דער גבירישער ווילע. די שאַפֿעס מיט די שיינע שניצערייען, די קאָמאָדעס מיט די מאַסיווע טירן און שיפֿלאָדן האָבן, ווי אַלטע מוידן אין מיטן שלאָף, אַרויפֿגעצויגן אויף זיך זייער געוויינטלעכע צעקנייטשטקייט. אין טרויער זענען אָפּגערונען אַלע הנען. אין דעם אייגעם נאָכמיטיק, ווען דער גראָער יענדרקאָ איז פּלוצטאַלבן געפֿאַלן, האָט אָנגערוקט די בראָך. פֿון דער געגנט איז אויף אַמאָל דער גאַנצער ציר אָפּגעווישט געוואָרן. דאָס ליכט האָט געטונקלט, געטונקלט אין מיטן העלן טאָג. דערנאָך איז דער היישעריק געקומען. אַ מחנה גאָרגלענדיקע זעלנער איז פֿאַרשייט אַרײַן אין דאָרף. די גע־

לאַסענע לייט האָבן אין פּחד זיך אָפּגערוקט פון די פענצטערלעך, פול אָנגעשטעלטע מיט בלומען־טעפּ. אין הויף פון מאַרק צעמאַכס ווילע האָבן כמאַרע־שאָטנס טריב געקלעטערט איבער הימל און ווענט, די שויבן האָבן פאַרכטלעך געדרינזשעט אין די פאַרמאַכטע ראַמען. אין די צימערן איז פלוצלינג ענג געוואָרן. די שטאַרק געשוינטע מעבל־שטיקער האָבן אין זיקנה זיך אָנגעקליידט. דער לעבעדיקער פּאַליר האָט זיך געגראָעט אונ־טער אַ שיכט שווערן שטויב, די שניצערייען האָבן נישט אָפּגעגעבן דעם געוווינטן גלאַנץ. אַ בענקל, אויף וועלכן עס האָט ראַפּטעם זיך אַראָפּ־געלאָזן אַן אָנגעגאָסענער גוף אין גרינעם מונדיר און פּיקלהויב, האָט אומ־געריכט זיך צעסקריפּעט און פון פרוכנע־גליד אויסגעלענקט אַ געדרעקסלט פיסל. „דאָנערוועטער!" — האָט דער פאַרשוין אין פּיקלהויב זיך צע־שריגן און מלא־רציחה זיך גענומען אַרומיאָגן איבער די געבייען פון הויף:

— דאָנער וועטער! דען ווירט! דען ווירט ברינגען זי הער, פּאָלנישע שוויינע!

ביז סוף טאָג איז דער אויפגעוועקטער הויף און דער שלומערנדיקער גאָרטן געשטאַנען אין בייזן טומל. אין אָוונט האָבן באָקעס פון צעבראָכ־טע שטולן אויף געבעטע אָנלענען, פּאָלירטע טירן און שופלאָדן פון גע־אָדערטן נוס־האָלץ געפּלאָקערט צווישן צונויפגעהאַרבעטן גרינס פונעם פאַרבליפּטן סאָד. אויף נאַכט האָט דאָס צעלאָזענע חייל שוין געלאַגערט אין דער ווילע. וואַכלייט מיט ביקסן איבער די אַקסלען האָבן אין דער טונקל זיך געשאָטנט פאַרביי די באַלויכטענע פענצטער. אינעווייניק אין די צערודערטע צימערן, האָבן געדיכט געשנאָרכט זעלנער, אויף דער ערד פונאַנדערגעשפּרייטע צווישן אָנגעשלעפּט בעטגעוואַנט און סנאָפּעס היי. צוגעבונדענע צו די ביימער האָבן אין דרויסן געהירזשעט געזאָטלטע פערד. לאַנגווייליק פאַרדרימלטע האָבן זיי געגריזשעט די זאַפטיקע צווייגן, די צאַרטע קאָרע אַראָפּגעשונדן.

איבער דער שטאָט, וואָס איז ווייטלעך פאַרלאָפן פון דאַנען, האָט אימה זיך איינגענעסטיקט. גלייך שפּאַרבעס וואָלטן דאָס לעבעדיקע האַרץ געפּליקט, האָט יאוש געשריגן:

— וואָס וועט זיין? ווו וועלן מיר זיך אַהינטון?
מאַמעס האָבן איבער זייערע זויג־קינדער זיך איינגעבראָכן.

***

אין מאַרק צעמאַכס גערוימער שטאָטישער דירה האָבן דייטשישע אָפּי־צירן זיך באַזעצט.

— אין פינף מינוטן מאַכן זי דאָס זי פאַרטקאָממען!

מיטן בלויזן שטעקל אין האַנט איז ער, אַן אַלט־געוואָרענער מיט אַמאָל, אַרויסגעגאַנגען, דער האַר פון זיין הויז. דאָס ווייב אין שטעקשיך, די טאָכטער אין אַן איינציק קליידל. אויף מאַרק צעמאַכס רוקן, וואָס איז אויגנבליקלעך ווי איינגעפאַלן, איז געהאַנגען אַן אַלט רעקל. זיין פּנים איז געווען ערד־שוואַרץ. דאָס אייגענע קול האָט ער נישט געהערט. זיינע רייד זענען געווען אַנגסטיק, פון ערגעץ ווייט אַרויסגעצויגענע, מבולבלע. ער האָט געבעטן זיך ביים זון דעם איינציקן:

— פּיוועלע, קינד, ראַטעווע זיך!

צי דאָס יינגל האָט באַלד באַנומען דעם פאָטער, צי דער רעיון וועגן אַנטלויפן איז אַ ביסל שפּעטער ביי אים נולד געוואָרן; פעליקס איז אַן געווען, אַן ציטערניש פון טאַטע־מאַמען פאַרשווונדן פון דעם טוכלען צימערל אין שמאָלן געסל, ווהין דאָס געזינדל האָט זיך געהאַט אַריינגע־קליבן.

— מע וואָלט כאָטש אַ העמד געלאָזט נעמען מיט זיך! — האָט ס'ווייב געקלאָגט, קוקנדיק אויפן איינציקן טעכטערל.

— מ'וואָלט כאָטש שכל געהאַט! — האָט מאַרק צעמאַך זיך גע־געסן, לעבעדיקערהייט זיך געגעסן, זעענדיק אין וואָס פאַראַ מצידה ער איז געבליבן.

דער מענטש האָט ביינאַכט אַן אויג נישט געקענט צוטון; ווי אַן אומרו האָט עס אים געוואָרפן: מ'זאָל כאָטש אַזוי שוין לאָזן...

ער האָט נישט געגלויבט, אַז מען וועט לאָזן מנוחה. ס'האָט זיך שוין געהערט. נאָר פאַרגונען זיך אַליין זאָגן: „מאיר, גענוג! ס'איז געווען אַזאַ חלום, זע!!" — דאָס האָט ער ביי זיך נישט געקענט פּועלן. כאָטש אין

גרויס דחקות, וואָס האָט האַרט געדריקט, פלעגט ער זיך נאָך אַלץ פּלאָנ־טערן אינעם געוועזענעם, וואָס האָט צויטנווייז זיך געבאָמבלט אין זיין אָנונג. ווען־נישט־ווען האָט ער ווי אַ שאָטן אין דער טונקלקייט זיך צוגע־קליבן צו דער גרויסער מויער, וועלכע האָט אים געלאָקט. דאָרט איז נאָך געהאָנגען דאָס קליינע שילדעלע אויף בלאָער עמאַליע: אַנדזשעיאַ־גאָס 63, מאַרק צעמאַך. צוגעגאַנגען נאָענט און איז גיך אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק. פון אַ ווינקל ערגעץ קעגנאַיבער דער מויער האָט ער אָפּגע־וואַרט דעם אַלטן באַרטאָש. אפשר וועט ער, דער סטרוזש, אים עפּעס זאָגן. אפשר, אַן אָרנטלעכער. ר׳ווייסט מסתמא. דאָך נישט קיין ייד. פּיל מאָל איז ער אַוועק פון דאָרט אַ צערודערטער. פון ווינקל פלעגט מאַרק צעמאַך אַ ווילע אַרויפקוקן צו די היימישע פענצטער. אונטער די פּאָר־האַנגען האָבן פרויען־געשטאַלטן זיך באַוויגן. שולמית?... ער האָט שיעור נישט אַ געשריי געגעבן צו איר. וואָס אים פּאַלט איין! דער קאָפּ דרייט זיך אים. אָ, אימעצער איז אַרויס אויפן באַלקאָן, אי־י, וואָס אים דאַכט זיך אַלץ! ס׳אַן אָפּיציר זייערער, אַ שנעק אַזאַ. ס׳אַרע תל זיי וועלן מאַכן פון אַלעם. די וועגט צערואינירן, די דראַפּעריעס איינקויטיקן, אוי־וויי!

אַ היץ האָט אים אַזש באַשלאָגן.

גאָר אומגעריכט איז אָנגעקומען באַרטאָש. דער זקן איז געוועזן פּאַר־בליפּט.

— האַ? — זיין קאָפּ האָט זיך פּאַוואָליע געוויגט — טאַק, טאַק... באַלד האָט ער אים נישט דערקענט, דעם באַלעבאָס.

— פּאַניע דראָגי! אַן אומגליק, אַ גרויס אומגליק... נאָר זיי זוכן! רייסן אָפּ די דילן, נישטערן. זיי מאַטערן מיך, איך זאָל זאָגן, ווו דו האָסט גאָלד באַגראָבן, צירונג. „כ׳האָב נישט געזען!״ — זאָג איך.

אויף דעם אַלטן באַרטאָשס אויגן האָבן אים געפּיקט, מאַרק צעמאַכן. וואָס ער האָט דערלעבט!

און אַוועקגייענדיק האָט אים ווי לויה־יאָמער נאָכבאַגלייט דער לעצ־טער זאָג באַרטאָשס:

— אַלע פוטערס, די בילדער פון די ווענט, דאָס זילבערוואַרג... אַ סך מעבל, אויך די פּיאַנאָ און די טעפּיכער האָבן זיי פּאַרפּאַקט אין וויינ־

טעכער, אין קאָסטנס, און אַרויסגעפּירט. אויטאָמאָבילן זענען געפאָרן אַהין, אַהער. אַ פאָרעניש אַזאַ, פאַניע דראַגי...

„האָסט געזען, באַרטאָשז?"

זיין פאַרנעפּלטער בליק האָט אים אָנגעיאָגט. אָבער ער האָט אים נישט צוריקגערופן, דעם אַלטן. עפּעס צוריקהאַלטעוודיקס, האַרבס, אַ קלין אַזאַ, האָט מאַרק צעמאַכן אַ שפּאַר געטון אין די געהירן אַריין, אין דער קעל. און אַ געדאַנק האָט אים געשטאָכן: ער האָט אוודאי אַליין געהאָלפן, דער באַרטאָש...

גלייך קראַמפּן וואָלטן אים צונויפגעקנוילט אויף אַן אָרט, האָט מאַרק צעמאַך זיך מער נישט אַרויסגערירט אין יענער ווייטלעכער גאַס, ווו אַ הויז גרויס און ליכטיק איז געהאָנגען קעגן האַריזאָנט, ווו זאַכן זענען געהיטן געוואָרן פון מילבן און מעבל האָט זיך געפּיעשטשעט פאַרן מענ־טשישן בליק.

...וואָס ווייטער אַלץ מער איז דער מענטש אָפּגעריסן געוואָרן פון יענעם מיראַזש, וועלכער האָט זיך אָט געגילדיקט, אָט געפינצטערט פאַר זיינע ראיה. ער איז אין הוילער קאָנוולסיווער טעמפּקייט אַריינגעוואָקסן. בלויז הונגער האָט אָנגעהויבן בויערן אין זיינע געדערים. די שאַנד־לאַטע, אַ געלע, אַ שרייענדיקע אויף זיין צעקנוידערטן מלבוש האָט אים מער נישט געוויטיקט, ווי אַנומלט. דאָס רוב איז ער געזעסן אין אַ ווינקל און ווי אַ געבענדיקטע חיה אויסגעגאָוועדט אַ וואָרט, אַ נעבעכדיקן באַגער.

יוקל און פייוויש

די פאַרנאַכטלעכע שטאָט איז זיי פאָרגעקומען ווי אַ מעשהלע. נאָך די אומענדלעכע נאַקעטע סטעפעס און די פאַנטאַסטיש־פינצטערלעכע פעלדזן־שפאַלטן, צווישן וועלכע דער עשעלאָן האָט זיך דורכגעריסן ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער פוקס, האָט פאַר די מענטשן דאָ זיך אַנטפלעקט אַ נישט־פאַראַנענע וועלט. הויכע, הימל־שפאַרנדיקע ביימער און אויף זייער טונקלענדיקן פאָן אַ שלל מיט מיניענדיקע פייערן, ווי אַראָפפאַלנדיקע שטערן־גרופעס. וואָס מער דער צוג האָט זיך דערנענטערט צום אָנשווימענדיקן רויש פון שטאָט, אַלץ אָפטער האָבן זיך געמערקט די פייערן, וואָס ווירבלען פאַרן מידן בליק. נאָך דעם לאַנגאָניקן וואָגל אין ענג־באַזעצטע וואַגאָנען, האָט דאָ אַלץ זיך אויסגעוויזן ווי נישט דאָאיקס: סיי דאָס בלינצנדיק־מאַטע ליכט אויפן לאַנגן, געפלאַסטערטן פעראָן, סיי די פייערלעכע ווייסע וואָקזאַל־געביידע, ווי אויך די מענטשן, שוועבנדיקע אין די באַלויכטענע פענצטער פונעם סטאַנציע־בופעט. דער טויבער אָפקלאַנג פון דער פרעמדער שפראַך און די גרימאַסעס אויף אומבאַקאַנטע באַקן האָבן אַ טרייסל געטון דאָס פאַרשלעפערטע באַוווסטזיין:

„אָ, שוין?"

הינטער דער פלייצע האָט ווייטיקלעך זיך געוועקט דאָס לאַנד, אַן אַריינגעוואָרפנס אין גרוביקער חשבות.

דער אויפדערנאַכט איז געווען אַ קילער, אַ דורכזיכטיקער. אין גרויסע, פוכיקע וואָלקנס איז דער הימל געהאָנגען אַ טיפער, אַ גרינגלעכער. עס איז געווען דער עלפטער סעפטעמבער, ווען די לבנה שטייט דאָ שוין אַ פולע, אַ מין בולט אַרויפגעקלעפטע אויפן זעלטן־קאָליריקן ווייכן

פליוש פון די פאַרקלערטע סוף־זומערדיקע אָוונטן, וואָס הויערן איבער די בערג, וועלכע זענען איינגעקוקט אין זיך. אַ נאָענטע לבנה אַזאַ, כאָטש שטעל זיך אויף די שפּיצפינגער און דערגרייכסט איר פּליך.

די פעקלעך, שווער געוואָרענע מחמת מידקייט, האָבן זיי קוים דערשלעפּט צום בייוואָקזאַליקן וועלדל. דאָ האָט עס געהודזשעט פון מאַנעוורירנדיקע לאָקאָמאָטיוון, פייפנדיקע, הייס־אָטעמדיקע צווישן דעם המון מענטשן, נאָר וואָס אַראָפּגעשטיגענע און מענטשן, וועלכע וואַרטן, אַז די באַן, אַ שטענדיק פאַרנומענע, אַן איילעוודיקע, זאָל זיי ענדלעך אָפּפירן ערגעץ־ווו אויף אָפּרו, אויף הײם און ברויט.

יוקל ווײַנריב האָט פון זיך געווישט דעם שווייס. אָנגעאַרבעט זיך ביים צוטראָגן די פּעקלעך אַהערצו. ער איז געבליבן שטיין נעבן דעם שוואַרצלענדיקן בערגל זאַכן און געוואַרט ביז זיסעלע וועט, מעשה־באַלעבאָסטע, זיי גלייך־לייגן, אויססדרן, כדי דערווייל דאָ צו קענען רוען. און טאַקע אויך אַן אויג צוטון. דערנעבן האָט געלאַגערט פּיוויש פעלץ מיטן ווייב און זייער בינטל בעבעכעס. פּיווישס לאַנגע, דינע געשטאַלט, אַן אָנגעטוענע אין ברוינלעך־העלן רעגנמאַנטל האָט אין אָוונטדעמער זיך געצייכנט ווי אַ בוים צווישן ביימער: אַ בערעזע אין אומפאַרגענגלעך ווייסן קיטל, אַן אַריינגעפּלאָנטערטע אין קאַראַהאַד פון ברוגזע, שווערפּיסיקע שטאַמען.

אַראָפּגעזעצט זיך אויף זייערע פּעקלעך, האָבן די מענטשן פון געווינהייט אָפּגעזוכט די זעקלעך מיטן ברויט און אין געדיכטן טונקל האָבן הענט שאָטנהאַפט זיך גענומען באַוועגן. דאָ און דאָרט איז די פינצטערניש אין וועלדל וועןִ־נישט־וועןִ דורכגעשניטן געוואָרן פון עפּעס אַ פעַנעצל ווייס און קליין ווי אַ לבנה־טעלערל, אַן אַראָפּגעפאַלנס אין אַ ברונעם אַריין. מידערהייט האָט מען געלייגט אין מויל אַריין שטיקלעך עפּל, געכרופּעט האַרטע אוגערקעס און פאַרטראַכטערהייט אויסגעביטן אַ זיפץ אויף אַ וואָרט, אַ קלאַנג אויף אַן אויגנבליק.

ווייטלעך ביים ראַנד פון וועלדל, ווו ס׳גרינע אָוונט־ליכט איז געראַנען, האָבן סילועטן פון אַ מאַן און אַ פרוי פּלוצלינג זיך צונויפגעשטויסן, צונויפגעשטויסן און גיך אָפּגעשפּרונגען פון אַן אַנדער. מ׳האָט זיך געאַמפּערט, צאָרנדיק צוגעגאַנגען איינס צו ס׳אַנדערע און אָפּגעטראָטן

אויף צוריק; מ׳האָט הויך גערעדט, געשריגן, — ס׳איז צעטומלט געוואָרן די שטילקייט, וואָס האָט דאָ אַראָפּגענידערט אויף נאַכטהאַלטן. איינהערנ־דיק זיך אַ ווײַלע, האָט יוקל אַ נײַגיריקער זיך אויפגעשטעלט און אַ שפּאַן געטון אַהינצו. „וואָס דען?״ זי האָט געטענהט אויף אַ קול:

— כאַם־שיע, כאַם־שיע, מײנסט מ׳איז אין דער היים?... וועסט זיך אויסראַכטן! דו מוזט דווקא אויף בײנאַכט מיך איבערלאָזן אַליין?

זי האָט געסמאַרעט מיט דער נאָז, געקלאָגט זיך און ברוגז אָפּגע־גאַנגען אָן אַ זײַט.

— ש׳דײַן דאגה! כ׳גיי... — האָט דער מאַן אַ פאָנפע געטון.

— ס׳עט דיר נישט געשענקט זײַן, כאַם־שיעלע!

— זאָלסט אויפהערן, לאה, זאָג איך דיר!

— כ׳על נישט אויפהערן, און שוין!

— לאה, הער אויף! — צעשרײַט ער זיך — ׳עסטע נישט אויפהערן, ׳על איך נישט אַהיימקומען. כ׳זאָל אַזוי לעבן... — האָט ער נאָך צוגע־שנויפּלט.

— אַ נפקא־מינא! קום נישט, — כליפּעט זי אין קינד אַרײַן און ס׳קלײנענקע אויף איר האַנט צעהעשעט זיך אין איין קול מיט דער מוטער.

— כ׳זאָל אַזוי געזונט זײַן, ווי כ׳קום נישט אַהיים, — גיט כאַם־שיע זיך אַ ריס און לויפט אין צעקלונגענעם גרינעם שײַן אַרײַן. ס׳צעכליפּעטע ווײַב מיטן קינד האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די אָנגעוואָרפענע פּעק.

די לבנה האָט געצוואָגן די קרוינען פון די ביימער און ביים ראַנד פון וועלדל אויסגעגאָסן נײַע, שיפּע ריטשקעס שאַרף ליכט.

יוקל איז געזעסן אויף אַ פּעקל און אײַנקוקנדיק זיך אין אָפּגעדעקטן, גרינלעכן שײַן צוגעהערט זיך צו זײַן אייגענעם בלעכענעם קול און צו דעם פרעמדלעכן געלעכטער, וואָס ער האָט געלאַכט:

— ער וועט נישט אַהיימקומען נעכטיקן, דער כאַם־שיע, אוך־ככהעע! מעגסט הערן, זיסעלע. ער וועט נישט אַרײַנגיין אין שטוב, דער מענטש, אוך־אוכעע!

אַ לײַדיקס האָט דאָס געלעכטער זיך געקײַקלט פאַרביי זיסע׳לען. ס׳ווײַבל האָט זיך געטוליעט אין איר פאַלטן. זי האָט דאָס מענטעלע

אַרויפגעצויגן איבערן קאָפּ, די נאָז איינגעבאַבלט און, מחמת זיין קורצ־קייט, נישט געהאַט ווו די פּיס אַהינצוטון. זיסעלע האָט די פּיס איינ־געקאָרטשעט; זי האָט אַ קורצן קייך געטון: „כאַם־שי! כאַם־שי"... אין איר האָט דאָס געלעכטער דראַבנע זיך צעשאָטן. די אויגן האָבן זיך פּאַוואָליע פאַרוועבט.

פּיוּוישן, דעם שכן דערנעבן, האָט געאַרט דאָס־אָ משונהדיקע לאַכן. די פינצטערניש אַרום האָט דערווידערדיק געגליווערט. „דער קבצן רייט שוין אַרויס!" — האָט ער אַ מורמל געטון. אַליין אַ שטיק גליוּוער, האָט פּיוּויש פויל זיך אויפגעהויבן און אין דער טונקל געשטאַנען מיט אויס־געשפּיזטן בליק. געזעמלעך צוזאַמענגעהויקערטע מענטשן און אָנגעהויפטע פּעקלעך קנוידערן זיך צופוסנס, באַוועגן זיך לעפּיש. „וואָס דען? ס'הייבט זיך ערשט אָן!" — טראַכט ער און אַ קעלט גריזשלט אַדורך זיין הויט. אים ווילט זיך ערגעץ פאַרגראָבן דעם קאָפּ, אַז אַ שפּליטער ליכט זאָל אים נישט דערגרייכן, קיין קלאַנג זאָל'ן נישט רייצן. אַזוי־אָ איבער־שלאָפן, איבערקומען. אוי, נישט בלויז דעם קערפּער, די אויגן באַדאַרף מען אַמאָל ערגעץ אָנשפּאַרן פון מידקייט. די אויגן בלוטיקן אים אוודאי. די טונקלקייט אַרט און דאָס ליכט, ווײ... און דאָס דערווידערדיקע געלעכ־טער שטעכט איבעראַנייס. כאַם־שיע, כאַם־שיע... „ער לויפט ערגעץ אַוועק פון דאַנען, דער מאַדנער. ער וועט נישט אַהיימקומען, דער קאַמישער... וווהין וועט ער זיך אויסבאַהאַלטן פון אומגליק דער..." פּיוּויש האָט זיך לסוף ווידער אַראָפּגעלאָזן אויף אַ פּעקל.

די שיין האָט זיך פונאַנדערגעלייגט אַ ווייסע, אַ קאַלטע. די נאַכט האָט לעסטיק זיך געוואָרפן אויף די מענטשן, אויף די זאַכן, רוענדיקע צופוסנס דער באַגערטער שטאָט, וועלכע האָט געמורמלט מיט אירע פלעסקנדיקע, אומרואיקע באַרג־טייכן.

**
*

דער באַגינען האָט אויפגעבראַכן אַ קילבלעכער, אַ פאַרבלאָזער. דאָס בלעטערוואַרג פון באַן־וועלדל איז געהאַנגען כמורע, נישט גרין, נישט שוואַרץ. אויף די אַקסלען האָט יוקל דערשפּירט אַ קעלט, גלייך אַ קראָ

וואָלט פּאַרעקשנט אויסגעפּיקט שטיקער פון זיינע אָרעם־אַפּלען. געעפנט די אויגן, איז ער אויפגעשפּרונגען פון געלעגער און מיט האַסטיקע באַוועגונגען צערודערט די איינגעלעגענע גלידער. דערנאָך איז ער געגאַנגען זוכן וואַסער. געוואַשן זיך אין אַ כּליניעדיקן שטראָם האָט יוקל, צוריקוועגס צו דער „שטוב״, וואָס אונטערן בוים, זיך אַ טראַג געטון שוין אין העל־צעשטויבטן ליכט פון דער יונגער זון, וועלכע האָט אַ נייגיריקע אַרויסגעקלעטערט פון הינטערן באַרג־רוקן. קוקנדיק אויף יוקלען האָבן די בערג זיך אָנגעקליידט אין מיניעדיקע פאַרבן פון פאַרוועלקטן גרין, פון זשאַווער־רויט און דערנאָך אין מעכטיק צעגאָסענע געלע פלעקן, אויסקלינגענדיקע זייער גבורה אין פיאָלעט־בלאָלעכן רויך פון אַטלאַסענע ווייטקייט־נעפּלען. דער מענטש איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער. אָ, וואַאַ! בערג מיט שניי־קעפּ, און די זון, אַן אויפגייענדיקע אין אַזעלכע ווייכע און בונטע שטראָמען ליכט, גאָפּט, ווי ער, אויף דעם זילבערנעם גוס, וואָס ציט זיך צו די הימלען, צו די מענטשן.

פאַרחושט פון דעם רייך פונעם געבוירנדיקן טאָג, איז יוקל צוגעגאַנגען צו זיסלען. זי איז געשמאַק געשלאָפן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין אירע שמאָלע, שוואַרצע בויגנס, זיך וועלבנדיקע איבער די בלאָגערייפטע אויגן־נעסטן. זיסלעס נאָז־פליגלען האָבן זיך לייכט באַוועגט. יוקל האָט געאָטעמט מיט איר שטילן אָטעם, געהערט דעם צאַרטינקן געפליסטער פון די טונקלענדיקע אָדערלעך אויף איר שלייף. ער איז געזעסן אויף די שפּיצפינגער און מורמלענדיק (ווייל ער האָט נישט געוואָלט איבעררייסן דעם חלום, וואָס שלומערט אין אים), האָט ער אָנגעהויכט וואָרט אין וואָרט:

— האָסט געזען?... אַזאַ שיינקייט האָסטו אַ פּייג געזעען! אַז דו פּאָפּסט, פּאָפּסט, שנאָפּסט, טאַכטערשי... — — ער האָט אויסגעשנאָבלט די ליפּן און, פּיעשטשנדיק זיך פּאַר זיסלען, לייכט אָפּגעשפּרונגען פון איר געלעגער.

שפּעטער האָט יוקל מיט פּיוווישן זיך געלאָזן אין שטאָט אַריין. מ׳האָט געדאַרפט גיין און גיין אין דעם פונאַנדערגעפּלאָסענעם, וואַרעם ציטערנדיקן שיין פון צעפּראַלטן אין דער פרי. ס׳איז לייכט און האָפּערדיק געווען דאָס ווייטע גיין אין זון און זוניקן שטיב. עס איז אַנטקעגנגע־

גאַנגען אונטערקויפנדיקע האָפענונג אויף רו, אויף פרייד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט זיך צינדן אין די געבליטן. זיין זיסעלע איז געבליבן אין דער היים, זיסל מיטן שבען זענען געבליבן ביי דער באַלעבאַטישקייט, וואָס וועט דאָ אויסוואַקסן, אויסוואַקסן. זיי זיצן דאָרט און די ביימער קילן זיי. ברויט אין די זעקעלעך איז אויך נאָך פאַראַנען... און ס׳וועט זיין. מ׳וועט זיך אַרויסדראַפּען. ס׳איז טאַקע שווער־לעך. נו, איז וואָס? אַבי מ׳איז אַרויס גאַנצע. אָט ווייבער מיט קינדער און אַלטע לייט! מיט אַזעלכע איז עס פול דאָ, און אַרום אויף די באַן־סטאַנציעס. אַלע אויף די פעקלעך, אויף די וואַליזעס. גוט איז דאָס ביסל, וואָס מ׳האָט אַרויס־געטראָגן פון די פאַרלאָזענע, אפשר שוין צעשטערטע היימען — —

די שטאָט איז זיי געפעלן געוואָרן. די גאַסן זענען געלעגן אין גרויסע, ליכטיק־ווייסע קוואַדראַטן פון הייזער, אין אַלייען פון ווייכן, גרינעם שאָטן. אַ שטאַרק מורמלענדיקער געשלענג פון ברייטלעכע, שטיינגעפלאַס־טערטע ראָוון מיט קלאָרן וואַסער איז זיי אומעטום נאָכגעגאַנגען.

— גיט נאָר אַ קוק, פאַוויש! אַ נס דאָס־אַ, אין אַזוינע חמימהס.

— אַ נס מע לעבט... — האָט יענער אומצופרידן געבורטשעט.

— ווי דען? ס׳אי׳ נישט קיין נס? פון אַזאַ בראַנדפייער אַרויסצו־קומען! — ציט יוקל, קוויקנדיק זיך מיט זיין אַנטדעקונג. און גלייך ער וואָלט נישט געהערט פּיוווישס זויערע רייד, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווידער געשטוינט:

— פון די בערג מסתמא. איי־איי, אַזאַ קלאָרעטשקע וואַסער!

— רינשטאָקן, — האָט פּיוויש זיך אָפּגעשאָקלט פון יוקלס התפּע־לות. — נויטיק מיטן לעבן... טויזנטער וויאָרסט לויפן און שעפּן נחת פון רינשטאָקן!

— ס׳אַרע מענטש דאָס איז! אַריקן רופט מען דאָס. ס׳לעבעדיקע בלוט פון אַזיע, מיין ליבער! — האָט יוקל פאַראיבל אויף זיין באַגלייטער, — אַן איינפאַל אַביסל: רינשטאָקן... די אַריקן גיבן וואַסער די פעלדער, די גאָרטנס. ס׳איז דער גרעסטער נדן דעם פאָלק ה׳, ס׳וואַסער... רינשטאָקן זענען געווען ביי אונדז, חבר־לעבן. רינשטאָקן לויפן אָפּ מיט טוכלע ריחות פון ענגע שטעט. רינשטאָקן הערן זיך מיאוס, דאָס־אַ שמעקט! די אַריקן, פּיוויש פעלץ, פילן זיך מיט די היגע בערג, מיט שטאַרקער לופט,

שפּע... נישטאָ זיך וואָס צו באַקלאָגן. איך דאַנק און לויב דערפאַר. און ווען אפילו אין מדבר אַריין ברענגט מע מיך, וואָלט איך זיך געקרימט? ביי היטלערן איז בעסער?

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. יוקל האָט זיך געראַנגלט מיטן כעס, וואָס האָט אין אים אויפגעזאָטן. ס'איז אים געווען פריקרע, וואָס ער גייט האַנט־ביי־האַנט מיט אַזאַ. היינטיקע צייט קען מע זיך נישט פאַרגינען, נייִן, טייערער, — האָט ער גערעדט צו זיך — אַז מ'זאָל זיך אומיסטן טרייבערן די אָדערן. אַ צו הויכער פּרייז פאַר כלומרשטער פּריינטשאַפט!

ר'האָט זיך קוים באַרואיקט, יוקל. שפּעטער האָט ער מיט זון פאַר־בלענדטע אויגנגלעזער, רייטנדיקע אויף די פּעמפּישקעס פון זיינע באַקן, זיך אָנגערופן צו פּיוווישן:

— הלוואי קען מע דאָ לעבן במנוחה! כ'וואָלט די הענט געהויבן צום הימל.

— הלוואי אַהין, הלוואי אַהער. אַ וואַזשנע גליק האָט מיך באַטשאַפּעט. אַזיע...

— מילא.

יוקל האָט אָפּגעשניטן. אַ שאָד אַ וואָרט צו פאַרלירן, טראַכט ער. און ער האָט שוין פאַראיבל אויף זיך, למאי ער האָט גענומען אויף זיך אַזאַ הויקער. ער האָט זיך דען נישט געקענט באַגיין אָן דעם? פריינט־שאַפט... אומשטיינס געזאָגט! אויסגעוועפּטע ריחות, אַ נעכטיקער טאָג. צו וואָס דאָס אַלץ, אַז ביים מענטש איז גאָרנישט נישט אָנגעלייגט. אַרויס־געטראָגן אים ס'געביין פון שרפה, און ער בורטשעט נאָך. גיב דעם מענטש גליק, אַז ער ווייסט נישט מיט וואָס מען עסט דאָס!... נישט צו פאַרשטיין דאָס באַשעפעניש. קיין מאָל נישט צופרידן, שטענדיק טוט אים עפּעס וויי; אַ קראַנק וועזן, דאָס מענטשלעכע באַשאַף.

דער כעס אויף זיך אַליין האָט יוקלען אַ טראָג געטון, אימפּעט האָט'ן געטריבן פון גאַס צו גאַס. גרויסע, שיינע געביידעס מיט ברייטע, ליכ־טיקע פענצטער האָבן זיך אויסגעמישט מיט נידעריקע, ערד־קושנדיקע ליימיקע הייזקעס. נאַקעטע, ברעטערנע דעכער האָבן געבליפּט אויף צע־בראַסטעטן גרינס פון גאַסן, איבער פלויטן. אַך, אַ שטאָט, אַ הערלעכער גאָרטן און אָט דיר אינמיטן־דערינען אַ דאָרף מיט פעלדישע גאַסן, וואָס

קריכן העכער, העכער צו באַרגיקע, גאָרטנשע לאַבירינטן. יוקל איז פול געוואָרן מיט דעם נייעם. צו אַלץ האָט געגלוסט זיין לעבעדיק אויג: עס האָט געצויגן דאָס רחבותדיק־גבורהדיקע ווי דאָס שלאַבעריק אָרימע אין דעם טאָל פון קוסט און זאַנג און גליאיקן גאָלדיקן זאַמד. און די גאַנצע צייט האָט ער געלויערט אויף פרעמדע לייט, אָפּגעשטעלט זיך ביי אומבאַקאַנטע שוועלן. פון אַלעמען האָט ער געוואָלט אַרויסקריגן עפּעס פון דעם, צו וואָס ס'האָט אים אַזוי געהאַרצט. אומעטום האָט ער געבעטן: „אפשר ווייסט איר?"... געמיינט האָט ער ערגעץ אַ שטיקל שטיבעלע, אַ פּיצל... „כ'בין, האָט ער געזאָגט, נישט קיין גרויס גע־ברויך", — און אומבאַהאָלפן אונטערגעשמייכלט.

די זון האָט געברענט די אַקסלען, די שטיינער האָבן געבריט די פּיס. אַ ליניקע אויף בויגיקע ריסאָרן, אַ צוויי־רעדערדיקע אַרבע אין אַן אייזעלע געשפּאַנט האָבן, דורכלויפנדיק, נאָך זיך איבערגעלאָזן נידעריקע מוטנע שטויב־וואָלקנס. דער רוקן האָט אין שווייס זיך געקלעפּט, די שיך זענען ענג געוואָרן. יוקל, דער פרעגער, דער, וואָס האָט באַשיידן, שטום געוויטיקט פאַר דער ריפּ פון זיינע ריפּן, פאַר זיסעלען, וועלכע וואָרט אַ מידע, אַ געדולדיקע, ער האָט מער נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס אָכצן, דאָס קרימען זיך פון זיין מיטגייער.

— אפשר וועט שוין גענוג זיין, פאַווישו די וועלט, מיינט איר, וואָרט אויף ענק?

און צו זיך, בייזלעך: „ר' צאָץ"!

ער איז פון אים אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שריט, נישט אומקוקנדיק זיך — אַ לויף געטון אויף פּאָראויס, דער הייס־געבאָדענער יוקל.

**
*

אויפצומאָרגנס האָט יוקל ווידער זיך געפּעדערט אונטער דעם בלע־טערוואַרג, וואָס אַן זון איז עס נישט גרין און נישט שוואַרץ. דער גע־ראַנגל פונעם גראָ, וואָס ביים אויפבראָך פון טאָג מיט דעם נעפּלדיקן וואַל, וועלכער הויבט זיך אויף דאָרט, ווו עס האָבן גענעכטיקט די בערג, האָט זיך געהערט פון רוישנדיקן געצוויג אַרויס. עס טריפט נאָך נאַכטישער ברוגז איבער די שלאָפנדיקע, וואָס אונטער די ביימער.

אויפגעכאַפּט זיך אַ דורכגעפרוירענער, געוואַשן זיך אונטערן כּלי־ניענדיקן וואַסער, איז יוקל געלאָפן, האַסטיק זיך באַוועגט, כּדי זיך צו דערוואַרעמען. דערנאָך איז ער פון דאַסניי אַוועק אין דער אַביטל ווייט־לעכער שטאָט אַריין. די זון שפּאַרט אַ הייסע, זי גליט אָן דעם קאָפּ, האַקט אונטער די פּיס. ווידער אַ גאַנצן טאָג אויפן ווייך־ווערנדיקן אַספאַלט, אויף געלע זאַמדן.

...עס איז נישט שרעקלעך, וואָס ס׳טרעפט זיך נישט אַזוי גיך אַ שטוב. די שטאָט וועט ער אים סיי־ווי נישט פאַרמיאוסן, דער שכן זיינער; ער זאָל עס אים מוחל זיין, דער שש־כּן! די הייזער און אפילו די קליינע כאַטעס זענען חנעוודיק ווייסע, לייכטפּיסיקע ווי אירע שלאַנקע טאָפּאָלן און בערעזעס. אַ סך מענטשן אַנגעקומען אַהער, אַלע יאָגן זיך נאָך אַ ווינקל, און מע געפינט דאָך. ער וועט אויך אויסגעפינען. אַי, פאַוויש? ער האָט נישט קיין געדולד, לאָז ער... ער, יוקל, איז אויך נישט קיין גרויסער סבלן. און די כּוחות האָט ער אויך נישט געווונען אויף דער לאָטעריע. פון דעסטוועגן, ער וועט געפינען. יוקל ווייַנריב איז נישט איינאונאיינציק דאָ. וועט ער אויסמעסטן נאָך אַ פּאָר גאַסן, דערקענען מענטשן. ס׳זייניקע וועט ער זיך סוף־כּל־סוף דערוואַרטן. פאַוויש זאָל זיך טון וואָס ער וויל. זאָל ער... ער וועט זיך נישט לאָזן מיטשלעפּן פון אַזעלכן. זאָל קומען אַ רוח אין דיין טאַטנס זון אַריין, געהערט?... און יוקל האָט ברייט און מילד זיך צעשמייכלט.

עס איז פון דעסטוועגן נישט געגאַנגען, נישט און נישט. אי יענער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּטשעפּען פון אים, אי ר׳האָט נישט אויפגעהערט אָכצן און קיין צימער האָט זיך נישט געמאַכט. האָט מען געטראָפן אַ ליידיק ווינקל, האָט עמיצער שוין פריער אַהין געהאַט אַריינגעשטעקט די נאָז. פאַרשפּעטיקט אויף אַ... האַלבער שעה, אויף אַ פּאָר מינוט. „אַ שאָד, — האָט אַ פרוי מיטליידיק געזאָגט יוקלען — איך האָב ערשט פאַרדונגען. אַ פיין אַלקערל, זאָג איך אייך, אַ שאָד. אָט מיט אַ בלומענטאָפּ אין אַ צעבער, אַן עכטער פיגוס. איי־איי... וואָס אַן אמת געפעלט איר מיר בעסער. כ׳האָב ליב לייטישע מענטשן!“.

יוקל שמייכלט פאַרלעגן. די ברילן זענען אים שווער געוואָרן אויפן נאָז־ביין, זיי פאַלן אים פון די אויערן אַראָפּ ווי מידע. ער פּוצט די

גלעזער, זשמורעט די אויגן און גייט ווייטער. ער וועט זוכן. נאָך אַ פּאָר אַזעלכע גליקן און ער שפּירט, אַז די פיס זאָגן זיך אָפּ פון דעם גאַנצן משא־ומתן. זיי טראָגן נישט מער; אַ נעדיזנע אַזאַ, אָ, און די קני — זיי ציִען אַזוי, בייגן זיך אונטער. עס בעט זיך אַראָפּוואַרפן די לאַסט, וואָס דריקט ס'געניק. „ס'גייט נישט"... ער שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע. אַ פּוסט־קייט האָט זיך אַוועקגעלייגט אין מוח. ער וואָלט געגרן וועלן עפּעס טראַכטן, וואָס ער טוט, וואָס ער באַדאַרף טון. נאָר ער קען אַ פּאָדים נישט אָנכאַפּן אין דעם פּוסטן רויש, וואָס יאָגט זיך אין די געהירן. ער קנייטשט דעם שטערן, עס מישט. וואָס, וואָס! ער מוז איבערשרײַען די שוואַכקייט. אָן איינרעדעניש. ערשט אַ פּאָר טעג, אַבי מ'יינסט — ס'איז אַ יאָר. מיד? דער אומזיניקער „נישטאָ" האָט אים מיד געמאַכט. דאָס ווייסט ער געניי. ער וועט זיך נישט אונטערגעבן. געוויס! פע, יוקל, נישט נאָכגעבן זיך. גוט, וואָס ער הערט מער נישט דעם פּאַווישן; זאָל ער נאָכגיין אָן אָנגע־דראָדלטער, אַ בופלאָקס אַזאַ, נאָר זאָל ער נישט רעווען; ער וויל איבער־געוועלטיקן זײַן אָפּהענטיקייט, הגם אין האַרצן לעכצט ער איצט דווקא צו הערן פּיווישס אָן אָכצע. ר'ברויך האָבן אין עפּעס זיך אָנצוכאַפּן, אַ נישט פּאַלט ער. די בושה וועט אים דעמאָלט זײַן גרעסער. אין זײַן מאַטן מוח האָט עס שוואַך געטליעט.

— וואָס טון?

ס'האָט אים געשטיקט אין האַלדז. ער האָט דערשפּירט, די וועלט ווערט אים ענג.

אין אָוונט, ווען ער האָט מיטן ליידיקן זיך צוריקגעקערט אין באַן־גאָרטן אַריין, האָט ער זיסעלען געטראָפן. ס'ערשטע מאָל, זינט זיי זענען צוזאַמען, האָט ער אָפּגעבאַקן אַ ליגנט.

— וואָס הערט מען, יוקל?

— ס'עט זײַן. ס'מאַכט זיך... — האָט ער געענטפערט און פאַרגראָבן דעם קאָפּ אינעם בינטל זאַכן, וואָס האָט אונטערגעשפּאַרט זיסלס צו־קאָפּנס.

זי איז געלעגן און געקוקט צו די שטערן, וואָס האָבן קאַלטע, קלאָרע

דאָס בוך פון די עלנטע

זיך דורכגעריסן דורך דער געדיכטעניש פון דעם שוואַרצלעכן בלעטער־אוזאָר.

זי האָט געוואָלט הערן, הערן.

⁂

אַנומלט האָט יוקל זיך אַרויסגעמאַכט פון פּיוווישן. איין מאָל פּאַר אַלע מאָל — גענוג. ר׳איז שוין אַליין געגאַנגען זוכן אַ שטוב.

— צו וואָס נאָך שלעפּן יענעמס הויקער, קאַרג דער אייגענער? — און געהולכט אַ האָפּערדיקער.

און אַז עס איז, ווי נעכטן און אייערנעכטן מיט אַ שטוב נישט גע־ראָטן, — נישטאָ, נישטאָ! — אומזיסט די פּיס זיך אויסגעדרייט, האָט ער מיד זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ צופעליקע שוועל און אַליין אַן אָכצע געטון: „ווו זענט איר, אַ רוח אין אייער טאַטנס זון אַריין!“

יוקלען האָט איצט געפעלט דאָס צוטשעפּעניש פּיוויש. סכנות האָט ער געדאַרפט איבער עמיצן זיך אויסשרייען.

דערנאָך האָט ער, אַהיימגייענדיק, שוין מיט יאוש געטראַכט, וואָס ער האָט הײַנטיקס מאָל צו זאָגן זיסלען. זי איז דאָך דערין אוודאי נישט שולדיק!

דאָס ווונדער

אין אָנהויב איז געווען די שרעק, אַן אויסטערלישע פאַרטויבונג מחמת דעם ראַשיק אומגעריכטן, כאָטש אין דער אמתן האָט מען עס מאוימדיק פאַרגעפילט.

איבערגעוועקט זיך פון די דורכאַנאַנדיקע שטאַרקע אָפּהילכן אין דער נאָענט, — לופט־באָמבעס האָבן אויפגעריסן, צעטרייסלט די באַגינענ־דיקע רו, און רבקה האָט פאַרלוירן איר געוויינלעכע יונגע רירעוודיקייט. זי האָט דערשפּירט אַ פּלוצלינגען ביס אינעם מוטנע אויפטריף פון דעם טאָג, וואָס האָט נאָרוואָס צעעפנט די וויעס. פאַרטאָגס האָט זי שטענדיק ליב אַ ביסל אַרומצושלייכן צווישן די גרינס־בייטן אין גאָרטן, איינקוקן זיך אין די דרימלענדיקע בלומען־קעפּלעך, באַוווּנדערן אַ טוי־טרערל און פרי אָנהייבן דעם טאָג. און די טעג זענען ביי איר געגאַנגען אין צאַפּל, אין לוסט. אין דעם דאָזיקן באַגינען האָט רבקהס געוווינהייט באַ־קומען אַ פילבאַרן קלאַפּ.

דערזען דאָס געשעענע, — עס האָט געציקעט, געהוקעט, געטרייסלט זיך און די אויגן זענען איר פאַרלאָפן געוואָרן ווי שויבן אין דער קעלט — האָבן די הענט אירע זיך אַראָפּגעלאָזן. אַוועקגעשטעלט זיך אין דער צע־עפנטער טיר, איז זי אַ פאַרטאָמלטע געבליבן שטיין אַזוי און געקוקט און עפּעס נישט אַלץ באַנומען. „זעסט!" — האָט זיך פון איר געריסן אַ געשריי, אָבער די ליפּן האָבן זיך נישט אויפגעקניפּט און אַ פּוס האָט זיך נישט אַ ריר געטון. באַוועלטיקט די מינוטיקע פאַרלוירנקייט, וואָס האָט איר געפּאַטשט מיט אַ בייזן פליגל, האָט רבקה ווי אַן איר ווילן אַ ווילע נאָכגעשפּירט די אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן רעווענדיק, גלייך

שווער באַלאַדענע וואָלקנס, זיך באַוועגט פאַר איר בליק. אַ צייט האָט זי זיך פאַרגאַפט אויף דעם נייעם, וואָס האָט שאַרף עפּעס אויסגעבויערט אין איר ברוסט. פונקט ווי אַ ברענענדיקע ווונד האָט די דאָזיקע הוילקייט געגאַגט, געווייטיקט. ערשט שפּעטער האָט זי באַזינען דאָס פאַראַנענע — די ראיה האָט זיך רעכט אויסגעקלאָרט — און, ערשט דערשפּירט אַ מורא. דאָס קרייזנדיקע טאָג־ליכט, דער הויך פון איר אייגענעם אָטעם, די מיניעדיקע קאָלירן פונעם היימישן גערטל, אַלץ האָט איר געשראָקן. מיט אַ פריר אין רוקנביין איז זי אויפגיך אַריין אין שטוב וועקן דעם מאַן. זאָל ער נישט שלאָפן! געשטאַנען ביי זיין בעט און געוואָרגן זיך מיט דעם פלינקן פלייץ פון די געדאַנקען, וואָס זענען געגאַנגען אויף איר. עס האָט איר אויסגעדוכט, ס׳אומגליק גייט אויף זיי אָט שוין, זי וועט נישט באַוויזן אויסשרייען — אוי, ווי, און ער שלאָפט! מיט פלאַקערנדיקע אויגן האָט זי געקוקט אויף אים, מיט צאַפּל געוואַרט, ער זאָל זיך אָנטון. ענדלעך האָט זי אַרויסגעבראַכט דאָס, וואָס האָט אין איר טיף אויפגעפיבערט:

— גיכער! אַלע צייטן זענען ביי אים גלייך...

דאָס בלוט האָט איר געשלאָגן אין די שלייפן אַריין.

וואָס טון, האָט זי נישט באַנומען. און אָט איז איר געדאַנק געליימט, טריב געוואָרן דער בליק. דערנאָך האָט זי דערשפּירט אַזוי ווי דאָס שטיקל איינהיל, וואָס זי האָט געהאַט אַרויסגעוואָרפן אויף זיך, וואָלט געפלאַמט. אויפן ווייבל איז אָקערשט אָנגעפאַלן די גרויסע מורא פאַר דעם, וואָס איז ביז אין דער רגע נאָך נישט אין גאַנצן געווען דער־גאַנגען צו איר, די שרעק פאַרן גרויזאַם אומפאַרשטענדלעכן, וואָס האָט זיך ערשט אַריינגעשטעלט אין דעם שטילן הויפל זייערן און דראָעט מער נישט אָפּצוטרעטן. רבקה איז געשטאַנען נעבן דעם מאַן און געשטיקט זיך מיטן פרעג, וואָס זי האָט געוואָלט אים פרעגן: „נו, וואָס ווערסטו זאָגן, ביינישו?“

...זי האָט זיך אַלץ געשטיקט מיטן אָנפלייצנדיקן שטראָם, וואָס איז ראַפּטום און הייס געגאַנגען אויף איר. און ער, ביניש, האָט אינעם אָנ־בליק פון דעם צעבויטעטן העלן שיין, זיך אַ וואַקל געטון אויף די פיס, אַקוראַט די זון, אַ לויטערע, אַ נאָענטע, וואָלט אים האַסטיק צוריקגע־שטויסן: וווהין! דערזען, וואָס זי האָט געזען, האָט ער געטראַכט: „אפשר

מאַנעוורעס?...״ נאָר דאָס קול האָט אויך אים נישט געדינט. אין זיין ברוסט האָט זיך הייזעריק עפּעס פאַרקייכט. בייניש איז קלאַנגלאָז צוריק אַריין אין שטוב און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף די אונטערגעשפּאַרטע הענט.

„וואָס וועט זיין איצט? געווען נאָך ווינציק...״

ער האָט געקנייטשט דעם שטערן. כאָטש עס איז ליכטיקער געוואָרן אין שטוב האָבן די ווענט, ענג געוואָרענע מיט אַמאָל אויף אים געדריקט מיט באַגינענדיקן גראָ. הינטערן פענצטער האָט דער דרויסן, אַ זוניק ברייטער, זיך שוין צעפּאָכעט. דער אַרום האָט געקאָכט, געפּלאַצט, פונאַנ־דערגעגאַנגען זיך.

אַן אונטערגעהאַקטע איז רבקה נאָך געשטאַנען אין דער אָפענער טיר; זי האָט טעמפּ געקוקט אויף אַלעם, איינגעהערט זיך אינעם פאַרענ־דערטן דרויסן. דער הימל איבער איר איז געגאַנגען, די לופט האָט געצי־טערט, אויפגעשטויסן געוואָרן טונקל, העל, געטוקט זיך ווי בעת אַ וואָלקנברוך.

**
*

— וווהין?

— ?

בלינדער אימפּעט האָט געשפּאַרט פונעם מענטש און, אַסור עמיצער האָט געפרעגט זיך אַליין, צי זיין פריינד, וועלכער האָט זיך אויך פאַר־לוירן: וווהין?

און שליאַך און לאַנד זענען געלעגן פאַרקאָרטשעט, געקוקט דער־שראָקן.

...נאָך טעג פון לויפן משוגענערווייז, לויפנדיקערהייט געווינט גע־וואָרן אומצוקוקן זיך — אַ פאַרציקנדיקע פייער־פויסט האָט נאָכגעיאָגט — איז געקומען די קינדערישע פאַרגעסונג. דערויף, די ערשטע איבעררא־שונג: ליכט. אין אַ פוסטן שטיל־אָונטיקן פעלד האָבן זיך פונאַנדערגע־ריסן די אויגן — אַ, זעט, זעט! ליי־כט!

ווי נאָענט עס איז דער וועג פונעם געליטענעם גרייז צום תמימות־דיקן קינד! אַזאַ שפּאַן איז, משמעות, פון דער פּיין צום געלייטערטן גליק.

כאָטש מ׳האָט נישט געוווּסט ווו מען איז, ווהין מ׳פאָרט, האָט מען אויף די פאַרוואָרפענע באַנסטאַנציעס אין מיטן נאַכט דערשפּירט די נייע אָנט־פּלעקונג פונעם לעבן.

— זע!

— אוי! — האָט רבקה האַסטיק אַ שפּרונג געטון און מיט אַרויסגעאַ־בראָכענער האַפּערדיקייט, ווי בעת אַ נערוון־אַנפאַל, שטאַרקער זיך צוגעצ־דריקט צו דער וואַגאָן־טיר: אפשר וועט זיין אַן אָפּשטעל?... דאָס אויג האָט דורשטיק געטרונקען דעם מאַטן ווידערשיין פונעם צוזאָגנדיקן ליכט. רבקה חלשט צו באַרירן די אַ לעבעדיקע ערד, דאָס אַנדערשדיקע, וואָס האָט זי אַזוי מיד געמאַכט.

זי האָט אייגנטלעך נישט געענוי געוווּסט, וואָס זי באַגערט. רבקהן האָט נאָר אַ צי געטון צו דעם פרישן, וואָס איז נישט געווען פאַרקנוילט אין קאַלטן חושך.

אָבער עס זענען אָנגעשווומען ענדלאָזע סטעפּעס, דערנאָך הויכע, משונה־דיקע ווענט פון ווילדן גראַניט. פוןביידע זייטן צוג — ווענט. טונקעלע, מעכטיקע, שווערע. אַ פינצטערלעכער טונעל אַזאַ אונטערן באַוועגטן שאַרפן הימל, וואָס האָט געשניטן דאָס אויג.

קאַפּריזע, סודותדיקע נאַטור! אַ בייזע אַזאַ, אַ גאַווהדיקע און אַ ליבע, אַזש עס פּאַטויפעט זיך נישט דאָס אַלץ אין קאָפּ. עס איז מסתמא אַ זע־אונג, אַן אויסדאַכטעניש אין אַ קראַנקהאַפטער מינוט! און דאָ — וואָס ווידער? „דיניעס, דיניעס!” שרייט עמיץ אויס. קליינע, אַראָמאַטע מפּילעך פון דער גליאיקער מדבר־זון. און זי לויפט ווייטער מיט, די מאָזאַאיק פון דער איבערגעטאַשטער גרויזאַמער און לאָקנדיקער ערד, קעגן וועל־כער דער מענטשישער זין איז בהמהש אומבאַהאָלפן.

און איצט — בערג, אומגעהויערע, פאַרטומלענדיקע מיט זייער צו־דרינגלעכער מעכטיקייט. פון זיי האָט עס זיך אָנגעהויבן דער טאָג אַ מי־ניעדיקער פון ווייכן רויכיקן בלאָ אַרויס. דערנאָך קריכט ער איבער שיפּועים, דער טאָג, איבער רחבותן, וואָס זענען דאָ סאַמעט גרין, דאָ וואָלקן־געקרויזט און דורכזיכטיק ווי געשליפענער קרישטאָל און פיאָ־לעט און פעלדזיק־שטייף, סאַפיר־קלאָר און, ענדלעך, ראָז, באַלד פלאַ־קערנדיק ראָז, וואָס לעשט, לעשט און גליטשט זיך אַראָפּ צום האָריזאָנט

ווי אַן אומגעהויערער רויב־פויגל. אָ, דעמאָלט איז צוגעפאַלן די שוואַרצע נאַכט. אַ ווינט, וואָס יאָמערט ווי אַ שטאַרבנדיקע סאָווע, האָט זיך גע־הויבן איבער די אַקסלען, געפייפט, אַזש ס׳האָט זיך געוואָלט ערגעץ איינ־גראָבן דאָס פּנים און נישט קוקן, גאָרנישט זען. זאָל פאַרלענדט ווערן די בלינדע נאַכט! עס איז קאַלט, פרעמד דאָס מדבר־לאַנד, עס וואָיעט פון טויזנטיאָריקן נישט אָפּווישבאָרן עלנט.

נישט אין אַ זיידענעם טרוים האָט עס פאַרוויגט; ס׳האָט געפּויקט אין די געהירן. גוט איז צו פאַרזינקען אין שלאָף. געבענטשט זאָל זיין די אומדורכדרינגלעכע פינצטערניש! און איז אַרויסגעקומען די לבנה, אַ פאַר־חידושטע, זי האָט דורך צאַרטע וואָלקנדלעך געקוקט אַריבער מיסטע־ריעזער ווייסקייט, אַריבער פויזנדיקע שאָטנס, האָבן די אויגן זיך צע־פראַלט: אָ, וואונדער! ווי־דער האָט די וועלט זיך געשטרעקט צום מענטש. און אַז מ׳האָט (אַ סך, אַ סך לויפנדיקע, ניצול־געוואָרענע) זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד הויערן ווי די מידע שאָף, האָט די נאַכט לייטזעליק פאַר־וועבט די אויגן.

כאָטש אָן געצעלט, מ׳איז געצוואָגן געוואָרן פון קילן נאַכט־שפּריי, ס׳איז פוילבלעך געוועזן אין דיביינער, — דאָך זענען די יונגע מאָרגנס געקומען אין זאַנפטקייט.

דעמאָלט האָט רבקה מיט קינדערישן גלוסט זיך געהנדלט פאַר דעם שלל אויסגעפאַלענע זון־פליטערלעך. דורכן גינגאָלדענעם שטראַלן־פעכער איז אין פאַמעלעכן שפּאַן געגאַנגען אַ מגושמדיקער קעמל. רעשיק, ווי מיט אַ שפּילצייג, האָט דער קעמל רואיק באַוועגט אַ קליינע אַרבע הינטער זיך און שטאָלץ און באַזאָכט איז זיי — דער אומגעלומפּערטער חיה און דעם הילצערנעם שרייאיקן וועגעלע — נאָכגעגאַנגען אַ צעפּאַכלטער איינ־דערפּרי.

— זע, זע!

אויסגעקלאָרטע גרויסע פלוימען־אויגן האָבן זיך אויסגעברייטערט, געצונדן האָט זיך די באַגייסטערונג.

רבקה האָט געלאָזן זיך געצויגן צום פונאַנדערגעוויקלטן ליכט:

...אַ קוואַל, קינדער ביים קוואַל, לעבעדיק וואַסער אין דער זשמעניע, אַ מיידל מיט לאַנגע, שוואַרצע צעפּ ביז צום טריט און אַ קויש ווייַנטרויבן

אויף איר קאָפּ. אַ קופּער־גלאַנציקער זקן מיט אַ לבנהקער באָרד רייט פאַרביי אויף אַ דריבנע אייזעלע און עס כוואַליעט דער רויש, דער קאָליריקער, זיך איבערגיסנדיקער טומל פונעם פולן מאַרק, וואָס האָט זיך געעפנט דאָ־אָ צופוסנס — אַלץ, אַלץ האָט זיך וווּנדערלעך אַוועקגעשטעלט.

רבקהס שוואַרצאַפּלען פלאַמען, די ברוסט רעגט זיך פריידיק. זי האַלט דעם מאַן ביים עלנבויגן, מורמלט: „ווי שיין!‟ און זי ווייסט נישט, אַז זי זאָגט עס, אַז זי האָט באַזיגט די שרעק פאַרן טויט, וועלכן זי האָט ערשט אַנומלט געאַנט.

און גייט ווידער אָן אַ הויכער־הויכער קעמל — זיין רויטלעך באַוואַקסענעם האָריקן פּוס שטעלט ער קוים פאָראויס, ער לייגט אַ לענגלעכן שאָטן אויף דער ווייס אויסגעברענטער ערד — און ער דערשרעקט זיך פּלוצלינג מיט דער שרעק פאַר בייזס, הויבט זיך אויף דער פונאַנדערגעגאָסענער זוניק־הודזשענדיקער מאַרק און לויפט און קוויטשעט מיט אַלע זיינע מיילער, קאָלירן און ריחות. די געלאַסענע, ריזיקע בריאה האָט, גלייך אַ מדבר־שטורעם, ראַפּטום צעפּלאָשעט די אויסגעדאַרטע ערד, דעם אומרואיקן מענטש. בלויז שטויב־באַדעקטע ביימער בלייבן שטיין גאַפנדיקע; פאַרשעמט־זשמורענדיק קוקן איבערגעקערטע קוישן פרישע פּרוכט, צעפּלאַטשטע הייפּטלעך קרויט ליגן אין ברוגז. דער פאַרטייבטער אַרום באַנעמט נישט די מבולבל אָפּגעקוילערטע, העשנדיקע געשרייען. אַ קינדערישע טרער האָט זיך קויטיק פאַרבאַקן ביי אַ סמאָרנדיק נעזל, נערוועז האָט זיך צעציטערט אַ האָריקע גאָמבע. אין זיין רויער רו האָט דער סטעפּ דאָ אומגעריכט זיך צעבונדן, און אַ פרוי־מוטער איז אין דער אויפגעטרייסלטער שטילקייט פון דער גאַס, וואָס אין גרויסער זון, געלעגן אָן אָנמעכטיק געפאַלענע, אַ צעטראָטענע. דער טיף־בלאָער הימל האָט אויף איר פאַרגלייזט דעם בליק. דער צעשפּריצטער בלוט־פלעק אויפן מילדן פּנים פון דער פרוי האָט אים געאַרט, דעם הימל.

צוריקגעלאָפן צום בוים פון באַן־גאָרטן, וואָס איז דערווייל געווען איר היים און הויז, האָט רבקה טרויעריק געקוקט מיט בלייענע אויגן. די אַנידערגעזונקענע פרוי מיטן בלאָנדן האָר־קרוין אויפן טויט־פאַרשטייפטן קאָפּ, האָט ברייט געגליווערט אינעם קרייז פון דעם מוטנעם שיין, אַ רינענדיקער פון רבקהס וויעס. ביינגיש, ביינגיש! — זי האָט זיך אַ

קאָרטשע געגעבן פון אינערלעכן אויפשריי, קלאַמערנדיק זיך אָנעם בוים. דאָס פּאַוואָליענדיקע הויקערדיקע באַשעפעניש, וואָס איז געווען אַרויס־געגאַנגען פונעם לויטערן אינדערפרי, האָט נאָך געווילדעוועט אין רבקהס אויערן, געטופעט איבער די שלייפן.

און אַז טרויער און שווייגן האָבן מיט אַמאָל לעסטיק זיך אָנגעהויפּט אויפן געמיט, דער שטורעם פון גלייכגילט האָט אָפּגעברויזט, האָט אין די אויגן ווידער אַריינגעקוקט אַ גינציקער פרימאָרגן. אויפגעוואַכט אויפן בלאָ פון דעם נייגעריקן טאָג, האָט רבקה, אַן אָפּגעצערטע, אַ באַלאָדענע מיט זאָרג, וואָס האָט וויטלעך נאָך אָפּגעגרילצט אין איר, דערשפּירט אַ שאַרפן אַפּעטיט צו ברויט. ערשט האָט זי פאַרנומען דעם צייטיקן ריח פון די וויניקע עפּל, וואָס ביינישׁ האָט געבראַכט. אין איר האָט ניילעך אויס־געציטערט דער פאַרבאָרגענער קלינגעוודיק־זילבערנער נערוו פון אומ־פאַרגענגלעכן רייץ און גלוסט פון גרייז און קינד.

פונסניי פאַרטון מיט זיך, מיט די זאַכן און וואָכעדיקע עסקים, — דער מאַן איז נישט געווען; דער טאָג האָט אים אַרויסגעצויגן אויף פאַר־מעסט: ווער וועמען וועט בייקומען? — האָט די פרוי אַ צוגעקניפּטע צום אָרט, ווידער אַרויסגעבליקט פון צווישן די ביימער־שאָטנס. דער דרויסן האָט זשעדנע זיך געשפּרייט פאַר איר. רבקה האָט אויסגענויגט דאָס אויער, ס'אויג געשאַרפט אינעם בלענדיקן שיין וואָס האָט געשפּילט אויפן זאַמד און זי איז פאַרכליניעט געוואָרן פונעם דרויבלענדיקן, ברומענדיקן און שפּילעוודיק אַרום.

***

אין אַן אייביקער קאַרוסעל דרייט זיך און הוידעט זיך דאָס וואונדער פונעם לעבן. רבקה, אָקערשט אַ געשלאָגענע פון גרויסער שרעק, ווייסט ווידער נישט אירע יאָרן, געדענקט שוין נישט דעם נעכטן, וואָס איז געווען אומדערבאַרעמלעך. פונסניי כשופּט אַלץ און עס איז פריש, ווי ערשט אויפגעשפּראָצט.

— זע נאָר, זע!

ווי אַ קליין מיידעלע ווילט זיך איר איצט נאָכלויפן דער ברייט־פּנימדיקער שיינער פרוי, אַן אָנגעטוענע אין רויטן, ענג־גענייטן סאַמעט, אין מענערשע שטיוול; יענע באַוועגט זיך ווי אַ זונענגלאָק אינעם הייסן, זינגעוודיקן שטויב־ווירבל, אַ רויכערנדיקער פון די פערדישע קלאָען, וואָס טראָגן די רייטערקע.

— אָ, אָ!

אַן אַלטער קירגיז וויגט זיך אויף אַ נידעריק ביקל, וואָס אין דער מיט פון אַ ברייט שווימענדיקער טשערעדע שעפּסן און ציגן. און די בייטש און די פיס זיינע הענגען איבער דער פליסנדיקער ערד.

— וואַ־וואַ! — גיט רבקה אַ פּלעסקע מיט די האַנטפלאַכן.

אינעם צעבלאָזענעם שטראַלן־האָרן שפּרינגט גיך אַדורך אויף אַ פערד אַ בערדיקער מאַן אין אַ פוטערנער מאַלאַכייע איבער שטערן און נאַקן און צוויי פּיצלעך מענטשן מיט קינדער־פּנימלעך הוידען זיך היג־טערווײַלעכטס ביי זיין פּלייצע: טיופּ־טיופּ.

ווי אונטער צעוויקלטע זעגלען טראָגט זיך דער מאַרק אַקעגן די קולות און קאָלירן. מענטש און בהמה וואַקלט זיך אין שכרות פון זון און קומיס. אין מיטן דעם פּייערלעכן געראַי בייסט עמיץ אויף ווייסע, שטאַר־קע ציין האַרטע, קליינע קעז־קייקעלעך, צענויפקוועטשנדיק פון תענוג די שווייסיק־קרומע אויגנשניטן; אַ טונקל־גלאַנציק פּנים, גלייך אַן אָפּ־געפּוצטער משוהונענער טאָפּ שמייכלט, מיט גרויסע ווייסלעכער שמייכלט עס קינדיש. עמיץ לאַכט הילכיק, אַקוראַט טעלער וואָלטן דורכאַנאַנד געפאַלן אויף האַרטן שטיין אַרויף און ווער עס אַנטלויפט בלייך דערשראָקן פאַר אַ חזיר, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ וואָגן: אַללאַה!

ברייט צעפּראַלט זענען די אויגן און גיריק עסן זיי די וווּנדער, די אייביק נייע.

אוי! זע! מינוטנווייז האָט רבקה זיך אין גאַנצן פאַרגעסן, פריידיק גע־פּאַטשט אין די הענט אַריין.

נישט שטענדיק האָט בייניש זי געקענט הערן. ער איז אַרומגעגאַנגען זוכן אַ שטיקל צימער. דערפאַר איז זי אָפּט געבליבן אומעטיק. און אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט זי אים באַגעגנט מיט אַ מיד לויכטנדיק פּנים:

יוסף אַקרוטני

— הערסט... — זי האָט זיך ווידעראַמאָל געקוויקט מיט די וווּנדער, דערווישטע אַרום זיך. דער האַרבער געדויק פון רויך און מלחמה האָט אין דעם אויגנבליק זיך אָפּגעטון פון איר.

אין אָנהייב איז די שרעק, די פאַרגעסונג לויפט אָן ווי דער עכאָ פונעם וואַלד.

אַ מאַמע

עס איז געשען אין די שווערע טעג פון יוני 1941. ביאַליסטאָק האָט מען צוערשט העפטיק באַשאָסן פון דער לופט. דערנאָך האָט דער פײַנטלעכער רינג אַרום דער שטאָט זיך פאַרענגט פון שעה צו שעה. די בהלה איז געוואַקסן. די מענטשן האָבן אימהדיק געאַנט די גרוילן, וואָס גייען אויף זיי. מען איז גראָ געוואָרן צוקוקנדיקערהייט. בלוט און טויט־געשריי האָבן פול געמאַכט די וועגן פון דעם פאַרווונדיקטן לאַנד. די פלוצלינגדיקע פאַרשטיינערטקייט פונעם געפיל איז געוועקט געוואָרן נאָר פון דער אומאויפהערלעכער שיסעריי.

צום גליק — עס איז טרויעריקער פון טרויער — האָבן מענטשן אין זייער געפלעפטקייט דעמאָלט דערזעען, אַז דער חלף פאַלט צו צום האַלדז. מיט די לעצטע כוחות האָט מען גענומען לויפן. לויפן ווי מ'גייט און שטייט. דאָס בינטל לעבן, אַן אויפגעצאַפלטס אינעם בלוט, אין דער צעפלאַמטער פאַנטאַזיע, האָט גלוסטיק געלאָקט. נישט געווען קיין באַנען, האָט מען פול געמאַכט די וועגן, די דאָרפישע סטעזשקעס, און עוקר געווען. פאַרגעסן אין אויגנבליק אין דעם טייערסטן, צו וואָס מ'איז געווען צוגעבונדן דעם גאַנצן לעבנס־טאָג, און מען איז בלינדערהייט אַנטרונען פון דער בייטשנדיקער סכנה. ערשט דערנאָך האָט מען זיך אַרומגעזעען, געכאַפּט זיך אויפן פאַרלוירענעם און פון דער ברוסט האָט שאַרף אַרויסגעדרענגט דער פאַרשפּאַרטער ווייטיק מחמת די איבערגעטראָגענע פּײַן.

דער מעכטיקער יאוש־געשריי פון דער פאַרווונדעטער מוטער, וועלכע האָט אין מהומה אָנגעווירן אירע קינדער, האָט אין יענע שעהן זיך געטראָגן פונעם באַראַנאָוויטשער שליאַך. אַ וואַנזיניק־פאַרלוירענע צווישן

אַ מענגע פליטים פון איר שטאָט, פון אונדזערע אַלעמענס שטעט, האָט צירל קאַמיענקאָ, גלייך זי וואָלט זיך אָקערשט עפּעס דערמאָנט, גענומען ווילד זוכן אַרום זיך. די קינדער, אירע קינדער: אַנעטשקע, אוי, אַנעטשקע, און פּנחסל, פּיניעלע! — — ווי אַזוי איז עס געשען, ווו האָבן זיי זיך פאַרבלאָנקעט, אירע גאָלדענע? משונה האָבן געשפּרונגען די אויגן אין איר בלייכן, דערשוויצטן פּנים, אַן אַרומגעראַמטס מיט די צעקנוידערטע האָר פון איר קאָפּ.

געזוכט און נישט געפונען זיי אַרום זיך, האָט די מאַמע, אַ באַנומענע געשריגן אויף קולי־קולות:

— יאַאַנקעעוו! יאַ־אַ־אַנ־קעוו! — און איז אַנידערגעפאַלן אַ צונויפגעקראַמפּטע, אַ צעשניטענע פון יסורים.

צום מאַן איז דערגאַנגען דער פאַרצווייפלטער רוף דעם ווייבס, נאָר ער האָט זי בשום־אופן נישט געזען, כאָטש ער האָט זיך וויפל מאָל אומגעדרייט, געיאָגט זיך נאָכן קענטלעכן קול, וואָס האָט אים געשמיסן, געבעטן. ווי אַ שפּאַן איז ער געווען איינגעפּלאָנטערט אינעם באַוועגטן קנויפּ פון די צעשראָקענע, וואָס האָבן אַרום אים געשטראָמט אין איין גרויסן, ווילדן געצאַפּל. יעקב קאַמיענקאָ האָט אומרואיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק, געזוכט אויף לינקס, געזוכט אויף רעכטס פון זיך און אויף הינטערווייל עכטס, כאָטש די גייענדיקע מענטשישע מאַסע האָט אים אָפּגעשטויסן ווייטער, ווייטער, ווי צעשטורעמט וואַסער שליידערט אָפּ אַ קלאָץ.

ווען מאַן און ווייב האָבן לסוף זיך באַגעגנט, איז פון זיי מיט אַמאָל אָפּגערונען דער בייסנדיקער טומל, וואָס איז אָנגעוואַקסן אויף זיי מחמת דעם אומגעריכטן אויפכאַפּן זיך, מחמת דעם גיכן אַנטלויפן פון דער היים. פאַר טאַטע־מאַמען איז באותו־הרגע אויפגעקומען דאָס אַנומלטיקע, דאָס איינגעגעסענע אין זיי, דאָס, וואָס איז געווען אַנדערש — יאָ, עס איז אַנדערש, דאָרט. און דאָס בילד פון די צוויי קינדערלעך, פון אַנעטשקען און פּיניעלען האָט פאַר זיי אַ פלאַטער געטון. איטלעכס האָט אויף זיין שטייגער זיך געהנדלט מיט זיינע גרימאַסן, מיט די שיינע קינדערישע אומגעריכטקייטן. טאַטע און מאַמע האָבן מיט אַמאָל אָפּגעשפּירט דעם

ריס, וואָס איז געשען צווישן זיי און דער וועלט, וועלכע איז נאָרוואָס איינגעזונקען געוואָרן.

אוודאי, אַ וועלט אַ גאַנצע איז אונטערגעגאַנגען דער ליידנדיקער מאַמען.

יעקב קאַמיענקאָ האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַן אָפּגעשאָכטענער. ער האָט געקרעכצט ווי אויף שרעקלעכע יסורים, וואָס דערקוטשען, לאָזן נישט איינרוען. ער האָט אַן אויג נישט צוגעמאַכט אין די נעכט און זי, די מאַמע, איז אַרומגעגאַנגען ווי משוגע:

— אפשר ווייסט איר? אפשר האָט איר געזען, אפשר געהערט?...

זי האָט זיי געזען, אירע ליבענקע, ווי זיי זענען צום לעצטן מאָל אַרויס פון שטוב. זיי האָבן זיך געפּיעשטשעט, צוגעזאָגט צו עסן, אויב מ׳וועט איר קויפן אַ גרויסע שלאָפנדיקע ליאַלקע, מ׳וועט פּיניעלען אָנטון אַ פּאָר לאַנגע הויזן מיט אַ קנייטש, ווי עס גייט דער פּאָפּאַ אום שבת. זי האָט זיך כלומרשט אָפּגעבייזערט, די זינדיקע מאַמע, אויפן קליינ־וואַרג. זיי האָבן עס געפּילט, די דריבנענקע מענטשעלעך, זיי ווייסן, אַז די מאַמע איז זיי געטריי. זי זעט זיי אַרומוואַיעוועדיקע אויפן הויף, זייערע לאָקן לויכטן אַרויס ווי גאָלד פון צווישן אַלע קינדערישע קעפּלעך און זי וויל, צירל, אַז יענע, די אָנבאַגעגנטע, זאָלן אויכעט אַזוי זען אירע שוועלבעלעך.

די מאַמע איז שיעור נישט אַראָפּ פון זינען:

— אפשר ווייסט איר...

ווי לאַנג און פאַרפּלאָנטערט עס איז דער וועג פון מלחמה, וועלכער האָט דורך יאָרן געפירט די קאַמיענקאָס! אומעטום האָט עס געבויערט אין די מענטשלעכע מוחות, געלעכערט די הערצער דער מאַמעשער פרעג צירל קאַמיענקאָס:

— אפשר ווייסט איר?

מענטשן, אין גאַנצן אומבאַקאַנטע, האָבן שוין געוווסט די חנעוודיקע רייד דעם מיידעלע אַנעטשקעס, וואָס פון ביאַליסטאָק, האָבן געהערט די לויב דעם פּיניעלעס, וואָס האָט גרויסע בלאָנדע לאָקן, געדרייטע ווי שרויפן.

...חדשים און יאָרן זענען געגאַנגען, הרודעס און בערג האָבן זיך

אַנגעשאָטן אויפן מענטשלעכן זכרון — אַ סך האָט זיך פאַרגעסן, אָבער די מאַמע האָט נישט פאַרגעסן אירע פאַרלוירנגעגאַנגענע קינדער.

„אַנעטשקעלע איז געווען אין קינדער־גאָרטן, פּיניעלע איז אַרומגע־לאָפן מיט אַנדערע ייִנגלעך. צי האָט זי זיי מיטגענומען? אוודאי, אוודאי. אַן אוממעגלעך אומגליק איז מיר געשען..."

ווער האָט נישט געוווּסט דער מאַמעס בראָך?

און עס איז געקומען דער טאָג פון אויפריכטונג. נצחון, נצחון! — האָט עס געשריגן פון מענטשנס העלדזער, מיט דעם האָבן געשאָלט די טיף אויסגעשפּרייטע הימלען. און עס איז אָנגעשטאַנען די שעה פון צוריקקערן זיך אין די אויסגעלייזטע, כאָטש חרובע היימען.

צירל קאַמיענקאָ האָט נישט געוואָלט הערן פון באַלד אַהיימפאָרן קיין ביאַליסטאָק. די שטאָט וואָלט צום איבעריקן צעריסן אירע נערוון. אויף שריט און טריט וואָלט עס איר דערמאָנט אין די קינדער. איר ווייטיק־לעכער פרעג: — אפשר ווייסט איר? האָט מיט עקשנות איצט געגומען אַריינדרינגען אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. איצט, איצט, האָט זי אָפּגע־מאַכט ביי זיך, וועט זי זוכן, איצט מוז זי דערגיין, וואָס עס איז געשען מיט אירע ליכטיקע קינדערלעך. ווו נאָר אַ ביאַליסטאָקער, אַ קרינקער, אַ טיקטינער, אַ סאָקאָלקער, האָט זי זיי פאַרפייניקט מיט פראַגעס וועגן קינדער־גאָרטנס, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און פון אַזעלכע, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן אונטערן האָגל פון דייטשישע באָמבעס. מענטשן, וועלכע זענען שוין לאַנג אַרויס פון די קינדער־שיכלעך, האָבן נישט קיין געדולד צו זאַכן, וואָס ליגן אויסער די גרענעצן פון זייערע ענינים, אפילו אַזעלכע זענען געווען געצוווּנגען זיך צו צוהערן צום הייסן רוף פון אַ געליטענער מוטער:

— הערט!

צירל קאַמיענקאָ האָט גערעדט, אומעטום געשריבן וועגן אירע קינ־דער. זי איז נישט מיד געוואָרן. און די געהיימנישפולע קראַפט פון מאַ־מעשאַפט האָט אויף עק וועלט ערגעץ אויסגעגראָבן די עקזיסטענץ פון אַ מיידעלע אַנעטשקע קאַמיענקאָ, אַ ביאַליסטאָקער מיידעלע, וואָס איז אַלט צוועלף יאָר.

אַ פלאַטערנדיקער בריוו צירל קאַמיענקאָס האָט דערגרייכט אין דער

סטאַוראָפּאָלער רוסישער קינדערהיים, פון וואַנען אַ קינד האָט מיט אומ־באַהאָלפענעם כתב איר צוריקגעענטפערט:

„איך הייס אַנעטשקאַ קאַמיענקאַ, איך בין פון ביאַליסטאָק. צי איך בין אַ יידיש מיידעלע, ווייס איך נישט. די לערערין ווייראַ וולאַדימי־ראָוונאַ האָט מיר נישט געזאָגט, און אַ מאַמע האָב איך נישט...״

אויף די פליגל פון פרייד, וואָס איז אויסגעמישט מיט סם־טראָפּנס פון אַ צעבלוטיקט מאַמע־האַרץ, איז צירל קאַמיענקאַ אַוועק איבער באַנען, איבער טייכן, אַוועק ערגעץ אויף קאַווקאַז אויסזוכן אַ מיידעלע אַ זעקס־יאָריקע, וואָס איז אָן אַ לייבלעכער מאַמען אַלט געוואָרן צוועלף יאָר. „ווי איז מיר, צי וועט אַנעטשקע איר דערקענען, דער מאַמען?״ ס'דאַכט איר, זי איז מער געעלטערט געוואָרן ווי עס שטייט אָן אַ מאַמע פון אַ קליין טעכטערל, וואָס איז געוואַקסן אין דער פּרווו־צייט פון אַ מוראדיקער מלחמה, ווי די־אַ.

— ווו איז סטאַוראָפּאָל, ליבע מענטשן? — אוודאי, ס'איז איר מיידעלע די אַנעטשקע, קאַמיענקאַ אַנעטשקע, טאַקע אַ יידישע; איך בין פון ביאַליסטאָק. זי איז אָן מיר אַנטלאָפן געוואָרן. איינע אַליין, אַ קינד דורך פייער געלאָפן.

דער קאָפּ ווערט אָנגעדראָלן ביי דער פרוי, וועלכע רייסט זיך ערגעץ אין אַ סטאַווראָפּאָל אויפזוכן איר מיידעלע, וואָס ווייסט נישט, צי עס איז דאָס זעלבע, וועלכע מ'זוכט.

— אפשר ווייסט איר?

אַ געווינטלעכע געשיכטע

צום אומגליק דערציילט זיך דאָס שוין מיט אַ געווען. ווי געווען עס איז ביז נישט לאַנג אַ שטילע, שיינע שטאָט וואָלקאָוויסק און געווען דאָרט — ווי אויף אַלע ברעגעס פון פּוילנס רואיקע טייכן — אַן עדה אָרנטלעכע יידן.

געווען אַ ליכטיקער בוים און ער איז אונטערגעבראָכן געוואָרן.

דוד און טויבע לעווין האָט מען מקנא געווען. אַן עשירות, אַן גרויס יחוס און פון דעסטוועגן אַ געבענטשט פּאָרפאָלק. מאַן און ווייב האָט מען שטענדיק געזען צוזאַמען; אפילו אין מאַרק,ביים איינקויף, האָט מען אויך נישט געטראָפן איינע אָן די אַנדערע. ער איז געווען אַ שניידער, געזעסן ביי דער ניי־מאַשין, האָט זי אים צוגעהאָלפן מיט דער נאָדל. אַ קינד איז געווען ביי זיי, איז עס קליינערהייט אַוועק בעת אַ שלאָפקייט און איבערגעלאָזט אַ דריקנדיקע ליידיקייט ווי אַ שטאַרע בעלמע, אַ קוקנ־דיקע טאַטע־מאַמען גלייך אין דער נשמה אַריין. זינט דעמאָלט זענען מאַן און ווייב געבליבן איינע אַליין אין הויז. אַז געשמייכלט, האָט מען איינגעהאַלטן שטיל, אַן קלאַנג געשמייכלט איינער צום צווייטן; צווישן זיך האָט מען געגעסן דעם טרויער, וואָס איז באַשערט געווען. איינער דעם אַנדערן האָט געהאָלפן אין אַלעם. האָט זי גענומען וואַשן וועש, האָט ער אויסגעדרענגט די גרויסע ציכן, די ליילעכער. „דו האָסט נישט קיין כוח", האָט דוד געזאָגט אַ שולדיקער. און ער האָט געהאָלפן צעהענ־גען די וועש. אויב רייניקן די פּאָדלאָגע, האָט מען עס אויך געטון באַנאַנד.

אַ מאָדנע פרידלעך צוזאַמענלעבן, וואָס מענטשן האָבן באמת מקנא געווען, און מענטשן האָט עס געוווּנדערט. „עפּעס נישט קיין מאַנספּאַרשוין, נישט קיין יידענע. צוויי לאַמאַגעס אַזוינע, האָבן זיך געפינען אין אַ זאַק מאָן"... אַז מ'האָט דוד לעווינען גאַנצע יאָרן נישט געזען גיין דאַווענען, האָבן גרינגע קעפּ געחוזקט: ער דאַוונט צוזאַמען מיט זיין טויבען. אַ גלגול פון אַ מענטש!

אין דער אמתן זענען זיי ביידע געווען שטאַרק עלנטע. נישט קיין קינדהייט, נישט קיין יוגנט געהאַט. אָפּגעשוואַרצט ס'ביסל יאָרן. ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, האָט זיך איבער זיי דערבאַרעמט און אויס־געזויגט ביזן מאַרך. געהאָרעוועט, געפּלייסט זיך און קוים געקענט אַ שטיקל קלייד אויף זיך אַרויפנעמען, אַ שיך אַן אַלטן אונטערנייען, פּאַר־לאַטן. האָבן זיי זיך באַגעגנט און ליב באַקומען איינאַנדער, איז מען זיך געבליבן טריי ביז גאָר. דוד איז טויבען געווען אי אַ פאָטער, וועלכער איז איר געפעלט געווען פון קליינוויז אָן, אי אַ מאַן, צו וועלכן עס האָט געלעכצט איר פרוילעכע שעמעוודיקייט; זי, ווידער, איז דודן געווען סיי אַ מאַמע (אַזאַ האָט ער אַמאָל געקענט אַ פאַרטרערטע), סיי אַ געליבטע, צו וועלכער עס האָבן אים געצויגן אַלע זיינע כוחות.

נישט דעם חומר אַ ווייב האָט דוד דער פּשוטער שניידער געהאַט אין טויבען, נייערט אַ שוועסטער אַן איינציקע, און זיי זענען געווען גליק־לעך אין דוחק ווי אין גדולות. איינער האָט דעם אַנדערן צוגעפּעלט, איינס דאָס אַנדערע האָט פול געמאַכט. דער גורל האָט זיי צונויפגעהאָפטן מיט די פאַרבאָרגענע קנופּן פון האַרץ און נשמה.

און זענען געקומען די דייטשן ימח־שמם אויף מלחמה האַלטן, זייער אומריינקייט האָט זיך ווי אַ פייער פונאַנדערגעטראָגן איבער די ערדן, האָבן די מענטשן געמוזט זיך אויפהויבן פון זייערע ערטער. אויך דוד מיט טויבען איז באַשערט געוואָרן אַוועקצוגיין פון זייער נעסט. ווי אַלע־מען האָט זיי געיאָגט דאָס אומגליק און זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ שטאָט פון דער גרויסער, טיפער פרעמד. דאָרט האָבן זיי, אָפּדעכנדיק, געחלומט פון דער געגרויבטער רו, וואָס וועט מסתמא זיך אומקערן.

דער שטורעם־גלאָק האָט אַ סך מאָל אָפּגעברומט אין דער פּוסטקע, ווו עס האָט זיך איינגעגנעסטיקט דודס און טויבעס עלנט. ווי אַ שפּין

האָט דער עלנט געזויגן דאָס ליכט פון זייערע אויגן. און קיין רו איז נישט געקומען.

די האָפענונג האָט זיי איבערגעלאָזן אין מיטן פון דעם אומענדלעכן, פאַרפּלאָנטערטן וועג.

דערווייל איז געוואָרן ערגער און דוד איז אַוועק אויף דער מלחמה. דער קריג מיט די דייטשן האָט אים אָפּגעריסן פונעם ווייב. זי, טויבע, איז איינע אַליין געבליבן זיצן אינעם צעטומלטן אָרום און מיט פאַר־צאַגטקייט פון די אָרנטלעכע יידישע טעכטער געוואַרט אויפן צוריקקער דעם מאַנס. פון די צעטראָטענע פעלדער האָבן זיך געטראָגן טרויעריקע בשורות און דודס סליאַדן זענען פאַרזונקען געוואָרן אין בלוט און שרפה. ס'ווייבל איז איינציקווייז איינגעגאַנגען וואַרטנדיק אויפן מאַן דעם באַ־שערטן. זי איז קראַנק געוואָרן. צו די ווייטיקן פון אירע שלאָפּע גלידער האָט זי זיך נישט צוגעהערט; זי האָט פאַרטויבט דאָס לעכצן נאָכן לעבן, וואָס האָט געקלאָגט אין איר ווי אַ פאַרוווּנדיקטע טויב:

„דודל, דודל, ווו ביסטו?״

דאָס האָט ווי סם געגעסן איר מאַרך. און הונגער האָט טיף זיך איינ־געגעסן אין איר לייב. אין דער אומבאַוווּסטער פרעמד איז טויבע לעווין אומבאַוווּסט געשטאָרבן. פריש איז נאָך געווען איר פּנים, כאָטש אַש האָט שוין געהאַט באַשאָטן איר קאָפּ. אַ גראָע, יונגע פרוי איז זי אויס־געגאַנגען. נאָך איר זענען געבליבן אַ פּאָר קליידער און אַ בינטל בריוו, צונויפגעלייגטע אין אַן אָפּגעהיטן פּעקעלע. עס זענען די בריוו פונעם מאַן, דעם פאַרפאַלענעם אויף די מלחמה־פעלדער. אויב דוד לעווין, דער וואָלקאָוויסקער שניידער, וועט זיך אָפּגעפינען צווישן דעם שארית־השחיטה פונעם פאַרטיליקטן פאָלק געהערט אים, ליבע מענטשן, די ירושה נאָך זיין פרוי טויבע, וועלכע איז אַוועק פון אונדז מיטן נאָמען פון דעם מאַן אויף אירע בלויך־בלאָע ליפּן.

די געשריפטסן, די באַליבטע, וועלן מיר — דער געשטאָרבענער צו־ליב — אויפשטאָפּלען אין אַ קופּקעלע, ווי זיי זענען איבערגעבליבן נאָך איר.

***

דאָס בוך פון די עלנטע

„איך שרייב דיר אין דעם צַלייגינקן לײמענעם שטיבעלע, וואָס וואַרט אויף די גוטע הענט פון מיין טייערער, דעם 23סטן אָקטאָבער 1941 יאָר. מיין ליכטיקע,

אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען ווי פאַרקויפט אין „קרעפּאָסט“ און ס׳איז גאָרנישט געוואָרן פון אַלעם, וואָס מיר האָבן געקלערט. איצט, ווען איך בין אַהיימגעקומען, — עס איז שוין פאַרנאַכט — ביסטו נאָך נישט צוריק פון דער אַרבעט. האָרעוועסט זייער, קינד!

האָב נישט קיין פאַרדראָס. הייגט נעמט מען אַלעמען. מ׳זאָגט, עס איז אויף אַרבעט, און מ׳זאָגט — אין דער אַרמיי. ווי עס זאָל נישט זיין, מוז איך גיין. ס׳איז מלחמה. טויטע, אויב זיי וואָלטן געקענט, וואָלטן אויך געמעגט זיך אויפהויבן און גיין. טייל מיינען, מיר וועלן בלייבן נישט ווייט פון הי. אָ, דאָס וואָלט געווען אַ גליק! גענוג, מ׳האָט מיך אַריינגענומען אין חדר פון די אַלע, צו וועלכע מ׳האָט נישט קיין צוטרוי. דאָס טוט מיר מער ווי. מ׳זעט דאָס לויט די מענטשן, צווישן וועלכע מ׳פאַלט אַריין. פאַרשיקטע אַהער, פאַרזינדיקטע, געזעסענע; לייט אָן אַ פגם זענען זיך נישט דאָ. אָבער דאגה נישט. כ׳וועל נישט פאַרלוירן גיין. דו גיב נאָר אַכטונג אויף זיך. באַזאָרג עפּעס פון די זאַכן צו גרינפעלדן. אין דער היים איז אַ סכנה איבערצולאָזן אַלץ, וואָס מיר האָבן פון דאָס ניי דערוואָרבן. ווייסט דאָך, ביי אַן אָרעמאַן איז אַ שמאַטע פונקט אַזוי טייער ווי ביי אַ גביר אַן אַטלאַסענע זאַך. באַהאַלט, פאַרשטעק ווי דו קענסט, טויבעלע. און זאָלסט עסן, טרינקען. איך טו אָן די שטיוול, די קורטקע, נעם מיט די אַלטע ווייסע מייקע*), די בלאָע נייע, דאָס טונקעלע איבער־העמד, דריי טאַשנטיכלעך, אַ האַנטעך, די ראַזיר־מכשירים, דאָס ציין־בערשטל מיטן פּראָשעק, זייף און ניי־פאָדעם, אויך די אַלטע בלוזע.

דו פאַרשרייב זיך אין פאַבריק אויף אַ פאָר שיך. קענסט דאָך נישט גיין באָרוועס! ס׳דערנעענטערן זיך רעגנדיקע וועטערס. שפּיל זיך נישט, טויבעלע, אין האָנאָר. שעם זיך נישט. גראָבע לייט וועלן קיין מאָל נישט באַמערקן אַ געקוועלטן. איידעלע זענען הייגט שטאַרק פאַרנומען מיט גאָר וויכטיקס. מאָן, עס קומט דיר.

---

*) אַ גימנאַסטיש טריקאָ־העמדל אָן אַרבל, וואָס געהערט צו די פּאָפּולערסטע וועש אין רוסלאַנד.

איך לאָז דיר די צוקער־קאַרטלעך און אויף אַ פּאָר טעג ברויטקאַרטן. פּאַרברויך עס געזונטערהייט. מ׳גיט שוין אין שטאָט פּאָווידלע. צום באַ־דויערן האָב איך נישט באַוויזן דיר דאָס צוקויפן. די הויפּטזאַכן אָפּגעטון. האָב נישט פּאַראיבל, וואָס כ׳לאָז דיך אַליין. כ׳וועל ווידער זיין מיט דיר. ביסט אַ דערוואַקסענער מענטש, האַלט זיך אין די הענט. זאָל דיר נישט אַרן, וואָס עמיצער רעדט, ווי אַנדערע קוקן. זיי נישט צו איידל אין אַ רויער צייט. היט דייך געזונט, זוך אַ ביסל זינדיקע באַקוועמלעכקייטן. באַקום אַרויס דעם סאַקסאַול*). איך האָב אויף אים געאַרבעט דעם 22סטן און 23סטן סעפּטעמבער. כ׳האָב אויסגעלאָדנט אַ סך וואַגאָנעס האָלץ. מ׳וועט דיר נישט טון קיין שום טובה! געדענק די דאַטעס. דער עיקר: גיב אַכטונג אויף זיך. איך וועל נישט פאַרלוירן ווערן. בעת אַ שטורעם פאַלן נישט אַלעביימער אין וואַלד. אמת, עס ווערט פינצטער אין וואַלד, טויבעלע, די פינצ־טערניש רעוועט, דאָס בליצן איז שרעקלעך אין דער דאָזיקער פינצטערניש, אָבער פון שטורעם גייט מען אויך אַרויס גאַנץ. איך וועל זיך אַהיימאיילן צו מיין איינציקער, צו מיין איינזאַם ווייבעלע.

האַלט זיך פעסט. מיינע קושן דיר

דיין דוד

גרוסן פאַר פריינט, וואָס זענען אַזוי זעלטן".

אין דער פליסטערנדיקער טונקלקייט, וואָס איז געשטאַנען אינעם פיצל שטיבעלע, איז דאָס בלעטל פּאַפּיר, אַן איבערגעלאָזנס פון דודן, געווען אַ ווייסלעכער, פלאַטשיקער פלעק, און דער פלעק האָט זיך גע־שפּיגלט אין די פינצטערנדיקע שויבלעך.

טויבע האָט לאַנג קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. זי האָט שוין געוווּסט דעם מאַנס טבע: ווען ער דערוואַרט זיך נישט אויף איר, לאָזט ער איבער אַ בריוול.

פון אירע אויגן האָבן געקאַפּעט הייסע, ווייטיקנדיקע טרערן.

דאָס בלעטל איז געבליבן אַן אַדורכגענעצטס, טרערן פאַרפלעקט.

*) בלעטערלאָזעביימער ווי נאַקעטע, פאַרקרימטע וואָרצלען, וואָס וואַקסן אין די זאַמדיקע סטעפּעס פון אַזיע. סאַקסאַול איז האַרט און דינט ווי אַ הייצמיטל.

ד אָ ס   ב ו ך   פ ו ן   ד י   ע ל נ ט ע

די באַלעבאָסטע זינאַ איז דעמאָלט געווען אַריין צו איר:
— ...אַ נאַר דאָס איז! אַ סאָלדאַטקע איז אַ נייעס? קלאָגט...

*

סטאַנציע אַיאַגוז, 24סטן אָקטאָבער, 1941.

טייערע מיינע!

מיר פאָרן, ווייזט אויס, קיין סיביר. צווישן עולם איז היימלעך. די היימלעכקייט, אמת, דערדריקט. ווו האָב איך איבערגעלאָזן מיין טייבעלע, טראַכט זיך, כאָטש ס׳ווילט זיך גאָרנישט אַזויפיל טראַכטן. אָבער אַראָפּ־פאַלן ביי זיך באַדאַרף מען נישט. מע שמועסט שטאַרק, אַז נישט פאַרן פראָנט האָט מען אונדז מאָביליזירט, מ׳פירט אויף אַרבעט. דאָס גלייבט זיך, ווייל ס׳זענען פאַראַן צווישן אונדז אַ סך עלטערע. ווי עס זאָל נישט זיין — איך בין רואיק. דאָס זעלבע בעט איך אויך דיך. כ׳שרייב מיט אַ בלייער, ווייל אין וועג איז אַנדערש נישט מעגלעך. דאָ, אויף דער סטאַנציע, שטייען מיר לענגער ווי אַנדערשוואו. מ׳האָט אַלעמען געגעבן מיטיק. אַ סאָלדאַטסקע מיטיק מיט הייסע קאַשע, מיט קרויט אין זעלנע־רישע שיסלען.

דאָס בילד הי איז נישט קיין שיינס. נישט קיין ביימל, נישט קיין הימל. די גאַנצע געגנט זעט אויס ווי אַ געלעכערטער בעקן, דורך וועלכן מ׳קוקט אויף אַ ליידיקער וועלט. שטאַרק קאַלעמוטנע. סטעפּ און סטעפּ און איבערן סטעפּ דרייט זיך שוין דער ווינטער. נעכטן נאָכמיטיק האָבן מיר באַגעגנט דעם ערשטן בייזן שניי־ווירבל, ביינאַכט איז שוין געווען אַ פראָסט. איצט, אונטער דער סאַמע זון, איז די ערד אַ פאַרקאָוועטע אין אייז.

אינטערעסנע, האַ, טויבקע! אַרויסגעפאָרן אין אַ גרויסער היץ און אין אַ פּאָר שעה שפּעטער — אַן אַנדערע באַלעבאַטישקייט. איבערגעקערט ס׳טעפּל סמעטענע. ס׳איז, כ׳לעבן, ווערט די מאָדנע רייזע, נאָר ס׳וואָלט בעסער געווען באַנאַנד, מיט דיר.

איך האָב שוין פריינט אין וואַגאָן: אויגורן, אוזבעקן, דונגאַנען, קיר־

גיזן, סטעפּ־מענטשן, וואָס קוקן מיט קרימלעכע אויגנשפּאַרעס און קלאַפּן מיר גוטברודעריש איבער די פּלייצע.

איך שרעק זיך נישט אַ מינדסט פאַר דעם, וואָס דאַרף קומען. עס וועט גוט זיין, קינד.

זיי גליקלעך. עס גרוסט דיך שטאַרק
דיין דוד

בערדסק, 29סטן אָקטאָבער, 1941.

טויבעלע!

היינט נאָכמיטיק זענען מיר אָנגעקומען אַהער מיטן עשעלאָן. בערדסק הייסט די שטאָט, וואָס איז ווייטער פון נאָוואָסיבירסק. עס איז נאָענט צו די טייגעס, צו די גרויסע, טיפע וועלדער, אין וועלכע מ'פלעגט פאַר־שיקן פּאָליטישע. ווי עס איז געווען אַמאָל ווייס איך נישט, איצט איז דאָ נישט שרעקלעך. עס איז אַ שטילע שטאָט, היפּשע הייזער זענען פאַ־ראַן, פאַבריקן. פאַרשטייט זיך — טיפער האָב איך נישט אַריינגעקוקט.

ביז פאַרנאַכט זענען מיר געווען אויף דער גאַס. אין דער טונקל־שעה האָט מען אונדז אַריינגעלאָזן אין אַ פאַבריקס־געביידע. דאָס איז אויף דערווייל. מסתמא האָט מע נאָך נישט באַוויזן צוצוגרייטן ווינערטער. וואָס ס'וועט זיין, ווייסט מען נישט. עס איז וואַרעם און ליכטיק, כאָטש אין דרויסן זענען בלאָטעס און מלאָטעס און די אינדערפריס — פראָס־טיקע.

ווי לעבט זיך דיר? ווייס, וועגן דעם קלער איך שטענדיק. מיר וועט קיין שלעכטס נישט געשען. די ווייסט דאָך: אויב מ'וועט מיר וועלן בייזס טון, בין איך אַ האָן. איך גיב אַ קריי און אַ פּאַטש מיט די פליגל. אָנצו־ווערן האָב איך גאָרנישט — אָט וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין די צרות.

קיין אַדרעס, זעסטו, האָב איך נאָך נישט. איך מוז זיך לאָזן צופרידן

בלויז מיט מיין רעדן צו דיר. דו, טויבעלע, הער, און דערפריי מיך כאָטש מיט דיין שמייכל פון דערוויטנס. ווי גוט עס איז נעבן דיר!

איך נעם דיך אַרום —

דוד

6טן סעפּטעמבער, 1941.

מיין טייערע,

ווידער דיר אַ פּאָר ווערטער, כאָטש פון דיר האָב איך נאָך קיין איין שורה נישט. איך האָב נישט קיין טענה, עס איז נישט מעגלעך געווען, כ׳ווייס! איך בין נאָר שטאַרק פאַרזאָרגט וועגן דיר: צי ביסטו געזונט, צי דו האָסט נישט קיין פּאַרדראָס פון דער באַלעבאָסטע, אָדער כ׳ווייס וואָס... ביסט דאָך איינע אַליין. איך טרייסט זיך נאָר, אַז כ׳קען זיך פאַרלאָזן אויף מיין ווייבעלע. ביסט דאָך אַ חכמה! פון מיר קלער נישט איבער. מען ווינט שויך, ווי איך האָב דיר אַנומלט מיטגעטיילט, אַ פּאָר קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. סאַמע פעלד, און אויפן פעלד איז ווינ־טער. דורך דער קורצער צייט זענען דאָ שוין אויפגעבויט געוואָרן אַ סך ערד־שטיבלעך. איך ווין אין איינעם פון די ערד־שטיבלעך, אויף אַ ברעטערנער נאַרע. איצט זיץ איך אויף דער נאַרע און קוק אַרויס אויף דער פאַרשנייטער ערד. די ווייסע ערד ווערט פאַרקויטיקט פון דורכאיילנ־דיקע שטיוול, פון טומל, וואָס האָט זיך דאָ אַוועקגעשטעלט און הערט נישט אויף ביז שפּעט ביינאַכט. מענטשן אַרבעטן דאָ מיט רידלעס, מיט ברעכ־שטאַנגען. מיר האָט מען געגעבן אַרבעט אין סקלאַד פון אַרבעטס־געצייג. עס קומען אָן פורן מיט גרויסע, שפּיציקע האַמערס, אייזערנע שטאַנגען, לאָפּעטעס, מוז מען דאָס אַראָפּנעמען און אַוועקלייגן אין אַ שייער, וואָס שטאַרצט דאָ אַ מבולבלער אין פוסטן אַרום. די דאָזיקע מלאכה טו איך און כ׳אַרבעט זיך נישט איבער. בכלל איז מיר נישט שלעכט. אוודאי, נעבן דיר איז ליכטיקער. אויב איך האָב ביי דיר געבעטן אַ פּעקל, איז עס נישט דערפאַר, ווייל איך הונגער. כ׳האָב נאָר נישט קיין מעגלעכקייט צו זיין אין שטאָט און עפּעס קויפן. געלט האָב איך. מען שמועסט דאָ,

טויבקע, אַז קיין ברויט־פּעקלעך נעמט מען נישט אָן אויף דער פּאָסט, נאָר סוכאַרעס. אויב אַזוי, באַמי זיך נישט! ווו וועסטו טרוקענען ברויט? צופיל טרחא. דאָס נייטיקסטע איז מיר אַ פּאָרל וועש, אַ שטיקל זייף און נאָך אַ האַנטעך. אָבער קיין סכנות. וועסט דאָס צונויפשטעלן, ווען ס׳וועלן זיין מערערע מעגלעכקייטן. איצט איז שווער. אומעטום איז שווער צוליב מלחמה. דער עיקר איז היינט — דער פּראָנט. אַז דעם פּראָנט וועט זיין גוט, וועט אונדז אַלעמען גוט זיין. אַזוי טענהט מען צו אונדז.

מיין נישט, איך פֿאַרגעס, אַז דו ביסט געבליבן ביי קנאַפּע מיטלען, און זאַכן, וואָס מ׳קען פֿאַרקויפן, האָבן מיר דאָך נישט אַרויסגעראַטעוועט פֿון דעם היטלערישן מבול. כ׳האָף, מיר וועלן עס איבערלעבן. צעברעכן זיך דאַרף מע נישט. איך וועל אויסקומען מיט דעם, וואָס איך האָב דאָ.

איך בעט דיך, שרייב אַ סך און וואָס אָפטער! קענסט אַלץ שיקן אָן פּאָסט־מאַרקן. מיר זענען דאָך אַ מיליטערישער טייל. איך האָב שוין נייע זעלנערישע שיך, כ׳בין זאַט און אַרבעט נישט קיין עבודת פּרך. ערגער איז וואָלקאָוויטשן און זרחין. זיי טוען שוואַרצע אַרבעט, גראָבן ערד, שלעפּן שטיינער, קלעצער. פֿון באַגינען ביזן אָוונט טוען זיי און אַלץ אין דרויסן, אין שניי און קעלט.

וואָס נאָך? איך בענק, בענק. נעם צו האַרציקע גרוסן

פֿון דיין דוד

פּריוועט כאַזיאַיקע זינע ס׳דיעטמי, טאָקזשע לאַניע.

18טן סעפּטעמבער, 1941.

טויבעלע מיינע!

נעכטן האָבן איך דערהאַלטן דיינע ערשטע פּאָר ווערטער. אַ שיינעם דאַנק, אָבער דאָס קורצע שרייבן האָט מיך געלאָזן הונגעריק נאָך ווייטערדיקע גענויע נייַס וועגן דיין לעבן היינט. איך ווייס, דו ביסט אַ פּליי־

סיקע אַרבעטערין פון שטענדיק אָן. טוען איז דיינע אַ שוואַכקייט, אפילו ווען דו ברויכסט עס נישט צוליב ברויט, צוליב שיך. אַמאָל דאַרפסטו אַרבעטן, גילדענע, ווייל ס'פּאַסט נישט אַרומגיין לײדיק, אָן אַנדערש מאָל ווילסטו מיט דיין לוין העלפן די דייניקע און איצט ווילסטו בייהילפיק זיין דעם פּראָנט. שלאָגן די מערדער איז אַ מצווה. איך האָב אויך פיינט אַרומצוגיין ליידיק, אָבער ס'געזונט דיינס, מוזטו געדענקען, איז אונטער־געריסן. דאָס, בעט איך דיך, זאָלסט נישט פאַרגעסן. טו מיר צוליב, טויבקע. איך בין געריכט פון דער אײדלקייט מיין ווייבלס. כאָטש ס'איז זייער שווער דיין אַרבעט, ביסט געל ווי וואַקס, פּראַצעוועסטו, גיסט אָפּ די לעצטע כוחות. ווער וועט דיר דאָס גלייבן און מיר גלייבן, אַז די מענטשן אַרום זענען ווילד, זיי זוכן וואָס מער אַריינצוכאַפּן אין זייערע זשמעניעס; אַז לייט לעבן רק פון אָפּנאַרן זיך, נערן זיך פון סאַמע אומאָרנטלעכקייט! כ'וויל דיך, חלילה, נישט אָפּרעדן פון גיין דעם וועג. ס'איז אַ ביטערע צייט, און מיר זענען נאָך געשטראָפט מיט פרעמדקייט אין דער ווייטער פרעמד. נאָכמער ווערט אומעטיק, ווען דו פילסט, אַז מ'קוקט אויף דיר מיט חוזק: נאַראָנים... אָדער, „מ'וויס שוין, נישטאָ קיין לעמעשקעס! מ'וועט אייך סיי־ווי נישט גלייבן!" יאָ, אַזוי איז עס, האַרציקע.

איז האָב איך זינען אויף זיך; דעמאָלט וועל איך זיין רואיק. אַנדערש צעברעכסטו מיך, טויבעלע.

וועגן מיר האָב ווינציקער דאגות. קודם בין איך געזונט, און פאַראַן צו עסן. מיט פעטיקייטן איז אַ ביסל שווערלעך, אָבער ס'וועט זיך אויס־בעסערן. מ'זאָגט צו. דער ווינטער האָט זיך איינגעשטעלט אַ שאַרפער. היינט דערגרייכן שוין די פרעסט 36—38 גראַד. אין די אונטערערדישע באַראַקן איז וואַרעם. אין דרויסן גייען גרויסע בוי־אַרבעטן. איך טו אויפן פריערדיקן אָרט. זאָלסט זעען, ווי איך בין אָנגעטון אין געשטעפּטע וואַ־טענע הויזן, ליג אויף אַ נייעם שטרויזאַק מיט אַ הייענעם קישן. פאַרן פעקל, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט, ברויך איך דיך זידלען. כ'וויל עס פון דעסטוועגן נישט טון. האָסט געוואָלט גוט, האָב זשע מיר אַ גוט יאָר פאַר דעם. גלייב מיר, אומזיסט האָסטו זיך אָנגעשטרענגט. ס'איז אין גאַנצן נישט נייטיק געווען!

מער קיין נייס. שרייב בריוו, נישט קיין קאַרטלעך. אַ בריוו, אַ בריוו אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט.

איך שליס מיין שרייבן מיט הייסע קושן

פון מיר דיין דוד

מיין געניע אַדרעס:
מיליטערישער טייל 1291,
שטאָט בערדסק,
פאַר לעווין ד. ל.

21סטן סעפּטעמבער, 1941.

צו מיין פילגעליבטע פרוי!

אַזוי ווי איך האָב אַ געלעגנהייט — פון דאַנעט פאָרט אַ מענטש אין אונדזערע קאַנטן, שיק איך דיר אַ גרוס. איך מעלד דיר פון מיין געזונט און פון מיין בענקשאַפט. אַ שאָד דו האָסט נישט געשיקט זלמנס אַדרעס. צו רחלען שרייב איך כסדר. אפשר וועט געראָטן זי אָפּצוגעפינען. אַ מיידל נעמט און שרייבט: ישוב מאמיי, און נישט די פּאָסט ווייסט פון אַזאַ אָרט און נישט קיין מענטש פון די דאָזיקע מקומות ווייסט. מ׳זאָגט מיר: מעגלעך מאַטיי... ווייסעך, מאַמיי, מאַטיי! אַבי ס׳איז באַשערט קאָפּ־פאַרדרייעניש. ווען איך זאָל נישט פרעגן, ענטפערט מען אומבאַשטימט. און כ׳האַלט אין איין שרייבן און קיין ענטפער: „פאַראַן" — איז נישטאָ.

דאָ שטייען קנאַקנדיקע פרעסט, טיפע שנייען. נעכטן איז שוין געווען 39 גראַד, היינט איז 34, מיט אַ שאַרפן ווינט, וואָס פאַרשיט די אויגן. אסור צי ס׳אַרט מיך. צוגעוווינט זיך. איך בעט דיך, שרייב אָפטער, קענסט שיקן אָן מאַרקעס. מיטן חבר סלוצקי, וועלכער גיט דיר איבער דאָס בריוול, באַזאָרג אויך אַ פּאָרל וועש, — אויב דו האָסט נאָך נישט געשיקט. ווייטער פאַרשאַף זיך נישט קיין דאגות פון מיינעטוועגן. איך

וועל נישט פֿאַרהונגערן. כ׳בין שטאַרק אָנגעפּעלצט. בלויז אין די פֿיס איז אַ ביסל קילבלעך, אָבער אויך מיט דעם וועט מען זיך אַן עצה געבן.

איך גרוס דיך גאָר הערצלעך
דיין מאַן דוד

גרוס פֿון מיר די שערבערגס, הימלען, פּריוויעט כאָזיאַיקע.

23סטן נאָוועמבער, 1941.

מיין טייערע!

אַ גרויסן דאַנק דיר פֿאַרן פּעקל. פֿון דעם, וואָס דו האָסט אַריינגעלייגט אין דעם זע איך, אַז עס האָט דיך געקאָסט נישט ווינציק כוחות. פֿון וואַנען האָסטו דאָס אַלץ גענומען? אי פּוטער, אי מאַלינע־איינגעמאַכטס, אי געטרוקנטע עפּל און אַ שנירל אייערבייגעלעך, און ווורשט און צוקערלעך. זאָלסט מיר לעבן — צו וואָס דאָס אַלץ? האָסט דאָס אַוועקגענומען פֿון דיין מויל, טויבקע! ביסט נישט גערעכט, אויב די ווילסט מיך אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרפּייניקן. איך לייד פֿון דעם מער ווי איך וואָלט געדאַרפֿט הונגערן. און איך ווייס איצט נישט פֿון קיין נויט. צופֿיל, צופֿיל. איך בין עס נישט ווערט, אסור! איך בין אויסן געוועזן (אַנומלט, — היינט איז עס שוין נישט נויטיק) בלויז שוואַרץ ברויט און נישט קיין ווייצענע סטרוצלן מיט קיכעלעך און זיסוואַרג. שטעל דיר פֿאָר: דער באַראַק מיט די ברוינהויטיקע קאַזאַכן און אוזבעקן — זיי זענען דאָ פֿול און אַלע זענען מיר פֿריינט — האָט מיך אויפֿגעגעסן מיט די אויגן, דערשפּירנדיק דאָס באַטעמטע פּעקל. און כ׳האָב עס מיט פֿאַרגעניגן פֿונאַנדערגעטיילט כמעט אין גאַנצן. ווי זשע אַנדערש? אייערבייגעלעך איז דאָך אַ נאַשעכץ. דער גורל פֿון די קיכלעך איז געווען נישט קיין בעסערער. אויף שוואַרץ ברויט וואָלטן זיי נישט געווען אַזוי גיריק, וואָרן ברויט האָט יעדער. ווער מער, ווער ווייניקער (ס׳ווענדט זיך נאָר אין דער קעשענע). ווייס, טייערע, איך עס דאָ מער ווי אין דער היים. דער אַפּעטיט האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט. דער־

פאַר איז ברויט קאַרגלעך. אין די שטאַרקע פרעסט נעמט גיכער דער חשק אויף אכילה, אָבער ס׳איז זיך נישט צובאַקלאָגן. וואָס אַ טאָג ווערט בעסער. די טעג עפנט זיך ביי אונדז אַן אייגענע גאָרקיך. ביז איצט באַקומען מיר צוויי מאָל אין טאָג הייס געקעכטס, זעקס הונדערט גראַם ברויט, צוואַנציק גראַם צוקער, טיי. מ׳האָט מיר געגעבן אַ באַזונדער ליילעך, אַ מאַטראַץ און אַ קאָלדרע. אַנדערע האָבן נאָך נישט דאָס גליק; זיי האָבן נאָר דאָס רעכט אויף אַ העלפט פון אַ מאַטראַץ. אוודאי, ווייטער אַריין וועט אַלעמען זיין גרינגער. יעדן טאָג פירט מען צו פרישע זאַכן פאַר די צוזאַמענוווינונגען, קאַזאַרמע, גרויסע מענגעס מענטשן אונטער איין דאַך איז אַ דאָאיק איינפירעניש. האָסט עס ליב, צי נישט — קיין עצה איז נישטאָ. דאָס ערגסטע איז דאָס ליגן מיט פרעמדע מענטשן אויף די נאַרעס. און סוף־כל־סוף זענען מיר נישט קיין זעלנער. אָבער איך באָד זיך אָפט, האָב שוין געקראָגן צוויי פּאָרלעך וועש אויף איבערצובייטן. ביי דער אַרבעט האָב איך גוט. דער באַלעבאָס פונעם סקלאַד, ווו איך אַרבעט, איז צו מיר פּאָטערלעך. איר זענט אַ שניידער, איז איך אומהיימיש דאָס שלעפּן אייזנוואַרג. מירן איינאָרדענען אַ נייערײַ, וועט איר אַריבערגיין אַהין, זאָגט ער. און ער דערלאַנגט מיר פּאַפּיר צו שרייבן בריוו, ער גיט מיר צייט אין מיטן טאָג אַוועקצוזעצן זיך דיר אָנשרייבן. אַ ווויל ווייבל אייערע? — פרעגט ער מיך אַמאָל, פעדאָר מיכיילאָוויטש. אַ שאָד, זי האָט אייך אַ זון נישט געגעבן. ס׳וואָלט איר נישט אומעטיק געווען אַזוי, און אייך וואָלט געווען גאָר אַנדערש... געהערט, אַ מענטש אינטערעסירט זיך אַזוי. טו מיר צוליב און שיק דעם באַלעבאָס מיינעם אַ גרוס, פעדאָר מיכיילאָוויטשן. דאָס איז זיין נאָמען מיט דער פּאָטשעוועקע, ווי עס פירט זיך ביי זיי. דאַנק אים פאַר אַלעם, וואָס ער טוט מיר. שיק מיר זלמנס אַדרעס.

איך מיין, דו האָסט שוין דערהאַלטן דאָס בריוול דורך סלוצקין. פעקלעך וויל איך מער נישט זעען פון דיר. עס זענען פעקלעך פאַרדראָס. כ׳בעט דיך, שוין זיך. דו ביסט דאָך מיין גאַנצע וועלט.

איך גרוס דיך פיל מאָל און קוש

דוד

דאָס בוך פון די עלנטע

האָב נישט פּאַראיבל, וואָס איך שרייב דיר אויף גראָבן טונקעלן פּאַ־פּיר. אַזוינס ליגט גראָד אונטער דער האַנט. אָפּלייגן דאָס ענטפערן, לאָזט נישט דאָס האַרץ. שרייב!

29סטן נאָוועמבער, 1941.

מיין ליב ווייבל!

מיט האַרצקלאַפּעניש דערוואַרט איך יעדן גרוס פון דיר. כ׳ווייס נישט, וואָס עס האָט מיך אַזאַ נעם געטון דאָס בענקעניש. כ׳האָב דיך שטענדיק גלייך אין זינען און שטענדיק איז מיר טייער דיין וואָרט. אפשר ווייל ס׳האָט מיר געחלומט פון אַ הונט, וואָס וויל דיך בייסן... דו ווייסט נישט דאָס געפיל: מען ווערט אַזוי ווייך און מ׳גלייבט אין נאַרישקייטן, ווען מ׳איז ווייט איינס פון ס׳אַנדערע. ווייסט אפשר נישט דאָס געפיל, ווייל דו ביסט לויטער פרוי, ביסט באַשאַפן געוואָרן אַ טייערע מאַמע פאַר מיין שטענדיק אויסגעבענקט האַרץ — דעם חלום האָט מען מיר אויסגעטייטשט צום גוטן און דערפאַר, אפשר, האָט מיר אַזוי געצאַפּלט דאָס האַרץ אויסקוקנדיק דיינס אַ וואָרט. זי וועט מיר שרייבן גאָר טשי־קאַוועס, האָב איך געטראַכט, טויבקע, נעכטן, אומקערנדיק זיך אַהיים (אַלץ הייסט היים, מ׳שטיינס־געזאָגט. אַז עס הערט זיך דאָרט נישט דיין זיס קול, דיינע ליכטיקע טריט!) האָט מען מיר געגעבן דיין בריוו, וואָס האָט מיך דערפרייט און אויך טרויעריק געמאַכט. דער גאַנצער גרויל אונדזערער, דאָס צעריסענע לעבן, טאַטע־מאַמע דאָרט, אין פינצטערן קלעם, אַלץ, אַלץ האָט מיך נאָכאַמאָל צעבראָכן און עס האָט מיר אַ וואָרעם געטון דיין גוט, וואָכזאָם אויג. אַ האַלבע נאַכט האָב איך נאָכדעם נישט געקענט איינשלאָפן. זאָלסט מיר געזונט זיין, אויב דו שרייבסט צום בייש־פּיל וועגן זלמנען, שיקסטו נישט זיין אַדרעס, מעלדסט וועגן ביינושן, וועגן משהן אָדער וועגן אַן אַנדערן — אַ שטייגער עפּלבערגן — דערציילסטו נישט אַ פּאָר פּרטים: וואָס, ווו, ווי אַזוי. מ׳קען דאָך אויסגיין! וואָרפסט אַריין, טויבעלע, אַ וואָרעם אין דער נשמה. זאָל ער דיך גריזשען, האַ?

אַנדערש קומט עס נישט אויס. דו ווייסט דען נישט ווי איך בין להוט נאָך אַלעם, וואָס האָט אונדז באַהאָפטן נעכטן? וואָרן וואָס איז אונדז איבערגעבליבן פון דעם, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, כאָטש פאַרמאָגט האָבן מיר גאָרנישט קיין סך. הגם דאָס, וואָס מיר האָבן אָנגעווירן זעט אויס רייך ווי די וועלט און טייער. דו פילסט עס דען נישט? געוויס, איך בין אויף דער פריי, פון דעסטוועגן... טיף אין האַרצן שפּיר איך, איז הויל. כ׳הער, מ׳דערציילט, נאָר אינעווייניק, אין גרונט שניידט אַ ווייטיק און כ׳פאַרשטיי נישט פאַרוואָס און פון וואַנען. כ׳בין אַן אָפּגעריסן אבר פון אַן אָפּגעשליידערטן לעבן. אַזויפיל איז אונדז אונטערגעגאַנגען פאַראַמאָל, און די אויגן זוכן. זעלטן כ׳באַקום אַ צייטונג, כדי זיך אַריינצוטון אין די זאַכן, מיט וועלכע עס לעבן איצט אַלע. די צייטונג איז פאַראַנען אַלע טאָג, נאָר מע מוז אומיסטן גיין זי אָפּזוכן, נעמען. איך ווין דאָך אַרויסשטאָט, אין אַן אונטערערדישער קאַזאַרמע באַנאַנד מיט אַ זעכציק שווערפּיסיקע מענטשן פון אַזיע. פונעם דרויסן ווייס איך גאָרנישט מער ווי דעם שטערנבער אין ביינאַכטיקן הימל און וואָלקן־שמאַטעס בעתן קורצן טאָג. אַ בריוול, אַ ידיעה פון עמיצן איז מיר אַן אויפריכטעניש. צו וואָס איז ביינוש געפאָרן קיין טאַשקענט? ווי האָט ער אויסגעזעען, וואָס האָסטו אים געגעבן אָנצוטון? מיט וואָסער געמיט האָט ער אויפגענומען די נייע לאַגע אונדזערע? טשיקאַווע, וואָס האָט ער געזאָגט, ווי אַזוי האָט ער זיך געפרעגט אויף אַלעמען. מיין נישט, טויבקע, איך בין פאַרנאַרט געוואָרן, אויב כ׳פרעג דיך אַזוינס. שוין דריי יאָר ווי מיר האָבן אים נישט געזעען. ער איז מסתמא זייער שטאַרק צעלאָמיעט. כ׳האָב אַנומלט געזען אַזאַ לעבעדיקן מת, האָט זיך מיר אויסגעוויזן... אוך, ווי דאָס אומגליק שפּאַרט אויף מיר! האָסט מיר אַ גרויסע עוולה געטון, וואָס דו האָסט נישט געשריבן וועגן אַלצדינג. האָסט אים באַדאַרפט אַוועקגעבן מיין אַנצוג, מיינע שיך. איך ברויך גאָרנישט מער ווי דאָס, וואָס כ׳האָב אויף זיך. צו וואָס די זאַכענישן באַהאַלטן אויף שפּעטער, אויב דער איצט שרייט, מאָנט רחמים. נישטאָ קיין יום־טוב, אַז מיינע ברידער וואַלגערן זיך קרועבלוע צווישן הימל און ערד, זענען זשעדנע נאָך אַ ביסל עסן. און וואָס איז מיט זלמנען, ווו געפינט זיך משה? צו רחלען האָב איך ווידער געשריבן. אַז ס׳וועט זיין אַן ענטפער, וועסטו אים קריגן אין האַנט אַריין.

איך האָב נישט קיין לייבלעכע שוועסטער, דו ביסט מיר מיין אַלץ מיט־אַנאַנד און רחל איז מיר אַ שוועסטער, ווי זי איז דיינע. איך טראַכט נישט אַנדערש ווי דו, מיין האַרצעדיקע.

אַלזאָ, האָף איך אויף אַ גענויען בריוו דיינעם. איך האָב דאָס געפיל, אַז דו עסט נישט, פייניקסט זיך ביי דער אַרבעט און קיין שפּייז האָסטו דיר נישט פאַרגרייט. און וועגן הונגער הערט זיך שטאַרק. מיר האָסטו אָפּגעשיקט אַלץ. שרייבסט: האָסט דאָס, האָסט יענץ. גענאַרסט מיך אומיסטן. כ׳פאַרשטיי, פון מיין רואיקייט וועגן טוסטו דאָס. בעט איך דיך — קאַרג זיך נישט דעם רובל. פאַרקויף אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך פאַרקויפן. היט ס׳געזונט. צוליב זייטיקע זאַכן גריזשע זיך נישט. אַ שאָד דאָס האַרץ.

איך גרוס דיך טויזנט מאָל

דוד

1טן דעצעמבער, 1941.

צו מיין ליבער פרוי טויבעלע!

איינעם נאָכן אַנדערן האָב איך באַקומען פון דיר צוויי בריוו. אויפן ערשטן האָב איך באַלד געענטפערט, איצטער — אויפן צווייטן. איך אַל־געמיין שרייב איך דיר כמעט יעדן אַנדערן טאָג. ביז היינט האָב איך דיר שוין אַרויסגעשיקט אַ צוועלף בריוו און פּאָסטקאַרטלעך. אויב דו האָסט זיי באַקומען, בין איך צופרידן. מיט דיינעם אַ בריוו איז מיר ווינציקער אומעטיק, ווי פּאַסנע עס זאָל נישט זיין דער אינהאַלט. ערגער איז דאָס אויסקוקן אויף דעם וואָס! מיך באַאומרואיקט דיין אָפּגעלאָזנקייט: גיבסט נישט אַכטונג אויף זיך, האָסט נישט קיין היים. מיט די קרולס ווי שותפים צום צימער, זענען מיר ביטער אַריינגעפאַלן. שווערע מענטשן. נאָר זיי עקזיסטירן, זיי!... איך קאָן אַזעלכע לייט. אויך איך וואָלט זיך מיט זיי נישט געקריגט. אַזוינס ווייכט מען ווי משוגעים. איך שטעל מיר פאָר זייערע געניג. נו, זאָלן זיי זיך גרויסן מיט וואַרשע פאַר דער באַלעבאָסטע: אַלע זענען כלומרשט געווען זאַט מיט טאָרט און שאָקאָלאַד. הונגער־דע־

מאָנסטראַציעס און עקסמיסיעס זענען נישט געווען אין דעם גוטן מעשה־לע־לאַנד... אידיאָטן! זאָלן זיי זיך באַרימען, זאָלן זיי רייצן די פּשוטע פּרוי. אוודאי, מ׳דאַרף קיינעם נישט אויפרעגן, בפרט, אַז אַלץ איז אַ ליגנט, פאַלש! דאָך אַ פּויערטע און איר מאַן איז פון ערשטן טאָג אין מלחמה. „איר האָט שוין גענוג געפּרעסן, גוט אָנגעטון זיך, איצט מעגט איר פּגרן. איר שלאָנדערט זיך אַרום אין אַלע רייען, אויף די מערק, אַנדערע לייגן די קעפּ!“ זיכער, די זינאַ איז נישט אומגערעכט. נאָר לייט מיט ווערעמדיקע הערצער קענען זיך פאַרגינען רייצן מענטשן מיט אויסטראַכטענישן, מיט באָבע־מעשיות. די פאַני יענטע איז אַן אָקס מיט קאָפּיטעס. זי גופא האָט געוויס נישט אַזוי גוט געלעבט ווי די נאַרישע צונג אירע מאָלט. און דער כעס פון זינאַידען איז פאַרשטענדלעך. דו, טויבעלע, ביסט נישט גלייך צו זיי, די קרולס מיט די פאַרצויגענע נעזער. דו אַרבעטסט און איך בין מאָביליזירט. האָב נישט קיין צרות פון דעם, וואָס יענע פּלוידערט. די אָנשטענדיקע פרוי איז דיך נישט אויסן. זינאַ וועט דיך נישט זידלען. דו לעבסט עס איבער פּריציייטיק, אומזיסט. אַז מען זיצט אין אַזאַ סביבה, טאָר מען נישט זיין צו פילבאַר. מ׳קען אומקומען מיט אַזאַ ווייכהאַרציקייט. מייד זיי אויס, שוינקעדיקע. צו עפּעס גוטס זענען זיי נישט פּעאיק, די טכוירס. שוין דער אָטעם זייערער איז געפּערלעך. גיי ווייס צופריער, אַז מיר וועלן אַזוי אַריינקריכן אין קויט. איבעריקנס איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה. מ׳האָט געמוזט גיין ווינען מיט זיי, אויב נישט, וואָלט מע געבליבן ליגן אויף דער גאַס. די תוכחה האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונדז. איז האָרך מיך: לאַך זיך אויס פון די פאַרזויערטע היניטעליגענטן. שוין אַזאַ יאָר אויף מיר ווי ביי באַלעגאָלעס איז פאַראַן מער אָרנטלעכקייט. דער באַלעבאָסטע קוק נישט אין די אויגן אַריין, זאָל זי זיך אַרומקריגן מיט די שכנים, דיר איז עס נישט שייך. הענגען זיי זיך אָן אונדזער שאָדן! דיינע עצות פאָלג איך שטענדיק, טויבקע, פאָלגזשע אויך מיך, וועט דיר גוט זיין.

הערצלעכע גרוסן

פון דיין מאַן דוד לעווין

דאָס בוך פון די עלנטע

10טן דעצעמבער, 1941.

טויבעלע האַרץ!

זיי נישט בייז, למאי איך באַשעפּטיק דיך אָן אויפהער מיט מיינע ביטעס. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז סלוצקי, וועלכער האָט מיטגענומען אַ בריוול פאַר דיינעטוועגן, איז אַן אויסוואורף. איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף אים. כ׳האָב געמיינט, ער וועט פון דער היים מיר מיטברענגען מיינע פּאַפּירלעך. איך ברויך דאָ באַווייזן, אַז כ׳אַרבעט שוין ביי צוואַנציק יאָר אין פאַך. אַזויאַרום, עצהט מען מיך, וועל איך זיך קענען באַפרייען פון דאַנעט. קיין ווערקשטעלן עפנט מען סיי־ווי נישט און קיין גרויסן נוצן ברענג איך נישט, כאָטש איך אַרבעט. איך בין איצטער כלומרשט אַ חשבון־פירער. איך באַרעכן דעם ווינט, צייל די טעג און די שעהן. ווערענס — מיינע, צי דער וועלטס? איך בין עפּעס נישט מיט אַלעמען, אַז איך דער־מאָן זיך דעם גאַנצן אומזין, וואָס מ׳האָט צוגעטראַכט פאַר די מענטשן: מלחמה, בלוטפאַרגיסונג. פאַר ווערענס וועגן? קאַרג דען ערד פאַר די פעלקער, וואָס מיינען ערלעך מיט אַלעם, וואָס זיי רעדן און טראַכטן? וואָס, מיינסטו, טו איך, טויבקע מיינע? אין דער אמתן טראָג איך לאָפּעטעס פון אָרט צו אָרט, דערלאַנג עמיצן אַ האַק, אַ האַמער און האַלט די צונג אין מויל. דער עיקר איז דאָ דאָס בויען. בין איך אַ בויער, פרעג איך דיך און איך פרעג זיך. און איך בין נישט קיין שווער־אַרבעטער. „ווייסע הענטלעך" רופט מען מיך דאָ. צי פון רחמנות, אָדער פון חוזק — מ׳האָט מיר אַזאַ צונעמעניש געגעבן, כ׳וויל צומאָל נישט קלערן דערפון. מענטשן, וואָס קענען שלעפּן שטיינער און מישן זאַמד מיט צעמענט זענען נוצלע־כער. מען רעכנט זיך מיט זיי. די נעמען פון אָרלאָוון דעם ציגל־לייגער, אַ מענטש מיט אַ צעקנוידערטער באָרד און אָפּגעהאַקטע שפּיצן פון די גראָבע, אייזערנע פינגער און פון קאָדערבייעוון, וואָס שיט אַריין וועגעלעך שטיינער אין אַ מין בלינדע מיל, זענען מיט גרויסע אותיות אַרויפגע־שטעלט אויף דער ערן־טאָוול פון די בעסטע, די געלויבטע. איך בין אַ פינפט ראָד צום וואָגן. דער חשבון איז הי בלויז אויסגעוואַקסענע בייע ציגל־ווענט, אויסגעשפּרייטע אייזערנע דעכער, דאָס לויפן פון דער גיך־

גיכער קליינבאַן, וואָס פאָרעט זיך אַרום אויפן ריזיקן בוי־פּלאַץ. דערפאַר שיק מיר איבער אין אַ רעקאָמענדירטן בריוו דאָס ביכל פון פּראָפּאַרייך. אַ חוץ די גרויסע פרעסט זענען דאָ מוראדיקע, שניידיקע זאַווערוכעס. כאָטש איך בין פאַרנומען אין די פיר ווענט פון סקלאַד, פאַלן מיר אַראָפּ די פיס פון קעלט. איך וויקל די שטיוול אין שטיקער זאַק, פאַרבינד זיי מיט שמאַטעס. אַזוי אַ טאַנץ איך אַרום און די פיס זענען מיר ווי די העלצער. מיט דעם טאַנצן מיטן פראָסט אַ קאדריל גייט אַוועק די צייט. גיב אָן, טויבעלע, אַ גענויען אַדרעס, אַז איך זאָל קענען דיר איבערשיקן אַ פּאָר רובל. דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב מיטגענומען פון דער היים, ליגט ביי מיר נאָך אומבאַרירט. נישטאָ וואָס צוקויפן אויפן שנייאיקן פעלד און, צווייטנס, איך דאַרף גאָרנישט האָבן. אַז דו ביסט נישטאָ דאָ, האָט גאָרנישט קיין טעם, קיין ריח.

איך בין געזונט און בענק נאָך דיין גוט, היילנדיק וואָרט. אויב איך פיל זיך אַ ביסל צעבראָכן, איז עס ווייל דו פעלסט מיר, טויבעלע.

שרייב אַ סך. פיל גרוסן און קושן

פון מיר דיין מאַן דוד

5 פעברואַר, 1942.

מיין טייערע,

איך שרייב דיר פון מיין היינטיקן טאָג. אינדערפרי בין איך אַוועק פון רוישיקן בוי־שטח און אין שטאָט אָנגעקומען צו אַ וויכטיקן מענטש ק. עס איז דער, וואָס פירט אָן מיט דער גאַנצער פאַבריקאַציע פון דער געגנט, ביי היינטיקן טאָג איינס פון די וויכטיקסטע זאַכן, אָן וועלכע עס איז נישט מעגלעך צו געווינען די מלחמה. אַלע האַרמאַטן, קוילנ־וואַרפער, טאַנקן ווערן געמאַכט אונטער זיין האַנט. שטעל דיר פאָר, ווי אַזוי איך אין מיינע גרויסע גראָבע שטיוול און וואַטענע הויזן בין אַריינ־געקראָכן אין ק׳ס שיינעם קאַבינעט. מיר האָבן גערעדט פראָסט און פּשוט

און איך בין אַ דאַנק אים באַלד אָנגעקומען אין אַן אַנדערן וואַזשנע אָרט. איך רעד מיר נישט איין קיין פייגעלעך אין בוזעם, אָבער כ׳קען שוין זאָגן, אַז די אויסזיכטן זענען אויסגעצייכנטע. דער מענטש, וואָס האָט מיט מיר גערעדט צום סוף האָט מיך געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג: ווו קומט איר דאָ אַהער דאַוויד לוואָוויטש, איר אַ ספּעציאַליסט, וועלכן מ׳זוכט אין שטאָט? שינעלן ווער וועט נייען פאַר דער אַרמיי, אויב איר, מייסטער לעווין וואַלגערט זיך דאָ אַן נוצן? דער פרעג האָט מיר ליכטיק געמאַכט אין די אויגן. הייסט עס, מ׳האָט מיך נישט געברויכט אָפּרייסן פון דיר צוליב אַ קאַפּריז אָדער אַ גראָבקייט פון אַ באַאַמטן, וואָס האָט באַדאַרפט האָבן גראָד טויזנט מענטשן אַהערצושיקן און נישט ניין הונדערט און ניין און נײַנציק. זיי האָבן דאָך איינגעזען, וועדליק דעם געזונט און די קורצזיכטיקע אויגן, אַז איך טויג נישט צו דער ביקס. איז אַהער, צו דער־אַ ליפערונג פאַר סיביר האָט מען מיין קאָפּ אויך אַריינגעציילט פאַר אַ טויגלעכן. הכלל, ווילאַנג מ׳לעבט, האָט מען רעכט אויף האָפן. פאַר־שטייט זיך, אַז ס׳וועט זיין עפּעס אַ רעכטע ידיעה וועל איך דיר תיכּף צוּוויסן טון. אגב ווייס איך נישט, צי דו האָסט דערהאַלטן מיין ניי־יאָר טעלעגראַמע. איך האָב זי אַרויסגעשיקט דריי טעג צופריער. איך קלער שטענדיק איבער וועגן די־אַ זאַכן, ווייל כ׳ווייס, אַז די פּאָסט הינקט אַ ביסל אונטער.

ווייטער קיין נייעס. איך עס מער נישט פון זעלנערישן קעסל. מע שפּייזט מיך צוגלייך מיט די אינזשינערן. מוזט ווויסן, אַז דאָס איז אַ דאַנק פעדאָר מיכיילאָוויטשן. די אַרבעט דאָ רוקט זיך. מ׳זעט שוין פּאַרטיקע געביידעס און מען נעמט שטעלן נייע. די בויאונג ברענט. אפילו אין די גרויסע קרירות אַרבעט מען אין דרויסן מיט גרויס פלייס. אַ מעכ־טיקע פאַבריק שטעלט מען אויף. זי וועט גרייטן קניידלעך און הענדלעך פאַרן דייטש ימח־שמו. אַ גאַנץ מעת־לעת העשעט דאָ דערנעבן די באַן, אַ חוץ דעם וואָס די קאָלייקע לויפט אַרום און יאָגט אונטער אַלץ אויפן בוי־שטח גופא.

אַן אינטערעסנע צייט, כ׳לעבן, אויב מ׳טראַכט זיך אַריין אין אַלעמ־דינג וואָס מ׳לעבט איבער.

יוסף אַקרוטני

שרייב אויך וועגן זיך, דער עיקר וועגן זיך. איך גיי און שטיי נאָר מיט דיר און טראַכט פון דיר.

זיי געזונט און שטאַרק

פון מיר דוד

13טן פעברואַר, 1942.

מיין ליבע טויבעלע!

איך ווייס נישט פאַרוואָס דו קאַרגסט מיר אַ פּאָר ווערטער. אָבער־און־אָבער דאָס אייגענע. אַזאַ קלייניקייט זאָל מען זיך נישט קענען דער־בעטן! שרייב נישט אַ סך, שרייב דאָס וויכטיקסטע, און אָפטער. אַ וואָרט פון דיר איז אַ דערמאָנונג, אַז ערגעץ וואַרט אויף מיר אַ לעבן. דאָ איז רויק, דאָ איז אַ מאָדנער טשאַד און שפּינוועבס, אין וועלכן איך בין אומ־זיניק איינגעפלאָנטערט. אויב איך וואָלט נישט געגלייבט אין צוריק־קומען צו דיר, וואָלט מיין קלערן און טועכץ גיכער זיך פאַרענדיקט. כ׳בין נאָך נישט אַזוי אַלט אין יאָרן, טויבעלע, ווי די ברעך, וואָס כ׳האָב דורכ־געברענט אין זיך, האָבן מיך אַלט געמאַכט. און היינט איז דער שווערער באַרג נאָך נישט אַראָפּ פון מיר. נישטאָ די נאַכט, איך זאָל זיך נישט מאַטערן אין די צוואַנגען פון וויסטע זעאונגען. און אין די טעג גיי איך אַרום ווי אַ נישט דאָאיקער.

שוין צוויי וואָכן ווי כ׳האָב נישט פון דיר אַ פּיפּס, טאָ שטעל דיר פאָר מיין געמיט. דיין בריוו איז מיין גאַנצער אָנשפּאַר. אַ מענטש מוז דאָך מיט עפּעס לעבן! דאָס שטיק ברויט, אין זינד געערעדט, איז נאָך נישט אַלץ. יעדן אין דערפרי זאָג איך שטיינמאַנען, ווען ער ווייזט זיך אויף דער בויאונג מיט דער טאָרבע צייטונגען און בריוו: „זאָלסט באַהי־ט ווערן היינט צו קומען פון שטאָט אָן אַ בריוו פאַר מיר!" אין אָוונט פאַל איך אַריין אין זיין שטיבל, באַוויז גאַרנישט צו פרעגן און דער אָרימער שלמהקע מיט די געפּרווירענע פיס אין די גרויסע וווּיליקעס שאָקלט אַלץ מיטן קאָפּ אינדערברייט. איך ווייס, ער איז נישט שולדיק. שולדיק איז

מיין ווייבל, שולדיק איז די פּאָסט, וואָס זי איז אַ קריכעריין. אָבער פאַר־וואָס קען איך שטיינמאַנען נישט קוקן אין די אויגן אַריין? אפשר שעם איך זיך פאַר זיך אַליין... אַ פּאַקט, דו האָסט נישט ליב צופיל צו שרייבן. ביסט אומפאַרבעסערלעך, טויבקע, מיט די גרימאַסן פון דיין נאַטור. אַזוי קענסטו זיצן גאַנצע שעהן און דערציילן, און האָבן געדולד טשיקאַווע צו דערציילן אפילו וועגן נישטיקייטן. און אַלץ קומט אַרויס באַחנט. אַזוי אויך, אַז עס פאַלט דיר איין, קענסטו זיך אַוועקזעצן זינגען, און זינגען אַז אַ שטיין רירט עס. צעכליפּעסט זיך אַזש אַליין. איך קאָן דאָך דיך! אויב נישט, קענסטו זיצן און אַריינטראַכטן אין נעכטיקע טעג, באַדויערן דעם, באַקלאָגן יענעם און זיך אַליין פאַרגעסן, אַקוראַט ס׳לעבן איז אַן אייביקע, אומפאַרענדערלעכע זאַך. ביסט מאָדנע, טויבעלע! ריכטיק, דער מענטש איז אַ זעמדעלע אין דער גרייס פון דער וועלט, נאָר יעדער מענטש איז אַ וועלט, וואָס ליידט איינער אַליין מער ווי עס באַטרעפט די פרייד, וואָס די וועלט פאַרמאָגט. זאָלסט געזונט זיין, דו טוסט מיר אָן צרות. וואָס איז ביי דיר די גדולה נישט צו שרייבן? אויב דו האָסט פאַרגעניגן דערפון — זאָל עס דיר ווילבאַקומען. איצטער שרייב איך דיר אויכעט נישט. איך וויל נאָר אויסלאָדן מיין נערוועאישקייט אויף זיך, אויף אַלעם שלימזלדיקן, וואָס האָט זיך אַרויפגעוואַליעט אויף מיר.

איך בין זיך משער, אַז דו האָסט באַזאָרגט אַ פּאָר ווערטער מיט פּעטראָון. דערפאַר שוויגסטו. כ׳האָב געטראָפן? מסתמא געטראָפן. און איך האָב ווידער פאַרדראָס, וואָס דו האָסט געשיקט אַ ניי שיקעכץ. איך באַדאַרף עס ווי אַ לאָך אין קאָפּ. זעסטו, איך ווייס שוין דערפון, כאָטש כ׳האָב עס נאָך נישט דערהאַלטן. נעכטן אויפדערנאַכט האָט עס מיר געזאָגט דער קאָמבאַט. צי פּעטראָוו האָט דיך געזעען, מיט דיר גערעדט, בעת זיין זיין אין פּרונזע, האָב איך פון אויפרעגונג נישט געפרעגט. „יעסט פּאָסילקאַ״, האָט ער געזאָגט און מיר איז טונקל געוואָרן אין די אויגן.

צו וואָס, צו ווען, אַז איך האָב דאָ אַלץ איבערגענוג, און דיר פעלט עס דאָרט. איך בין בייז אויף דיר און כ׳וויל הערן פון דיר גוטס

דוד

יוסף אַקרוטני

19טן פעברואַר, 1942.

ליבע טויבע!

נעכטן אויפדערנאַכט האָב איך דערהאַלטן דאָס בריוול פון 9־טן דעם חודש. דאָס וואַרטן איז מיר דאָסמאָל אַנגעקומען מוראדיק שווער. איך בין אין גאַנצן אַ קנויפּ קראַנקע נערוון. אַלדי קלייניקייטן קומען מיר אָן מיטן טויט. פאַרוואָס דו דערלויבסט דיר צולאָזן מיך אויסגיין נאָך אַ ידיעה, הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין. מעגסט מיר פאַרגינען אַ בריוול, זאָל זיין אַ קורצס, אַבי אַ לעבעדיקן גרוס. דו ווייסט דען, טויבעלע, ווי אַ בריוול פון דערוווייטנס לעבט, עטעמט און וואַרעמט!

פון פעטראָוון ווייסט מען דאָ אפילו נישט. ער איז ערגעץ איינגעזונקען געוואָרן. איבעריקנס איז מיר זיין קומען גאַנץ גלייכגילטיק. אויפן פעקל וואַרט איך נישט. אַ שאָד בלויז דיין מי.

וועגן מיין באַפרייאונג איז נאָך גאָרנישט באַוווּסט. אָן ענטפער ווערט זיין אַ ליאַדע טאָג. דערווייל איז מיט דער מלחמה זייער ערנסט. ווינציק באָמבאַרדירונגען, ווינציק אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד. דער דייטש איז פאַריסן. די שלאַנג דאַרף מען צעטרעטן; זי קריכט מיט איר גיפט אין פרעמדע הייזער, טוט אָן חורבות. פון דאַנעט רופט מען כסדר אין דער אַרמיי. פאַקטיש מיט דער ביקס, מיטן אויטאָמאַט אויפן שלאַכט־פעלד. איך בין שוין צוויי מאָל געשטאַנען פאַר דער ווערביר־קאָמיסיע. מ׳האָט מיך פאַרבראַקירט. פאַראַן דערווייל בעסערע צו נעמען. די בוי־אונג גייט דאָ מיט היץ. נישט די קרירות און נישט די נאַכט איז אַ שטער אינעם בוי.

...און זלמנס אַדרעס ווייס איך נאָך אַלץ נישט. ציסט מיר אויס די נשמה. האָסט אָנעהאַרע אַ געלענק און אַ חן ביי דעם אַלעם. ווי איך וואָלט וועלן דיך פיינט האָבן פאַר דעם, ערנוואָרט! נאָר ווי צו להכעיס ביסטו מיר נאָכמער טייער.

וועגן מיר זאָרג נישט. שיק מיר אַ פאָטאָגראַפיעלע דיינס. איך וועל זיך אויך לאָזן אָראָפּנעמען, אויב כ׳וועל אין גיכן נישט קענען אַהיימ־פאָרן.

איך גרוס דיך פיל מאָל

דיין דוד

דאָס בוך פון די עלנטע

24סטן פעברואַר, 1942.

טויבעלע,

איך איל דיר צו ענטפערן אויף דעם פּיצל בריוועלע וואָס כ׳האָב נעכטן באַקומען. הייסט עס, פון דער נייער דירה, וואָס מ׳האָט דיר צוגעזאָגט, לאָזט זיך אויס אַ טייך. נו, זאָל אַזוי זיין צום גוטן. — וועגן מיין אַהיימפאָרן, אָדער גיין ווייטער אין שפּאַן פוּנעם דולן ליידיקגיין, דאַרף איך היינט קריגן אַ תשובה. אייערנעכטן בין איך ווידער געווען אין שטאָט (פאַרגעס נישט, איך ווין אַכט קילאָמעטער אַרויסשטאָט, אין די אמתע סיבירער שנייען. מיין שטוב ליגט אין אַ ניי אויפגעבויט סאָצ־שטעטל, אַ פאַרגראָבנס אונטער דער ערד). דעמאָלט האָט מען מיר גע־געבן האָפענונג אויף אַהיימפאָרן, היינט בין איך נישט זיכער מיט דעם. אויב עס וועט זיין אַן אָפּזאָג — און דאָס איז גאַנץ מעגלעך — וועל איך אויך נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך. וויל לאַנג זיצן רואיק וועט מען סיי־ווי נישט לאָזן. ס׳איז פאַרשטענדלעך. יחסנים זענען נישטאָ, און איך וויל נישט פאַררעכנט ווערן פאַר אַזעלכן. מיט וואָס פאַר אַ קרבנות דאָס זאָל נישט זיין פאַרבונדן מוז מען, טויבעלע, מען מוז, ווייל מ׳איז אַ ייד און מ׳איז אויך אַ מענטש, וואָס וויל נישט מ׳זאָל אים טרעטן אומבאַ־שטראָפט. און אפשר... לאָמיר גלויבן און האָפן! מיר איז גוט. ברויט האָב איך אויף ברויט, און ריינע וועש, און אַ שטיקל זייף אויכעט. היינט, ווען אַ וועלט שטייט אין קאַן פון לעבן אָדער אומקום, איז דאָס אַ גוואַל־טיקע זאַך.

מיין טייערע, שוין צוויי בריוו דיינע דערהאַלטן. אין זיי האָסטו דערמאָנט וועגן זלמנס אַדרעס, נאָר נאָכאַמאָל איבערשרייבן זי ביסטו גע־ווען פויל, געדענק, געדענק, איך האָב די אַדרעס נישט באַקומען. האָסט זיך פאַרשווירן מיר דאָס נישט צוליב טון! הויפּטזאַכן, טויבקע, לאָזסטו אַדורך ווי גאָרנישטלעך. דו פאַרשטייסט גאַנץ גוט, אַז מיינע נערוון ווערן צעריסן צוליב דעם, וואָס איך ווייס גאָרנישט וועגן די יונגעץ אונדזערע. איך קען נישט רוען. דאָך זענען זיי דאָס איינציקע איבערבלייבעניש פון דער גאַנצער משפּחה. טאַטע־מאַמע, ווער ווייסט — —

ריכטיק, טייערע, איך רוף דיך שטענדיק, איך לויף אַרום דיך זוכן. איך מאַטער זיך שטאַרק, ווען כ׳זע זיך אַרום, דו ביסט נישט נעבן מיר. צום גליק בין איך נישט שטענדיק אַזוי עלנט. איך פיל דיך אין דערנאָענט. און איצט, זעסטו, ווילט זיך מיר קריגן מיט דיר: פייניקסט, פייניקסט, טויבעלע; ביסט נישט גערעכט, אויב דו זעסט נישט ווי דו פעלסט מיר. צו דיין וואָרט גאַרט מיין האַרץ. שרייב, שרייב, פאַרגעס נישט, אַז מיין לעבן הענגט אין אַלעמען, וואָס זענען אַזוי פּלוצלינג אָפּ־געריסן געוואָרן פון מיין אַרום.

זיי געשטאַרקט. איך גרוס דיך פיל מאָל

דיין דוד

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מוז זיין, דוד לעווין איז פון בערדסק, וואָס אין סיביר, געשטאָרבן אויף דער מלחמה. ער האָט זיך צום ווייבל נישט אומגעקערט. די בריוו צו איר האָבן זיך אין מיטן איבערגעריסן. אין טרייער דער־וואַרטונג אויפן מאַן האָט אויסגעצאַנקט דאָס האַרץ פון טויבע לעווין.

ת נ צ ב ה.

...אין די שטורעמדיקע אויפדערנאַכטן, וואָס שטייען נאָך הינטערן פענצטער, לאָמיר באַוואָרענען די בלעטלעך פון דער דאָזיקער יידישער ליבע ווי די הייליקע יריעות פון אַ פאַרשעמטן ספר.

אונטער ווייטע הימלען

דעם אָנדענק פון עטל גרינפּאַגעל

א.

...מאַדנע: אין אים, דעם נידעריקן, שוואַרצן שוסטערל, וועלכער איז זיך אַליין שטענדיק קליין אין די אויגן, האָט היטלער געפונען זיין געפערלעכן קעגנער. און ער האָט אים פאַרטריבן אין עק וועלט. די האַלב־ליידיקע שטוב, וואָס איז אים, יחיאלן, לאַנגע יאָרן געווען אַ היים, איז מיט אַמאָל געוואָרן זיין גרויסער ווייטיק. עלנט האָט דעם מענטש גע־נאָגט אין דער ווייטער פרעמד. ער האָט געוואָגלט איבער די שטחים ערד, וועלכע זענען נאָך נישט געווען פאַריאָכט פון די דייטשן. אַן אומרו האָט אים געיאָגט, געשמיסן סיי מיט די שלעק פון נעכטן, סיי מיט די שרעקן, וואָס לויערן אָקערשט היינט, אונטער דער ליכטיקער זון. גרויסע חיילות האָבן זיך געשלאָגן פאַר די דאָזיקע שטיקער לאַנד, פאַר זיינע טייכן און בערג. דורכאויסיקע אימה האָט געברומט אין די פרייע קאַנטן, אי־בער וועלכע דאָס קליינע יידל האָט זיך באַוויגן אין בלינדער זוכעניש פון רו פאַרן גוף און פאַר דער נשמה. אומעטום האָט עס געפּאָכעט מיט דער בייזער מלחמה. אין יחיאלן האָט אַלץ אומבאַגרייפלעך געצאַפּלט פאַר דעם, וואָס קען טרעפן אין אַזאַ צייט: מ׳זאָל באַהיט ווערן... ער האָט דאָך ערגעץ געלאָזן זיינע נאָענטע. און דאָרט איז הפקר, הפקר!

שטעט און מענטשן האָבן יחיאלן באַגעגנט מיטן אומהיימלעכן פּנים פון אַליין באַדראָעטע. ליידנדיק פון דעם, וואָס ער אַליין האָט נישט גענומען

אויף זיך די אַלע פּיינען, וואָס האָבן געטראָפן זיינע היימישע, האָט עס אים געבראַכט אין דער מדינה, וואָס מען רופט קירגיזיע. אַ קייכנדיקע זון איז אין דעם לאַנד,, גראָע סטעפּעס און פעלדזיקע בערג. בערג אַזוינע אומגעהייערע, דערדריקנדיקע מיט זייער אומגעהייערקייט און אומעט. אפילו דער דורכזיכטיקער שיינער איסיקול מיט זיינע וואַסערן איז אַזאַ. נישט ווילנדיק גיט זיך יחיאל אַ שפּיגל אין אים און דער מוח נעמט מישן — פון דער מוראדיקער גרייס, פון זיין טיף.

ווי אַלץ איז דאָ אַנדערש! — האָט דאָס שוסטערל גוטמוטיק זיך גע־חידושט און ווי אַ צוגעזאָטעגנער געבליבן שטיין אין דעם נייעם אַרום. זע די מענטשן, — קאַנטיקע זענען זיי ווי די פעלדזן, און ברוינע ווי די קעמלען, וואָס שטאָמפּערן דאָ אַזוי מגושמדיק. און די פלאַנצן? אַ־וואַ־וואַ! אַן אַנדערע וועלט. און קוקט יחיאל איבער זיך, ציען זיך הימלען העלע, לויטערע ווי אויסגעשייערטע ווייסע בעקנס און זיי זענען אונטערגע־שפּאַרט פון בערג. מיניעדיקע הימלען און שווערע, כמורע בערג, וואָס דראָען און לאָקן מיט דער נאַענטקייט זייערער.

אין אַ טשאַד ווי פון זיסלעכן ווייררויך האָט דער מענטש זיך דאָ אַרומ־געדרייט און נישט געפונען זיך. צייטנווייז האָט אַן אויסטערלישע שכרות אים אַ וועק געטון. עס האָט געקענט הייסן: הער נאָר דו, פאַרשוין, פאַר־געס זיך נישט. ס׳געפעלט דיר יאָ, צי ס׳געפעלט דיר נישט — לעבן מוז מען.

אָפּט מאָל האָט יחיאלן טאָקע געמאַטערט דער הונגער, דער בייסיקער, צודרינגלעכער הונגער נאָך ברויט. די קישקע האָט געמאָנט ס׳איריקע און ער האָט נישט געוווסט ווו איין, ווו אויס. אַ מענטש אין אַ פרעמד לאַנד, אין אַ ביטערער צייט. און עס איז נישט געווען קיין שום אָנשפּאַר זיך צו קענען פאַרהיימישן אין דער דאָאיקער געגנט. אויף צו שטילן דעם געשריי פון די געדערים פלעגט ער בלאָנקען איבער דיביישטאָטישע פעלדער, רייסן זאַנגען און אויף די ציין צעמאָלן זייערע פולע קערנער. אויך גלאָמבעס רויע קרויט און קוקורוזע זענען געווען די שפּייז פאַר זיינע בורטשנדיקע אינגעווייַדן. ביינאַכט איז ער אַרויפגע־קראָכן אויף אַ דעכל פון אַ שטאַל און די מידקייט איבערגעשלאָפן מיטן

ליכטיקן חלום פון אַ געשמאַק ווייצפּלעצל, פון אַ זאַפטיקן פענעץ שאָפן־פלייש.

לאַנגע זומערדיקע וואָכן זענען אים פאַרביי אין גאַס, ביז ער האָט זיך אַביסל איינגעלעבט מיט די ערטער, וועלכע ער פלעגט אַנוואַרעמען מיט זיין זיצן דאָ און דאָרט. קינדער פלעגן צו אים אַרויסגיין, פּלוידערן אומפאַרשטענדלעכס און — נישט כאַפּנדיק זיך, וואָס זיי מיינען — האָט ער זיי געענטפערט מיט אַ שמייכל. אַמאָל איז אויך אַ באַלעבאָסטע אַרויסגעקומען; זי האָט פריינטלעך אַ מורמל געטון און, דערוויטערנדיק זיך, ווידער אַמאָל אַרויס צו אים (אַ זיצנדיקן אונטער אַ בוים) מיט אַן ערדן שיסעלע זויערמילך און אַן אויסגעברוינט פּלעצל.

עס האָט געמוזט זיין רחמנות; יחיאל האָט נישט פאַרשטאַנען דער פרויס רייד, ער האָט נאָר געשפּירט דעם ברי פון אַט דעם געפיל. און כאָטש ר׳האָט זייער אַ סך געהונגערט, האָט ער געגומען אויסמיידן די ערטער, ווו ר׳איז באַגעגנט געוואָרן מיט באַשיימפּערלעכן קרעכץ. יחיאל איז דעמאָלט געלאָפן פון זיך ווי פון אַ מצורע. ער האָט זיך פיינט גע־קריגן. „שלימזל, פּגר ליבערשט, אויב דו האָסט נישט דיין פּיצל אָרט אונטער דער זון״. געפּלאָגט פון דעם־אַ סם, וואָס האָט אָנגעגריפן אויף אים, האָט יחיאל משוגענערוויז געגומען עפּעס נישטערן אַרום זיך. אויס־געפונען אַ מאַרק אין שטאָט, איז ער מבולבל אַרומגעקראָכן צווישן רוי־שיקן המון, אַריינגעשמעקט אין זיך די ריחות פון נאָך נישט געזעענע פּרוכט און, ווי אַן אומגעריכטן אוצר, זיך באַגעגנט מיט פּונקט אַזאַ פּאָר לעכצנדיקע אויגן ווי זיינע. אין דער אויפגעטויכטער דערשראָקענער פרייד האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז יענער איז אַקוראַט אַזאַ אומגליק־לעכער זוכער ווי ער. ער — יחיאל, יענער — ירחמיאל. ביידע האָבן זיך געפונען אין דעם זאַק מאָן פון דעם פּילגעפּרוווטן גורל, געפונען זיך און פאַרברידערט אין דער נויט.

— כיל, גייסט?

— אוודאי גיי איך, ראַכמיל.

אָבער וווהין? ביידע האָבן זיי נישט קיין הויז און קיין היים און ביי ביידען זענען די מיילער שטום. אַ מאָדנע ווייטע שפּראַך דאָ היי!

אַרומגעשלייכט זיך אַ טאָג, א צווייטן אונטערן געהייל פון דעם הונ־

געריקן מאַגן האָבןביידע חברים זיך געלאָזט איבערן סטעפּ. „מ'וועט פאַנגען אַ פויגל, אַן עוף, — זאָל זיין, וואָס עס וויל, אבי ענדלעך זיך אָנצועסן צו דער זאַט. מיר'ן כאַפּן, וואָס ס'עט אונטערקומען, מ'עט זיך נישט מיאוסן, אָפּשינדן אפילו אַ הונט, קאָכן און עסן".

— פליישׁ, פלייש! — האָט עס אין זיי מיט אמאָל א זונג געטון מיט אויפגעוועקטן חיהשן געלוסט.

ביידע האָבן זיי אנטדעקט דאָס בשותפותדיקע לשון פארן הונגער, וואָס האָט געטאָטשעט זייערע ביינער.

...פוילע, שלעפעריקע האָבן הינט זיך אַרומגעדרייט איבערן סטעפּ, זיי האָבן געדרימלט אונטער דער זון, אָבער די הענט פון כילן און ראַכמילן האָבן זיך געצויגן צו די ווייסע, ווייכע וואָלקנדלעך, וואָס אי־בער זייערע קעפּ. אפשר פייגל, וואָס פליען אין דער לופטן, וואָלטן זיך געכאפּט, זענען אָבער שווער זייערע פיס, כדי נאָכצולויפן די פייגל, ווען זיי זעצן זיך אַראָפּ אויף דער ערד. שיסן? דעם שוסטערל כיל איז קיין מאָל נישט געווען באַשערט צו שיסן אין פייגל, צי האָזן. אגב — פון וואָס שיסן? א זעלנער איז ער שוין דווקא געווען אין סקערניעוויצער פולק. קוקט ער אויף די קודלאַטע הינט, קוקט אויף די גרויסע, טונקעלע פייגל, וועלכע קרייזן אין דער הייך און עס נעמט ווידער מישן אין די געהירן.

ראַכמיל איז שוין מיד פון אַריינקלערן, ווי אַזוי זיך אָנצועסן צו זאַט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן אויסגעברענטן גראָז און דרימלדיק לייכט געוויגט מיטן קאָפּ.

כיל און ראַכמיל זענען אָפּהענטיק אין זייער חלומען. זיי טוליען זיך איינער צום אַנדערן.

אַ טונקלענדיקער שפּרייט זיך דער סטעפּ מיט זיינע כמאַריקע פליגל.

ב.

נאָך אַ גליק — דאָס פויערל אכמעדזשאַן.

דרייט זיך יחיאל צווישן די גרינס־גערטנדלעך, וואָס אַרום די קי־ביטקעס פון אָש — ביי איטלעכער הייזקע אַ גערטל — און אַ באַביי

שווימט אַרויס פון הינטער אַ לעבעדיקן פּלויט. ער קומט קאַפּויר אומ־געריכט און שטעלט זיך דעם פרעמדן אין פּנים אַריין, אויסשטרעקנדיק אים אַ דאַרע, טרוקענע האַנט־פּלאַך:

— סאַלעם אַלייקום!

ביי יחיאלן פאַרקרימט זיך אַ פאַרלוירן שמייכעלע; ווי אין קאָנ־ווולסיע ברעכט זיך זיין פאַרוואַקסן פּנים. די האַנט דערלאַנגט ער אַ ווײַלע שפּעטער און שאָקלט צו מיטן קאָפּ, מחמת זאָגן, וואָס ער וואָלט געוואָלט זאָגן, קען ער נישט. דער־אָ וואָלט עס נישט פאַרשטאַנען.

האָט יחיאל לאַנג געשמייכלט זיין מאָדנעם שמייכל, יענער האָט צוריקגעשמייכלט. און זיי האָבן זיך פאַרשטייענדיק אָנגעקוקט. יחיאלן איז געשטאַנען אין די אויגן יענעמס בלאָ־וואַסערדיקער בליק און אַ שטייפלעך שיטער בערדל אַרום אַ קנאָכיקער גאָמבע, וואָס האָט געגלאַנצט אין טאַבעק ברוינער פאַרטראַכטקייט. די וואָנסעס פון דעם עלטערלעכן מענטש און זיין קנאפּע גראָקייט האָט ער באַמערקט ערשט נאָכדעם, ווען יענער האָט אים וואַרעם אָנגענומען ביים אַקסל און געפירט אין זיין הייזקע אַריין:

— יאָ אַכמעדזשאַן, אַכמעדזשאַן, — מערערע מאָל האָט ער אי־בערגעחזרט דעם נאָמען און צערטלעך צוגעטראָגן זיין רעכטע האַנט צו דער לינקער ברוסט.

דער אַלטער האָט נאָך עפּעס געפּרעפּלט, וואָס דער פרעמדער האָט נישט פאַרשטאַנען. יחיאל האָט נאָר געפילט, יענער איז גוטוויליק. אַכ־מעדזשאַן האָט געוויזן מיט די הענט, געוואָרפן זיי גיך־גיך, דערנאָך פּאַמע־לעך געצויגן זיי, ווי מ׳ציט אַ שטריק פון וואַסער אַרויס, פויל געמאַכט מיט די ליפּן, געבלאָזן די באַקן. אַ דערייטלטער האָט יחיאל לסוף זיך אָנ־געשטויסן, אַז ער פרעגט אים וועגן זיין טועכץ. דער פרעמדער אין קורץ אָפּגעטראָגענעם רעקל איז געווען צעטומלט. ווען ר׳האָט זיך שוין אויף זיכער געכאַפּט, אַז דער אַלטער באַלעבאָס מיינט זיין מלאכה, האָט יחיאל באותו הרגע דערפילט ווי אַ הייסער שטראָם שלאָגט־צו צו זיין האַרץ. ער האָט געשווינד אויפגעהויבן אַ פוס און מיט דער פויסט געהאַמערט אין דער אייגענער פּאָדעשווע אַריין.

דער אַלטער איז געווען צופרידן — דער געקומענער איז א שוס־טער, און ער האָט אים געקלעפּלט איבער דער פּלייצע: „האָראָש! האָראָש!״

...יחיאלן האָט טאַקע געפירט דאָס מזל. דער באַביי אַכמעדזשאַן האָט אים אַריינגענומען אין זיין נידעריקער, ליימענער קיביטקע און געטיילט זיך מיט אים זיין מאָלצייט. דער אַלטער האָט געהאַט א ווייב אין אַן אויסגעבליאַקירטן ברייטן קיטל־קלייד, פון הינטער וועלכן עס האָבן שטיף אַרויסגעשפּאַרט א פּאָר לאַנגע, גייענדיקע הויזן. אויך זי, די פּאָר־מעט־פּנימדיקע ראַכיל האָט געפּרעפּלט מיט אירע בלייכע, פלײשיקע ליפּן און יחיאלן אָנגעוויזן אויפן ווויליק, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויפן ערדענעם דיל. אויפן דיל איז געשטאַנען אַ קורצפיסיקער קיילעכדיקער טיש און אויף אים אַן אויסגעלאָשענער, קופּער־רויטער סאַמאָוואַר. די ערשטע מאָלצייט, וואָס יחיאל האָט נהנה געווען אין דער דאָזיקער שטוב, איז געווען רייז מיט פעט שאָפן־פלייש און „טשיי״ מיט קישמיש. מיט פאַרקרייצטע פיס איז אַנטקעגן אים געזעסן דער באַביי אַכמעדזשאַן און אַביסל ווייטער די אַלטע ראַכיל. ביידע האָבן לאַנג געזופּט די טיי, געוואָרפן געטרוקנטע טרויבן אין מויל אַריין. זופנדיק האָבן זיי הויך אויפן קול זיך געקוויקט: ווו־האַ, ווו־האַ־אַ.

געשלאָפן איז מען אויך אונטער איין דאַך און אויף איינע און די זעלביקע ווויליקעס און קישנס. די פענצטערלעך זענען בייטאָג געווען פאַרהאָנגען קעגן דער שאַרפער זון און קעגן פליגן. ביינאַכט האָט אין די פענצטערלעך אַריינגעגלאָצט וועלפישע מורא. ווען נייער טאָג איז אַרויס־געקראָכן פון זיינע פאַרשפּינוועבטע פאַרבאַרגענישן, האָט אַכמעדזשאַן זיך געפעדערט און פון דער פאַרשפּאַרטער טיר אָװעקגענומען דעם שווערן הילצערנעם קלין. בייטאָג האָט מען אַלץ געטון אין דרויסן, הינ־טער דער וואַנט פון דער קיביטקע.

אין דרויסן, פאַר אַכמעדזשאַנס שטוב, האָט מיט זיין ווערקשטעלעכל זיך אַוועקגעזעצט דער שוסטער יחיאל.

איז נישט געווען ווו צו נעמען אַ קאָפּיטע, האָט מען במשך פון לאַנ־גע טעג אַליין געגומען זי אויסשניצן. אַ האַמער, אַ צווענגל האָט יחיאל אַרויסגעגראַבלט צווישן פאַרזשאַווערטן אייזנוואַרג, וואָס וואַלגערט זיך אין דעם באַביס אַלטער באַלעבאַטישקייט. אַ נישט היגער דער־אַ, האָט

דער באָבי אַכמעדזשאַן יחיאלן פון דאָ און דאָרט געבראַכט אַ שטיקל שטייף רוי־לעדער, אַן אַלטע כאַליעווע, אַ צעפּאָרענעם שקראַב. בשעת מעשה האָט דער אַלטער אים אָנגעוויזן מיט די שטאַרק אויסגעטרוקנטע האַנטפלאַכן: נאָ, נאָ, — מ׳דאַרף עס צעטרענען, פונאַנדערנעמען.

ער האָט ענערגיש געמאַכט מיט די ליפּן, צעפּירט די הענט אַהין, אַהער.

עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט און אַרום אַכמעדזשאַנס קיביטקע איז אויסגעוואַקסן אַ הויפן אָפּפאַל פון געוועזענעם שיכוואַרג: ברעקלעך לעדער, אַ גומי־אָפּצאַס פון אַן אַלטן קאַלאָש, אַ רימענדל, און אין סאַמע מיטן — די װערקשטעל מיט די אָלן, וואַקס, דראָטווע און פּאַפּ. ווי אַ צויבערער איז איבער אַלעם געזעסן ער, יחיאל. אַכמעדזשאַן האָט אומעטום געריכט זיין נאָמען, די אַלטע ראַכיל האָט געטריבן פון אים די עופות און ליבלעך זיך צוגעקוקט צו זיין מלאכה. יחיאלן איז זיין באָרד שוואַרץ אָנגעוואַקסן, די הענט מיט מאַזאָליעס זיך באַדעקט. ער האָט געגעסן און, דאַכט זיך, שוין נישט געדענקט די צרה פון דער פאַרלוירענער היים, וועלכע האָט מיט ציין און נעגל זיך איינגעגראָבן אין די קעמערלעך פון זיין פאַרשאָטענעם פּילן, כדי פון מאָל צו מאָל אָנצוקלאַפּן אין זכרון; געזעסן אין דעם גאָרטנדיקן הויפל און ווי אַן זאָרגן געטון די מלאכה, צו וועלכער ער איז געווען געוווינט פון זיין טאַטנס שטוב. אַכמעדזשאַן איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין, האָט געבראַכט טשוועקלעך, צוגעטראָגן אַ שטיקל טעקטור, וואָס מ׳האָט צוגעקלאַפּט אונטער אַ פּלעקל פון אַן אָפּצאַס, און איטלעך מאָל האָט דער אַלטער צו זיין אויער צוגעפירט די דערמאָנונג, אַז ס׳איז מלחמה.

— אוי, דזשודא יאמאַן, ס׳איז זייער שלעכט — האָט ער געאָכצט. מענעקע באַלאַ נאַ פּראָנט, פּראָנט, — האָט ער געקייעט דאָס וואָרט מיט אַ האַרטער פּיי. — דער זון זיינער איז, הייסט עס, אין שלאַכט.

און די אַלטע האָט צוגעכליפּעט:

— כודוי, כודוי, מענעקע מוכטאַר! גאָט, גאָט, מוכטאַר מיינער!

ג.

אומבאַמערקט איז יחיאל אַריינגעוואַקסן אין דעם דאָאיקן שטייגער. פּונקט ווי ער האָט זיך צוגעוווינט צו די זינגעוודיקע קלאָגרייען אויף

די וויסטע בשורות, וואָס זענען אַהער אָנגעקומען פון די בלוטיקע שלאַכט־פעלדער, האָט ער זיך צוגעוווינט צו אַרבעטן אָן די ריכטיקע כלים און אָן מיט וואָס צו לייגן אַ זויל, אויסצוגלייכן אָן אויסגעדרייטן שטיוול. אין דער שווערער צייט האָט מען זיך געמוזט אויסלערנען מער קלעפּן און אָפּצושטייפן ס׳שטיקל אַרבעט: אַבי דורכצוקומען. יחיאל האָט דערפון געגעסן און איז געווען באַזאָרגט מיט אַ ווינקל, וואָס איז אים געוואָרן אייגן.

ירחמיאל, דער חבר, וועלכן ער האָט געפונען אין דער נויט, איז אַרויסגעפאָרן ערגעץ אין דער געגנט. אויך יענער האָט געהאַט זיין ביסן ברויט און ער האָט אים געשריבן: איך האָף נאָר די שעה „צו קומען אַ היים". איטלעך מאָל, ווען צו יחיאלן דערגייט אַזאַ גרוס, גיט עס אים אַ שטאָך אין דער ברוסט. אַלץ, וואָס אַרום, נעמט מיט אַמאָל טונקלען און די הענט פאַלן אַראָפּ. ווי אַ מוטער, באַמערקט עס גלייך די אַלטע ראַכיל און זי טרייסט אים מיט אַ גלעט איבער דער פּלייצע:

— נע, נע, דזשיגיט. רואיק, בחורל!

אַזוי איז די צייט געגאַנגען און די פריינטשאַפט צו אים אין שטוב האָט זיך יחיאלן אָפּגעגעבן ביי יעדן קער און ווענד. איז דער מענטש לא־עלינו אַוועקגעפאַלן אויף פיבער, האָט די אַלטע ראַכיל אים געלאָבט און דער באַבּיי אַכמעדזשאַן האָט אים אין מויל אַריין געשטופּט געלע פילן און ביטערע געטראַנקען פון קרייטעכצער.

ווען יחיאל האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און ווידער גענומען אַרבעטן, האָט דער באַבּיי אויף אויפוואַרטעכטס אַריינגערופן אַ פּאָר אַלטע לייט אין לאַנגע וואַטענע טשאַפּאַנעס, אַרומגעגאַרטלטע מיט קאָלירטע טיכער. אַזאַ „טשאַרסע" אַרום זיינע לענדן האָט אויך אַרומגענומען אַכמע־דזשאַנס כאַלאַט. ווי אַ בעל־שמחה האָט ער אויפן קאָפּ אָנגעטון אַן אַנדערע „דופּע". וויבאַלד די געסט האָבן זיך געוויזן אין הויפל אַריין, האָט דער באַבּיי עפּעס אַ מורמל געטון. יחיאל האָט זיך אויפגעשטעלט פונעם דריי־פוס, געוואַשן די הענט און, באַגלייט פון דער אַלטער, איז ער אַריין אין קיביטקע. אַלע זענען שוין בכבוד אַרומגעזעסן דעם קניענדיקן טיש, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען בוטלעס וויין און אַ פּאַרעדיק רייז־געקעכטס. אַכמעדזשאַן האָט פריינטלעך געדזשאַמדזשעט מיטן ציינלאָזן מויל און אַלע־

מען אָנגעוווּנקען אויף יחיאלן. די געסט האָבן ערנסט־פרום זיך אויסגעצויגן צום דערייטלטן שוסטער, דערלאַנגט אים די הענט און אַן אומפּאַר־שטענדלעכן פּרעפל געטון אין די בערד אַריין.

דערנאָך האָט מען געטרונקען „פּיאַלקעס" ווײַן, אָפּגעשאָקלט זיך פון שאַרפן בראָנפן און מליאַסקענדיק מיט די ליפּן אָנגעפּאַקט אין די מײַלער פולע הענט מיט געדיכטע רײַז און שטיקער פלייש. די אַלטע באַלעבאָסטע האָט אויך מיטגעהאַלטן מיט די געסט, היימלעך הויך גערעדט. אַרויס־גייענדיק אויף אַ ווײַל פון דער קיביטקע, האָט ראַכיל אַרײַנגעפירט אַ שכנה און אירע אַ יונגע טאָכטער. ביידע פרויען זענען אומדרייסט געבליבן שטיין פון דער ווייטנס און קוים זיך אָפּגערופן מיט אַ וואָרט אויף דעם מבול רייד, וואָס האָט זיך פון אַלעמען אַ שאָט געטון. צום סוף האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און טועם געווען פונעם רײַז־פּלאָוו, וואָס ראַכיל האָט זיי באַזונדער צוגעטיילט.

די פרישע אַרײַנגעקומענע האָבן שעמעוודיק געהויבן די אויגן און פאַרנומען דאָס שרײַיקע כלעפּטשען פונעם זודיקן טיי. אין דער מסיבה האָט יחיאל שטאַרק געשוויצט און זיך דערשפּירט נאָך קלענער און פאַר־לוירענער.

דעם זעלבן אָוונט האָט יחיאל ביי אַ ברענענדיק קינדל ווידער אַמאָל געטרונקען הייסן טיי מיט זאַלץ און ווי שטרוי געקייעט אַ קוקורוזע־פּלעצל. דאָס שכנישע מיידל האָט פון דער טונקל אַרויס לאַנג און מאָדנע טרוי־עריק געזונגען.

אויפצומאָרגנס באַווייזט זיך אין הויף אַריין די שכנה, וועלכע איז נעכטן געווען ביים מאָלצייט. זי פאַרנייגט זיך פאַרן שוסטער, הייבט אויף די טונקעלע פאַראַנדזשע און פרעגט אים:

— סעניקע, מארזשא באר מאַ? איז ביי דיר פאַראַן אַ ווייב?

— מארזשא יאָק. קיין ווייב איז נישטאָ.

קוקט זי אים אָן פאַרוווּנדערט און באַדויערלעך און גיט אַ קנאַק מיט דער צונג:

— יאמאן! — שלעכט.

און זי איז גלייך אַוועק.

שפּעטער גייט צו צו אים דער אַלטער אַכמעדזשאַן און רעדט צו אים מיט קלוגשאַפּט:

— סעניקע, מאַרזשא יעסטן?

— ניעטו! — ענטפערט ער אים אויך שוין אויף רוסיש.

— פליאַכאַ גאַוואַריש, — זאָגט ער דעם שוסטערל, וואָס הויזט מיט אים שוין וואָכנלאַנג.

און ער האָט אים געלערנט, אַכמעדזשאַן, אַז אוזבעקן און קירגיזן ווילן צו אים נישט לאָזן גיין זייערע ווייבער. אַ „זאַקאָן" ביי זיי, אַז אַ מאַנצביל אָן אַ ווייב מוזן פּרויען ווייכן. ס'ערשטע, וואָס אַזאַ פרעגט, אויב זי קומט צו אַ מאַנצביל, צי ר'האָט אַ ווייב. איז נישטאָ קיין ווייב, טאָ פליאַכאַ, טאָר קיין פרוי נישט אַריינגיין צו אים.

— זאָלסט זאָגן, האָסט אַ ווייב, — האָט דער באַבײַ מיט אים גע־קנעלט.

יחיאלס שמועס מיט דער שכנה איז טאַקע גיך צעטראָגן געוואָרן און מ'האָט אויפגעהערט אַריינצוגיין צו אים מיט שיך.

יחיאלן איז דעמאָלט איינגעפאַלן צו פאַרריכטן זיין מערכה: „מ'דאַרף לייגן דעם בייגל" אויפן דייטש. אַלע האָבן אים פיינט.

האָט ווידער זיך פאַרבלאָנדזשעט צו אים אַ פרוי מיט אַ פאַראַנדזשע איבערן פּנים, האָט ער איר געזאָגט: מאַרזשאַ באַר, אַ ווייב איז פאַראַן.

— קאַן מאַרזשא? ווו איז ס'ווייב, — איז יענע געווען נייגעריק.

— פּאָלשע, — אין פּוילן, — האָט ער געענטפערט.

— כאַט? און בריוו?

גיט ער, ווי עס איז אָנגענומען, אַ קנאַק מיט דער צונג און אַ שאָקל מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

— יאָק, ניין!

דערנאָך איז אַוועק אַ געשיכטע:

— מאַרזשא אולדע, ס'ווייב איז געשטאָרבן, אוטש באַלאַ, דריי קינ־דער, האָמזע אולדעמע, צוזאַמען זענען זיי געשטאָרבן.

שטייט יענע און קרעכצט: אוי, כודוי, כודוי — גאָט, גאָט!

— גערמאַן ביטע באָמב — דערציילט ער איר — דער דייטש האָט געוואָרפן איין באָמבע, מין קילאָגראַם, פון טויזנט קילאָ, קאַטאַ קיביטקע, אין א גרויס הויז, איליק אדאם אולדע, און פופציק מענטשן זענען אומגעקומען.

— כודוי, כודוי, — גאָט, גאָט — באַוויינט זי אים און גייט אַוועק אַ העשנדיקע.

די מעשה מיטן שוסטערס ווייב וויז ווידער פונאַנדערגעטראָגן געוואָרן איבערן גאַנצן קאַנט. דערנאָך האָבן מענגעסוויז זיך פונסניי געוויזן פרויען. אַלע האָבן אים באַקרעכצט און ווי פון אונטער דער ערד אָנגעבראַכט שיכוואַרג צו פאַרריכטן.

אכמעדזשאן האָט אָנגעקוואָלן פון דער הימלעכקייט, וואָס דער נישטהיגער האָט אַריינגעפירט אין שטוב; ראַכיל האָט אים אַרומגעזען ווי דעם לייבלעכן זון מוכטאַר.

דאָרט, ווו מוכטאר איז געווען, איז אָנגעגאַנגען די מלחמה און אירע ווידערווייען האָבן אָפּגעברומט אין דעם ווייטן סטעפּ-לאַנד. ווו אַ הויז, אַהינצו גרייכן ידיעות וועגן געפאַלענע אין שלאַכט, וועגן פאַרווונדעטע און צעקאַליעטשעטע. מאַמעס באַקלאָגן זייערע זין. אַ סך ווייבער יאָמערן נאָך זייערע מענער. און דאָס טיפע הינטערלאַנד שיקט נאָך אַלץ זיינע באַאָרנטע מענער און יונגע ייִנגלעך צו באַשיצן די היימישע ערד.

נישטאָ קיין האַרץ, אַ נישט אויפגערודערטס, ווען ס׳דערגייען אַזעלכע בשורות!

יחיאלן ווערט טרויעריק. עס דערמאָנט זיך ווידער די היים. אים שפּאַנט אַנטקעגן דער רוצחישער דייטש און עס דערנענטערן זיך די תליות, וואָס אין זיין היים-אָרט.

ער וועט אויך גיין אויפן פראָנט. אים איז אַ גרויסע עוולה געשען, קלערט ער. ר׳מוז זיך נוקם זיין. ער רוימט צו דאָס ווערקשטעלכל, רייבט אָפּ מיט זאַמד די פאַרסמאַליעטע הענט, וואַשט זיך לאַנג ס׳פּנים און לאָזט זיך צום קריג-קאָמיסאַריאַט.

פאַרשריבן זיך, באַהאָרכט געוואָרן און באַקומען אַ רוף-צעטל:

כיל פּיוּוישעוויטש לערמאַן, פוסגייער, איז איינגעגלידערט אין פּוי־לישן מיליטערישן טייל. צייט פון צושטעלן זיך ביזן 18טן אָקטאָבער.
צום סוף אַ געצוקטע אונטערשריפט און אַ קיילעכיקער שטעמפּל.
אין יחיאלס האַנט האָט אויך געפּאַכעט אַ באַן־קאַרטל צו פאָרן אומ־זיסט צום באַשטימונגס־אָרט און אַן אָרדער אויף דערנערונג פאַר זיבן טעג.
אַהיימגעקומען, דערשפּירט ער אַ שטאַרקע מידיקייט. פּלוצלינג אַזוי, און ער דערקענט נישט די שטוב. אַ ביסל מישט אויך אין די געהירן. עס דויערט ביז ער זאָגט דער אַלטער ראַכיל:
— יאַ מאָביליזאָוואַן... נאַ פראָנט יאַ!
ווי זיי דאָ רעדט ער אויך מיט אַ האַרטער פּיי. זי קוקט אים אָן און צעכליפּעט זיך מיט אַמאָל:
— אוסטאַוו, סען קיט מייסן! מייסטער, ווערסט נישט גיין.
און אַז דער באַבײ אַכמעדזשאַן איז אַריין אין הויז, האָט ער יאושדיק אויסגערופן:
— פאַיעזד אולדעמע!... די באַן וועט פגרן.
אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג האָט דאָס אַלטע פאָרפאָלק זיך געפּאָרעט אַרום יחיאלן, וועלכער האָט זיך עפּעס מיט אַמאָל גענומען פּרעמדלעך באַוועגן איבערן הויז. די אַלטע האָט געקלאָגט, געגלעט אים איבערן אַקסל און אין אים אַריינגערעדט: „יאַק, יאַק... קיט מייסן! ווערסט נישט גיין”. אין אַ ווײלע אַרום האָט זי אים געקוקט אין פּנים אַריין און געפרעגט מיט אַ קאָפּ־שאָקל: יאַ? יחיאל האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, טרערן האָבן אים געדריקט אין האַלדז.
אויך אַכמעדזשאַן איז יחיאלן נאָכגעקראָכן, האָט אים איטלעך מאָל געוויזן אויפן קאָפּ, געפרעגט מיט זיינע מאַטע אויגן, צי ער טוט אים נישט וויי. דער אַלטער האָט אים צוגעפירט צום ווינקל פון קיביטקע, וווּ עס ליגט זיין קישן און געהייסן זיך צולייגן. דערנאָך האָט ער אים פון ערגעץ געבראַכט אַ פּאַפּיראָס — אפשר וועט דאָס אים גרינגער מאַכן.
די אַלטע לייט האָבן זייער גאַנצע איינזאַמקייט אַנגעקניפּט אין דעם פּרעמדן. דער באַבײ איז אַרומגעגאַנגען און געקרעכצט דעם יידנס פאַר־שטיקטן געקרעכץ.

אין אָוונט — דעם לעצטן אָוונט ביי די גוטע מענטשן — האָט אַ טיפער אומרו צעטרייסלט יחיאלן. ווו נאָר אַ שטויבעלע פון געדעכעניש, האָט עס אים איצט אַ שטאָך געטון; אַלץ, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט געדענקען, האָט זיך ווי צו להכעיס דערמאָנט. אין קיביטקע איז אים געוועזן ענג. ער איז אַרויס אויפן הויף. דער הימל איז געווען סאַמעט־טונקל און שאַרף אויסגעשטערנט. די אָוונטיקע פרישקייט האָט אים ביסלעכווייז אָפּגע־מונטערט.

לאַנג האָט ער זיך געדרייט איבערן הויף און זיך אָפּגעשטעלט. נעבן אים איז געבליבן שטיין אַכמעדזשאַן, אַ געהילטער אין זיין לאַנגן טשאַפּאַן.

— ני סען קורעסן — וואָס קוקסטו? — הערט ער פּלוצלינג דעם באַביי און טרעט דערשראָקן אָפּ פון אַ בוים־שאָטן.

— יאָלדעס קאָפּ — אַ סך שטערן זע איך.

— סענענדע פּאָלשא יאָלדעס באר מאַ? זענען אין דיין פּוילן פאַראַן שטערן? — קוקט אים אָן דער נייגעריקער אַלטער.

— יאָק, ניין! — ענטפערט ער טריב.

— דזשודא יאמאַן, זייער שלעכט! — זאָגט דער אַלטער מיט אַ זיפץ און שטעלט זיך נאָך אויף לאַנג אַוועק אונטערן זומערדיק אויסגעשטערנטן הימל. ער פילט אים נעבן זיך, הינטער זיך.

יחיאל איז נערוועז. אים אַרט שוין, וואָס דער אַלטער שווייגט. ער קוקט דאָ אויפן באַביי, דאָ אויפן אָוונטיקן הימל און ווייסט נישט ווי אַזוי אָנצוהייבן, כדי די מענטשן, וואָס האָבן אים גוטס געטון, צו זאָגן עפּעס פון דער איבערפולטער ברוסט. און עס ווילט זיך זאָגן אַ סך, ס'ווילט זיך אויסשרייען, אַראָפּוויינען פונעם צערודערטן געמיט.

ער האָט גאָרנישט געקענט זאָגן.

אויף צומאָרגנס האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, מיט איבערגעגאַנגענע אויגן זיך געזעגנט מיטן פּאָרפאָלק און איז אַוועק.

אַכמעדזשאַן האָט טרויעריק געדזשאַמדזשעט מיט די ליידיקע דזשאַנ־סלעס און נישט געקענט אַרויסברענגען דעם זאָג, וואָס האָט אים געקוועלט. זינט ער האָט זיך דערוווסט דעם שוסטערס גרויסן אומעט.

יוסף אַקרוטני

„דזשודא יאמאַן", זייער שלעכט, — האָט ער באַוויזן נאָר אַרויסצו־שטאַמלען.

ראַכיל איז דעם מענטש נאָכגעגאַנגען אַ שטיקל וועגס און אין אים אַריינגעהעשעט:

— יאָק, יאָק, פּאַיעזד אולעדעמע! — ניין, ניין... די באַן וועט פּגרן.

...יחיאלן, דעם שונא פון היטלערן, האָט געטריבן דער אומרו פּאַר זיין היים.

אַ כראָניק פון טריבע טעג

***

די בלעטלעך, וואָס זענען דאָ צונויפגעזאַמלט, ווילן זיין דער עדות פון דעם שטיק צייט, ווען שטראָמען פוילישע יידן האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון זייער געבוירנלאַנד, וואָס איז געוואָרן אין בלוטיקן קלעם פון די דייטשישע מערדער. עס איז אַ מין כראָניק פון נסיונות־פולע יאָרן אויף שכנישער סאָוויעטישער ערד, וועלכע האָט אויך געהאַט דאָס אומגליק צו דערשפירן דעם טראַגישן טעם פון היטלערישער אינוואַזיע.

אוודאי איז עס נישט דער פנקס פונעם יידיש־פוילישן וואָגל־קיבוץ אויפן רוסישן באָדן זינט האַרבסט 1939 ביז אין דער העלפט 46טן יאָר. עס איז אַ בינטל הייסע רייד פון התנצלות, אַרויסגעזאָגטע אין אוממיטלבאַרן שאָטן פון דעם איינגענעם געפּרווטן גורל. הינטער דעם אָנגעשריבענעם שטייען פשוטע מענטשן, וואָס פילן און ליידן ערלעך, יידיש. זיי האָבן עס געשריבן בריוו פון ברודער צו ברודער, זיי האָבן זיך איינגפאַך אָראָפּגערעדט פון פאַרוווּנדיקטן האַרץ פאַר די בלעטער פון אַ טאָג־ביכל, זיי האָבן דאָס געבענקט צו דער פאַרזונקענער היים און זיי האָט עס געמאַטערט דער גרויל פון שרייענדיקער און מאָנענדיקער אויסגעוואָרצלטקייט. שטייענדיק אויג אויף אויג מיט דער אָנטבלויזטער פיין, האָבן די אומבאַוווסטע בריוו־שרייבער — פאַרצייכענער פון די אייגענע איבערלעבונגען, זיכער נישט געטראַכט וועגן דעם דאָקומענטאַרישן תיקון, וואָס ווערט דאָ געגעבן זייער שרייבן. מ׳קען זיי ממילא נישט חושד זיין אין פעלשונג, צי דיכטונג. פון די כלערליי האַנטשריפטן, מיט וועלכע עס זענען באַשאָטן די צעקנייטשטע, ערטערווייז צעריבענע פאָסט־געשטעמפּלטע בלעטלעך, רעדט אַראָפּ דער דייטלעכער דאָרשט נאָכן לעבן, וואָס איז שטאַרק באַדראָעט געוואָרן. די לעכצנדיקע רייד פון ירחמיאל גליצענשטיין איז די ווידוי פונעם דור שטאַרק געפּרווטע פוילישע יידן.

דער פען פונעם פאַרפאַסער געהערט די סטיליזירונג פון די אויפגעקליבענע פאַפּירלעך, ווי אויך די דאָזיקע פאַר ווערטער, וואָס עפענען די קליינע כראָניק.

דער מחבר

ג.

די רייד פון אַן אומבאַקאַנטן

כ׳בין אַ ייד פון פוילן. מיינע אבות־אבותי זענען געווען באַלמעלאָכעס פון פוילישע שטעט און שטעטלעך. דאָרט זענען געווען אונדזערע קנאַפּע שמחות, דאָרט איז געוואַקסן אונדזער גרויסער טרויער. מיין באָבע־זיידע פון טאַטנס צד זענען געווען צוגויפגעלעבט מיטן פּראָסטן פוילישן פאָלק, צוגלייך מיטן פויער געכאָוועט אין זיך די שנאה צום בייזן פּריץ, געליטן פון אומגערעכטעניש און מיטגעחלומט דעם חלום פונעם שטאָטישן האָרע־פּאַשניק וועגן פרידלעכער האַרעוואַניע און זאַטקייט מיט ברויט און קאַר־טאָפל. מיין זיידע פון דער מאַמעס זייט האָט פרום געגלייבט אין די אותיות פון הייליקן ספרל און פרומערהייט געליטן נויט; ער האָט יאָרנלאַנג נישט אויפגעהערט צו בענטשן דעם פאַבריקאַנט, פאַר וועלכן ער האָט ביי זיין וועב־שטול אויסגעוועבט אַ גאָלדן לעבן. דער ערלעכער זיידע איז גע־שטאָרבן אַן אביון און די באָבע, וועלכע האָט צוגעשפּולט פאַרן אומעטיקן וועב־שטול, האָט באַשיידן געהאַפּט אויף אַ בכבודיק אָרט אין גן־עדן, פאַרשטייט זיך, — אין זכות פונעם אָפּגעהיטענעם מאַן אויף יענער וועלט. מיין טאַטע האָט יונגווייז זיך שוין נישט געפונען קיין אָרט אין היימישן שטעטל, אויף ערד האָט מען אים נישט געלאָזט זיך באַזעצן און צו מסחר האָט ער נישט געהאַט קיין „זשילקע". אַ קינד פון באַלמעלאָכעס האָט אים געצויגן צו דעם זעלבן מולטערל. זיין תכלית האָט ער אָבער געפונען אין דער גרויסער שטאָט, וווהין ס׳האָט דעמאָלט געלאָקט אַ ים מיט מענטשן. יאָרן דורכאַנאַנד איז מיין טאַטע אויסגעריסן געוואָרן ביי „מייסטערס" און

ענדלעך זיך דערשלאָגן צו אַ ביסעלע זעלבסטשטענדיקייט. אָבער איידער ער האָט באַוויזן זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס, האָט סיי די רעכט־לאָזיקייט פון די יידן אין דער פוילישער מדינה (אין די צאַרישע צייטן), סיי די עקאָנאָמישע אָפּגרונטיקייט אים אויסגעזויגט. אָט זענען אָנגעשטאַנען „שטילשטאַנדן", ווי מ'האָט עס גערופן אין דעם טאַטנס סביבה, אָט איז סתם נישט געווען קיין אַרבעט — אָוועק־טאָוועק, עס איז נישט געווען וואָס צו לייגן אין מויל אַריין. לסוף איז געקומען אַ מלחמה. אַנדערע האָבן זיך באַלד געראַטעוועט מיט האַנדל־וואַנדל, געלאָזן זיך אין דער וועלט אַריין... מיין פאָטער איז געבליבן זינקען אין יאוש. איז נישטאָ קיין אַר־בעט, האָט ער זיך שוין נישט צו וואָס צו נעמען. אַ לעבן אָן אויסוועג!

ווי לאַנג איך געדענק, האָט מיט אונדז געהויזט דחקות און טריבקייט. קיין פרייד אין שטוב געדענק איך נישט זינט די העכער דריי צענדליק יאָרן מיינע. מיך באַגלייט נאָר נויט, די מורא פאַרן מאָרגן, וואָס קען זיין נאָך ערגער ווי דער היינט. אַ משונהדיקער געפיל פון פאַרלוירנקייט און צאָרן פאַרן ביטערן גורל פון מיין דור ברענט אין מיר. אַזוי פיל איך מיינע אייגענע ליידן, אַזוי אַלעמענס, וואָס גייען מיט מיר, נעבן מיר. איז דען פאַראַן אַ חילוק צווישן איין רעגנטראָפן און אַ צווייטן, וואָס פאַלן דיר אויפן אויסגעמאָרעטן רוקן? אַלצאיינס שוידערן זיי אויף, דער ערשטער ווי דער צווייטער טראָפן, אויב ס'איז נישטאָ ווו אויסצובאַהאַלטן זיך פון זייער צודרינגלעכקייט.

...מיך פאַרפאָלגט אַלץ דער געדאַנק, אַז איך בין אַ קרבן פון דער צייט פון מלחמות. כאָטש כ'בין אַליין נישט פעאיק — צוליבן שוואַכן געזונט — צו שלאָגן זיך מיט פיינטלעכע חיילות, טראָג איך אין זיך דעם דאָזיקן קאָשמאַר. באַוואָפנטער אָנפלי אויף אונדזער הויז, אויף אונדזער אָרימען ברויט לויערט אויף מיין באַוווסטזיין ווי אַ געשפענסט.

וויבאַלד כ'בין געקומען אויף דער וועלט, האָבן איבער מיין היים זיך געטראָגן די נאָכוויייעניש פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. פעטערס, שוועסטערקינדער זענען אומגעקומען אויף די שלאַכט־פעלדער. שוין אין דער וויג האָבן מיין קינדערישן הימל באַדעקט שווערע כמאַרעס פון יידישן בראָך, שטורמישע אַרבעטער־שטרייקן. אין גאַס האָט געהערשט מעסער־גוואַלד פון געדונגענע ווילע יונגען, אין שטוב האָט זיך געהערט מאַמעשער

געקלאַג. דער טאַטע איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה. אַ בונטאָווטשיק, אַ שטרייקער איז געווען מיין טאַטע, וויבאַלד איך האָב אים געקענט אונטער־שיידן צווישן אַנדערע מאַנצבילן, וואָס זענען געשטאַנען אין מיין זע־פעלד. עס איז נישט געווען קיין מלחמה מיט שווערדן און ביקסן, אָבער אויפן דעק פון מיין נשמה איז געבליבן יענער ביטערער נאָך־טעם, וועלכער לאָזט נישט אָפּ ביזן סוף פון לעבנס־טאָג; מיט איר געוויין בייטאָג און ביינאַכט, מיט די טרויעריקע לידלעך איבער מיין וויג, האָט די מאַמע אין מיר אַריינגעטריפט די גאַרע האַרבקייט פון רויכערנדיקן פולווער און צעטריי־בערטן מענטשן־לייב. שפּעטער, ווען כ׳האָב שוין געלערנט אין חדר האָט, אַ חוץ באַשטענדיקן דוחק, מיך באַגעגנט די סאַמע שאַרפסטע פּיין: אין אונדזער שטוב האָט אומגעריכט אויפגעריסן אַ שראַפּנעל. דער אויפרייס איז געווען אַזאַ שרעקלעכער, אַז אָנשטאָט דעם יינגסטן ברודערל, וואָס אין וויגל, האָט די מאַמע — מחמת צעטומלטקייט — געכאַפּט אַ מעשענעם לייכטער און מיט אַ שאַרפן קוויטש אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. כ׳בין געשטעלט געוואָרן אויג אויף אויג מיט דעם, וואָס הייסט מלחמה. איבער מיין פּנים האָט געפּאַכעט טויט.

און די היים ליגט שוין ערגעץ אויף אַ פרעמדער גאַס, אויף אַ באַרג מיסט. אויפן ברוק וואַלגערן זיך מענטשן, פאַרווונדעטע און פאַרמלאָזע פליש־מאַסעס, אומבאַוועגטע שרעקהאַפטע הענט און פיס, אָנגעטוענע, בלוט פאַרבאַקענע, שוואַרצלעך־רויטע, פאַרפרוירענע. דאָס שטיקל שטאָט, וואָס איך האָב געקאָנט, איז פאַרוויסט געוואָרן, גלייך אין דעם וואָלט קיינמאָל נישט געקלאַפּט קיין מענטשלעכער אָדער. אונדזער הויזגעזינד האָט דעמאָלט קוים זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אונטער די חורבות. אויף אַ קופּע זענען מיר דערנאָך געלעגן אין אַ פייכטן קעלער, אין וועלכן ס׳האָט זיך שטענדיק געפּילט אַ דייטלעכער קאָפּעטש. אין דעם־אַ שאָטנהאַפטן אַרום האָט ווידער זיך געהערט דער הויך פון טויט, וועלכער האָט ווי אַ בייזער הגגל, זיך אויסגעשפּרייט איבער דער ערד, איבער הייזער. דאָס האַרץ איז צונויפגעשרומפּן געוואָרן. איך האָב אומאויפהערלעך זיך צוגע־ווינט צו דעם גראָ פונעם דרויסן, פאַרנומען דאָס זיך איינעסנדיקע פּאַטשן פון געאַנטע שוואַרצע פליגל. דורכאויסיקע שלאַכטן זענען גאַנצע דריי וואָכן אָנגעגאַנגען אין שטאָט גופא. אויף איין עק שטאָט איז געווען דאָס רוסישע

חייל, אויף דער צווייטער זייט האָבן זיך פאַרפעסטיקט די דייטשן. קייזער ווילהעלמס דייטשן. די און יענע האָבן געשאָסן, געשראָקן די מענטשן מיט שענדלעכן אומקום. מיין קינדערשן מוח האָבן די גאַנצע צייט געעקבערט פראַגן, פאַר וועלכע איך האָב נישט געפונען קיין פאַרענטפערונג: וואָס וויל מען פון אונדז? די מאַמע איז אַזאַ גוטע און מען מאַטערט זי מיט אימה. רק זי זיפצט און זי לאָזט נישט רעדן... אוי, אוי! מיט אַזאַ הוק האָט דאָס אומגליק זיך אַריינגעריסן אין אונדזער שטוב, און זי איינגעוואָרפן, און זי ברענט מסתמא. לייביש בעקער זאָל כאָטש לעבן, אַנישט וועט נישט זיין ווער ס׳זאָל באַקן ברויט — — אַ צונויפגעקנוילטער בין איך געזעסן אין דער קעלערדיקער טונקלקייט און געשפירט אַ בריעדיקן פליעסק אין דער ברוסט. די מאַמע האָב איך מורא געהאַט צו פאַרטשעפען, דער טאַטע איז געווען קראַנק־בלאַס און ר׳האָט נישט געקענט איינזיצן נעבן אונדז. „מ׳וועט דאָ אויסגיין, אויב מע וועט אַזוי קוקן איינס אויף ס׳אַנדערע״, פלעגט ער טענהן. כ׳האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז צוויי פיינטלעכע כוחות האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט איינאַנדער. דער טאַטע וויל גיין זוכן ברויט און די מאַמע האַלט אים איין ביים אַרבל; „דערבאַרעם זיך!״, איך האָב זיך געטוליעט צו דער מאַמען, געיאָמערט, ווען דער טאַטע האָט זיך דערוויי־טערט פון „שטוב״. און אַז מען האָט אַריינגעבראַכט אַ שטיקל ליימיק ברויט, האָט איבער דעם געווייעט דער געהיימער צאַפל פאַרן לעבן, וואָס איז אָקערשט געווען אַזוי טייער.

כ׳געדענק עס, גלייך ס׳וואָלט געשען ערשט היינט. אַ פלוצלינג גראָ־געוואָרענער איז דער טאַטע אַריין אין קעלער און געבליבן שטיין אויף דער שוועל. ער האָט שטאַרק געסאָפּעט. איך האָב געקוקט אויף אים ווי אויף אַזעלכן, וועלכן מ׳קאָן און מ׳דערקאָנט נישט צוליב פלוצלינגן קאָפּ־שווינדל. ערשט איצט פאַרשטיי איך, ווי שטאַרק עס האָט מיך דעמאָלט געטראָפן זיין אומגעריכטע פאַרענדערטקייט. ער האָט שווער, אָפּגעהאַקט געטעמט, האַלטנדיק די האַנט אויפן צעפויקטן האַרץ. זעסטו, חנהלע — זענען דעם טאַטנס ליפּן געווען ציטעריק — כ׳גיי פאַרביי דעם שעפּסן־פלאַץ, כ׳גיי אין מיינע דאגות און באַמערק נישט, ווי ס׳פאַלט אַ באָמבע. דער אויפרייס איז געווען שרעקלעך. ווי אַ שטיין איז זי אָנגעפלויגן, צע־הילט זיך ווי טויזנט טייוואָנים. פונקען זענען מיר געפלויגן פאַר די

אויגן. כ׳האָב נישט געקענט אַנטלויפן; געליימט, זאָג איך דיר, קרווינענדיקע! כ׳גיב אַ קוק — אַ יונגערמאַן האָט אַנידערגעפּלאַצט נעבן מיר... מיינע אויגן זאָלן מער נישט זען אַזוינס, גלייכער נישט צו דערלעבן. אויף פּיצלעך איז זיין לייב צעשפּרונגען.

די האַנט האָט זיך געוויגט אויפן טאַטנס ברוסט, ער האָט שטאַרק געדעכעט. איך האָב רחמנות געקראָגן אויפן טאַטן און זיך געטוליעט צו אים מיט די בליקן. מיין גאַנצע אָנמעכטיקייט האָט אין מיר געשטאַמלט.

איבערגעלעבט יענעם טשאַד — דער דייטש איז אַנטלאָפן, ברעכנדיק רוק אין לענד — האָט נאָך לאַנג געוועלטיקט הונגער און האָפענונגלאָזי־קייט. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען די סיבות, כ׳האָב נאָר אָפּגעפילט דעם קראַמף דערפון. באַלד דערויף — אַ נייע מלחמה. און דער בהלהדיקער דרויסן האָט מיך געלערנט הערן, פאַרשטיין. קוים אונטערגעוואַקסענע ייִנגלעך האָט מען גערופן צו די זעלנער, מ׳האָט געטריבן עלטערע, ס׳האָט זיך געטראָגן דער ליאַרם: „באָלשעוויקעס"! מ׳שעכט קינדער, מען הענגט באַיאָרטע לייט פאַר אַ „יאָ" און פאַר אַ „ניין". גאָטס הויך פאַרטרייבט מען פון אונדזערע שטעט — ס׳האָבן געשוימט פאַרדריפּעטע ליפּן, ס׳האָבן מכשפה־אויגן געשפּריצט פייער. מיט פאַרטערטע באַקן האָט די מאַמע דערציילט אַ נאָענטער שכנה, אַז האַלערטשיקעס אין נייע בלאָע מונדירן האָבן געכאַפּט אין די גאַסן יידן און ביי זיי אָפּגעשניטן די בערד צוזאַמען מיט שטיקער פּנים. דער פעטער דוד, וואָס איז אַריינגעקומען געוואָר ווערן דעם טאַטנס געזונט (נאָכן פאַל מיטן יונגנמאַן, וועלכער איז אַנומלט צע־ריסן געוואָרן ביי זיינע פיס, איז פון טאַטן געוואָרן אַ תל), האָט געוואָרנט, מען זאָל חלילה נישט אַרויסרירן זיך פון שטוב. די פאַרשוינען, וועלכע מען האָט ערשט געגעבן ביקסן אין האַנט אַריין, הוליען שוין איבער יידישע פּלייצעס. אוי, ביטער, אַז מענטשן צי פעלקער פאַרגעסן ווער זיי זענען! אָ, יאָ, פון גייענדיקע באַנען וואַרפן זיי אַרויס יידישע פּאַסאַזשירן, שענדן הרגענען, שאַנעוועןנישט קיין פרוי, נישט קיין זקן. אַנגעשכורט זיך מיט הפקר, דער כאַם... די מורא פאַרן חלף פון הונגער און די אימה פאַרן פּאָגראָם־יונג מיטן קינדזשאַל אין דער לאַפּע האָט מיך אַריינגעטומען אין קלאַמערן. דעם פאָטערס האַרבע רייד, דער מוטערס טרויעריקע אָרן

האָבן געגעסן מיין בלוט. אַלערליי קרענקען האָט די מאַמע געהאַט נאָכדעם אויסצושטיין פון מיר.

ס׳איז שוין געווען נאָך דער מלחמה, אָבער אָרעמקייט האָט אָרומגע־וואַקסן מיין היים. אין כלומרשט פרידלעכער קוועלעניש האָט די מאַמע זיך אויסגעקניפּט די באַקן, ווען די קינדער האָבן געמאָנט עסן. „פון וואַנען נעמט מען? אויסער כ׳זאָל אַ מענטש הרגענען!״ זי האָט זיך אַליין גע־פלוכט. זעלטן אַ יידיש הויז אין אונדזערע געסלעך האָט אויסגעמיטן אייבי־קע פאַרפאַלנקייט, דלות. בלויז איינצלנע האָבן עס אויסגעמיטן. ביי זיי האָט פאַרבויגענער געוויסן און האַנדל מיט יענעמס אומגליק זיך נישט גערעכנט ווי אַ בלוט־זינד. די דאָזיקע אויפגעקומענע גבירים האָבן גע־הערט צום מין פון די צוויישפלהאַפטע רויזן, וואָס וואַקסן אויס אויף שימל־דיקע זומפּן. מיט די פרישע שטראָמען פון לעבן גייען זיי זיך נישט אָן. קריזיסן, וואָס לאָזן אויף זיך נישט לאַנג וואַרטן, האָבן אין גיכן אַ בלאָז געטון אויף אונדז. און גייט נישט גוט, איז דער „קרומער נישט גלייך״. דער ייד איז געוואָרן גרויס אין די אויגן. „סוואַי דאַ סוועגאַ״ איז געוואָרן דער רוף פון די הויכע פענצטער. אויסמיידן די יידן, פּוילן פאַר פּאָליאַקן... דאָס האָט מען באַגלייט מיט אייזערנע הענטשקעס, אָנגערופן קאַסטעטן. מיט דעם האָט מען געממיתט אַ יעדן, וועמענס נאָז עס איז נישט גאָר געפעלן געוואָרן; באָיקאָט, סדרה אויסראָטונגען. אויף דעם איז געקומען די הסכמה פון דעם צעפלאָשעטן מלוכהשן רייט־וואָגן — „אָושעם״. ביטע, האָט געזאָגט דער פּרעמיער אין סיים; אדרבא, פּייניקט, רודפט, אַבי די גרויסמאַכט פון דער מדינה זאָל זיך שטאַרקן. ווי מ׳האָט געקענט, האָט מען אונדז דערנידעריקט, באַליידיקט. ווער ס׳האָט מער, ווער ס׳האָט וויני־ציקער אָפּגעשפּירט די קלעפּ. דער שטאַנד פון מיין טאַטע־מאַמע האָט דאָס צום שטאַרקסטן וויי געטון. ווינציק צו זאָגן — הונגער, טרוקן, שוואַרץ ברויט איז צו לעקעך געווען גלייך, און אין די געבעקס־קראָמען האָבן די זעמל געשימלט, ברוינגעבאַקענע, שמעקעוודיקע בייגל זענען פאַרדאַרט געוואָרן, אָנגעטון זיך אין שטויב.

„אַן אָקס פאַר אַ גראָשן, אַז דער גראָשן איז נישטאָ״... ווינטער האָט מען געפּרוּווט מיט קליינע קינדערלעך, זומער האָט מען זיך געטרוקנט אויף דער זון, און די הענט איז נישט געווען וווּ אַהינצוטון. יידישע אָר־

בעטער, יידישע באַלמעלאָכעס זענען זיך אַליין געוואָרן צופיל. מען האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן. אין דער אָרעמער געגנט איז יעדע עפּידעמיע געווען צוגאַסט די ערשטע, און האָט זיך אָנגעהויבן די מגפה עקסמיסיעס — אַרויסוואַרפן פון די דירות די אויסגעמאַרכטע, די איבעריק־געוואָרענע. האָט עס געטראָפן קודם־כל די יידן. קעגן יידן איז געווען די גאַנצע קאָנ־סטיטוציאָנעלע קראַפט. קעגן המון לײדנדיקע איז געווען דער פּאָליצ־יאַנט ווי דער מיניסטער, דער הויז־באַלעבאָס ווי דער פאַבריקאַנט. פּראָטעסטן קעגן דעם בייז האָבן, ווי געווײנטלעך, אַרויסגערופן אַ „געזעצלעכן" ווידער־שטאַנד. שלעכטס, משמעות, לערנען זיך אויס די מענטשן גיכער ווי גוטס. די אָפּגעשטאַנענע זענען אויפגעהעצט געוואָרן קעגן אונדז. זיי האָבן מיט טומל, אָדער — אין בעסטן פאַל — מיט פאַרשווייגן די גרויסע עוולות, צוגעהאָלפן פאַרטיפן דאָס אומגליק.

צו אויסצערונג, צו אָנגעפּוישטקייט איז דערפירט געוואָרן דאָס לאַנד ביז... ביז דעם, וואָס עס איז איצט. מ׳האָט דערלעבט די מכה, וואָס הייסט: היטלערישע אינוואַזיע. די שטעט זענען געוואָרן אָפענע קברים, פּוסטעוועג־דיקע, בלינדע לאַמטערנעס. מאַידאַנעק, טרעבלינקע, אָשוויענטשים זענען בלויז שוידערהאַפטע עדות, געבליבענע אויף דורות. עס שטיקט איז האַלדז פון דעם שרייענדיקן בלוט. אַן אונטערשטע שורה וועט מען אונטערצי̇ען אפשר שפּעטער מיט יאָרן. מ׳ווייסט שוין אַ סך, אָבער מ׳ווייסט נאָך נישט אַלץ. די ווונד איז נאָך צו פריש, אַז מען זאָל קענען מיט רו אַלץ דורכ־קוקן. שטעלט זיך פאָר: די מדינה פון שמואל זביטקעווער, פון בערעק יאָסעלעוויטש, רב יהושעלע חריף און נפתלי באָטווין — פּוילן איז אָן יידן. אָבער, צו וואָס נאָך מאַטערן זיך מיט שרעק־בילדער!...

האָט נישט פּאַראיבל, כ׳וויל נאָר דערציילן פון זיך.

ענדע 1939טן יאָר בין איך אַנטלאָפן פון מיין היים. ס׳זאָגט זיך נאָר אַזוי: אַנטלאָפן. ס׳איז מיר אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים. פּוילן איז געווען פאַרפלייצט פון די פאַרריסענע האָקנקרייצלער און פון תליות. כ׳האָב אַ צייט נאָך אַרומגעבלאָנקעט איבער די צעטומלטע שליאַכן. אַלץ און אַלע האָבן צעשראָקן מיר נאָכגעקוקט. „וווהין טראָגט עס דיך, דול באַשעפע־נישז?" פאַרקנוילטע אין זייערע ווינקלען האָבן די מענטשן דעמאָלט נאָך נישט אומעטום געוווסט דעם שוידער, וואָס הענגט איבער זיי. אין מיר

האָבן געוויינט די טעג און די נעכט, דורכגעוואָגלטע אין צער און חושך. אָבער דאָך איז דאָס געווען דער וועג צום לעבן. אין בלאָנדזשעניש האָב איך געזען, אַז אין מיינע פּיסטריט זענען מיר נאָכגעגאַנגען אויך מיינע ליבלעכע ברידער און כ'האָב דערפילט די אַלע אַנדערע, וועלכע זענען מיר נאָענט געווען אין די צרות.

אין די שטערנלאָזע, האַרבסטיקע נעכט האָבן מיר חמרימווייז דורכגעשלייכט פייער־פאַרלענדטע ישובים, מיר האָבן איינגעאָטעמט דעם געשטאַנק פון פוילנדיקער נבלה, פון טליענדיקע האָלעוועשקעס. מיר האָבן זיך דורכגעגנבעט איבער וועגן, אויפגעראָיעטע פון חורבן און מענטשישער גסיסה. פון דער אַרומיקער גראָקייט האָט פאַר מיינע האַמערנדיקע שלייפן זיך דורכגעשאַרפט אַ שטראַל. כ'האָב דערשפּירט דעם ריח פון הייסער בענקשאַפט צו ערגעץ פרידלעכער ערד. ווי זיס קוואַל־וואַסער איז מיר געווען דער מסירה־נפש פון „שוואַרצן זיך‟ איבער דעם לאָקנדיקן און שרעקהאַפטן גרענעץ־טייך. היינט בין איך דאַנקבאַר דעם פאָלק פאַרן האָפן, וואָס די דאָזיקע ערד און די מענטשן האָבן אין מיר דערוועקט און באַוואָרט. אמת, עס איז געווען אַ וועג פון נסיונות, איך בין אָבער נישט געשטרויכלט געוואָרן. ס'האָט אין מיר געפלעמלט דער גלויבן אין דעם גוטס, וואָס הויזט מיט די מענטשן און אין זייער אורגעפיל צו גערעכטיקייט. איך האָב זיך נישט געשוינט. וויפל עס האָט געקלעקט כוחות האָט מיין בידנע נפש געטון: כ'האָב געאַרבעט מיט אָנשטרענגונג, כ'בין געקראָכן אויף רושטאָוואַניעס, געהאָלפן בויען פאַבריקן, געשלעפט משאות, נישט געציטערט איבערן געזונט. כ'האָב זיך נישט געקלאָגט אויף ווייטיקן אין רוקן, אויף מידיקייט. מיט ליבשאַפט האָב איך אויפגענומען דעם דוחק, וואָס די צייט האָט געבראַכט. ס'איז מיר געווען הייליק דער קריג קעגן דעם פאָלק פון די מערדער, איך טראָג נישט קיין שווער האַרץ אויף קיינעם. כ'בין אַ ייד, איך הונגער ווי אַ ייד און איך בין אָנגעבאַרייט צו ליידן. כ'ווייס: דער רוס איז נישט בייזוויליק. אין זייער בויט האָבן זיי מיך אָפט מאָל מהנה געווען מיט זייער אָרעמער מאָלצייט. אין די ביטערע יאָרן האָט מען געזען, אַז דער רוסישער מענטש איז נישט פאַרדאָרבן. ער איז נאָר טראַגיש אין זיין פייניקן זיך, אין דעם זוכעניש פון יושר. איז ער שכור, איז ער פריילעך, רירנדיק פריילעך און הונגערט ער, ווערט ער

אַנגעכמורעט. אויב אַזוינער טוט אַ פעלן שריט, האָט ער גלייך חרטה. איך פיל, ווי דער מענטש פירט שטענדיק אַ געראַנגל מיט זיך, מיט זיינע רויע, פאַרעלטערטע געוווינהייטן. ווען ער וועט נישט זיין קיין סכנות אַרום — אַלץ וועט זיין רואיקער — וועט דער מענטש אין גאַנצן ווערן מילדער. מיינע ביז איצטיקע ליידן זענען אַ פליגן־געזשום אינעם מעכטיקן הוראַגאַן, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן איבער דער וועלט. און דער שטורעם האַלט נאָך אָן. מיינע ברידער, וואָס האָבן פונקט ווי איך, איבערגעלאָזן ליבע מענטשן אין דער היים, טאַטע־מאַמע, אויסגעוואַרעמטע טרוימען, האָבן אין דער האָפענונג אויפן בעסערן, וואָס דאַרף קומען, אויך איבערגעטראָגן אַלדאָס מעגלעכע און נישט מעגלעכע. פאַראיבל האָבן אויף זיי צוליב דעם אָדער יענעם, דאַרף מען נישט; זיי זענען געוויס נישט אויפגעטראָגן אויף קיינעם. אין פאַרצווייפלונג האָבן זיי, אמת, אַמאָל אַרויסגעזיפּצט, אַ זויער וואָרט אַרויסגעברענגט. זאָל עס זיי נישט זיין לגנאי. צום באַדויערן בין איך נישט צוזאַמען מיט זיי און ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען.

איצט, ווען איך קען מער נישט איינזיצן אויף אָן אָרט, איך גיי אַהין, ווו עס וואַלגערט זיך דאָס געביין פון מיינע געבוירער, מוז איך זיך אַרויסזאָגן. איך ווייס נישט אויף קלאָר, וואָס פאַר אַ געפיל עס לעוגעט מיט מיר. מיך שטיקט אַ ברענענדיקער צאָרן. כ׳בין ווייט פון געווין צו־ליבן מיאומדיקן אומגליק, וואָס פירט מיך איצט. איך באַנעם דעם באַגער נאָך נקמה, אוודאי, נקמה אין די רוצחים. ס׳איז מיר פרעמד געוואָרן דער האַרצנס־צאַפּל פון אַזאַ, וואָס לאָזט זיך אין מרחקים אויף קבר־אבות.

...אַמאָל איז מען אויך ווייט געפאָרן אויף קבר־אבות. אין יענע צייטן האָט מען געוווסט, ווו עס רוט דאָס געביין פון די אייגענע. היינט איז פאַר יידן נישטאָ קיין וועג פאַר קבר־אבות. אַ פאָלק, וואָס מ׳האָט גזוואַלט אומברענגען, אַזאַ פאָלק באַוויינען נישט זיינע זין און טעכטער. עין תחת עין, האָט מען אונדז געלערנט נאָך קינדוויז.

און צוריקגעשמועסט: רופט עס אָן ווי איר פאַרשטייט — אויף קבר־אבות, אָדער נקמה. מיר איז אַלצאיינס. מיך ציט צו דער ביקס. מיינע ברידער וועל איך זיכער טרעפן דאָרט. איך בין אייך בטוח. זיי געהערן נישט צו די, וועלכע ווילן רייך ווערן אויפן בראָך פון אַנדערע. זיי, פאַר־

קערט, קענען נישט מוחל זיין קיין אומגערעכטיקייט. און ווער פון די פשוטע לייט געדענקט נישט די לערנונג, וואָס מ׳האָט אין אונדזערע קעפּ אַריינגעקלאַפּט אין די חדר־יאָרן: בכל דור ודור חייב האדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצריים? היטלער האָט זיך געלאָזט שפּירן אונדז אַלעמען, אַלעמען. און אַז ביים שכן איז טרויער, וועט אַן אָרנטלעכער מאַן נישט אָנשטעלן זיין פּאַטעפאָן.

אויב ס׳וועט מיר נישט באַשערט זיין צו דערלעבן די פאַרטיליקונג פונעם פּיינט, — איך וועל פאַלן אין שלאַכט, — זאָלן די פּאָר ווערטער מיינע ווי אויך די בריוולעך פון מיינע ברידער, וועלכע איר קאָנט נישט פונקט אַזוי ווי מיך, זיין אַן אָנצייכעניש פונעם יידישן הויז גליצענשטיין, וואָס האָט פאַרצייטנס גענומען זיין אָנהויב אין דער שטאָט לוטאָמירסק, וואָס אין דער מדינה פוילן. במשך פון דורות האָבן די גליצענשטיינס זיך משדך געווען מיט דער משפחה ווימעשבערג פון מאַליניעץ, וואָס אויפן טייך פּיליצע, מיט די זשאַרנעווער פּעלצאָוויטשס, און געלעבט פון ערלעכן בזעת אפּם, ווי עס פּאַסט פּאַר אָנשטענדיקע מענטשן. מיר גייען אַוועק און קיין שום נאָכבלייבעניש איז נישטאָ פון אונדז. אונדזערע פרוי־ען און אונדזערע קליינע קינדער זענען אויסגעקוילעט געוואָרן פון די דייטשן ימח־שמם. אויב נישט איך וועל זיך אומקערן און נישט קיינער פון מיינע ברידער, וועלכע חתמענען די בריוו, וואָס איך שיק אייך איבער, וועט קיין זכר נישט זיין פון דעם הויז, וואָס האָט אַלע יאָרן געשמט מיט גוטע באַלמעלאָכעס און אָרנטלעכע לייט. נישט קיין לויב ווילט זיך דעם פּשוטן מאַן, אויב ער גייט אַוועק פון לעבן, נאָר אַ געדעכעניש פון אים. מיר זענען די לעצטע פון אונדזער שטאַם.

נעמטזשע אויף זיך דעם עול איר, אומבאַקאַנטער געאַכפּערטער פריינד, אין בעסערע צייטן אַמאָל צו דערמאָנען אונדז אין אַ יידישער מסיבה.

פון מיר

ירחמיאל גליצענשטיין

אויפגעשריבן אין ישוב אוש־טאָבע,
די רייז־פעלדער פון וויטן קאַזאַכסטאַן
אין זומער פון יאָר 1944.

II.

פון אַ טאָג־ביכל

א.

...אַזוי לאַנג בין איך שוין דאָ, און כ׳קען זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען פון געדאַנק, אַז אַהערפאָרנדיק האָב איך אויף איינער אַ ווייסטער באַן־סטאַנציע פון דעם קאַלטן מדבר געזען דאָס ייִנגל. דאָס ייִנגל הענגט אויף מיין געוויסן, ווערגט די שיין פון מיינע אויגן. ווייל סוף־כל־סוף בין איך אַ צווייג פונעם שטאַם, וואָס וויל נישט אונטערגיין, כאָטש כ׳באַגרייף נישט דעם פולן זין פון דער אַזוי פאַרהייליקטער מיסיע פונעם מין מענטש. איצט פאַרשטיי איך דאָס ווינציקער, ווי ווען־עס איז־פריער. נייך, כ׳ווייס נישט, גלייכער זיך נישט אַריינצוטראַכטן אין דעם, הגם ס׳שרייט אין מיר דאָס ווילדע געשריי: ביסט אַ זון פון אַ הויז, וואָס פלעגט די פרייד און די רייכקייט פון האַרץ, ביסט אַ לייבלעך קינד פון אַ מענטשן־פּאָר, וואָס האָט אויך אַזוי בלינד ווי דו באַגערט דאָס לעבן, ביסט אַ ברודער... אַ, כ׳וואָלט געשווירן, עס איז געווען אונדזער זרחל, דער ייִנגסטער פון מיין היים. די זעאונג לאָזט מיך נישט אָפּ. וויפל כ׳זאָל זיך נישט נאָכפרעגן אויף אַזאַ איינעם: אַ בלאַס וווקסיק ייִנגל, פון אַזאַרקאַוו דער שטאָט דער פאַבריק־שער, אַן אַכצניאָריקער אין אַ געשטעפּטער וואַטענער קורטקע, אַ שוואַרצאויגיקער מיט פולע, רויטע ליפּן; דאָס ייִנגל פאַלט אַוועק נישט־ווו, נישט־ווען, דריגעט מיט די פיס און די ציין פרעסן זיך אים צונויף אין קאַנוולסיע... אַז מ׳קוקט אים נאָר אָן, זעט מען באַלד זיין קרענקלעכקייט. ער איז אַ שעמעוודיקער. אַ שוואַכער ווי אַ הינדעלע. די מאַמע האָט מורא געהאַט אַ געשריי צו טון אויף אים, כאָטש ער האָט זיך עס פאַרדינט. אַ גרימאַסנער אַזוינער. די מאַמע האָט ליבערשט געשלונגען די אייגענע טרערן, אַבי אים נישט אויפרעגן מיט אַ הויך וואָרט. „אַ קללה לא־עלינו, פלעגט זי זאָגן. — ס׳האָט קיין גוטס נאָך נישט געוווסט. געהונגערט שוין אין דער מוטערס בויך“... אַלע הערן מיך אויס און מ׳ציט מיט די אַקסלען.

קיינער ווייסט נישט אַזעלכן. זאָל ער באמת האָבן פאַרלוירן געגאַנגען אָן שפורן, ווי מיך טאָטשעט דער צווייפל! אומגלויבלעך. כ׳האָב אים פאָרט געזען! כ׳האָב נאָר נישט געקענט אים רופן, נאָכקוקן. מ׳האָט מיך געפירט אונטער אַ ביקס. פאַרפאַלן, ס׳איז שוין דער גורל אַזאַ. רעכטלאָזיקייט אינעם געבוירנאָרט, אומפריינטלעכקייט אין דער פרעמד. אַ גאַסט אַן אומבאַקאַנ־טער, כאָטש מיט דער נשמה, מיטן צאַפלדיקן בלוט האָט עס אים געצויגן אַהער, דאָס קינד פון האָרעפּאַשניקעס. ער וואַלגערט זיך אוודאי אין די היגע קאַנטן. אַז מיט אַזעלכע ווי מיר איז טאַקע שווער. אַלע זענען מיר אַזוי אומרואיק, אומצופרידן שטענדיק, קענען זיך נישט איינלעבן מיטן נייעם, וואָס קומט צוהאַנדן. און די צייט איצט איז אַזאַ מוטנע. ס׳איז, אמת, שטומפיק דאָ, אויפן צפון, ס׳איז אָבער נישט גאַנצער אומקום, ווי דאָרט. אויף יענער זייט בוג האָט זיך אויסגעגאָסן די תוכחה. הלוואי וואָלטן מיר נאָר געווען באַנאַנד אַלע, מיט טאַטע־מאַמען, מיט די פעטערס, די מומעס, מיט אַלעמען. באָדאַי דאָ.

איך אַרבעט אַלץ אין די קאַלך־גרובנס. צו אָרלעצי, קאַמיאָנקע זענען מיר שוין צוגעוווינט. מען זינגט צומאָל אין אַ כאָר. מ׳זינגט, כדי צו פאַר־טויבן דאָס געשריי פון ליידיקן מאָגן. אַז ס׳האַרץ ווערט איבערפולט פון ביטערניש, זינגט מען. מ׳מאַכט זיך אויך אַ יום־טוב, כאָטש אין דער זעלבער צייט קלאָגט אין דער נשמה אַ גרויסער ווייטיק. מחמת טרויער, וואָס גריזשעט, בעט איך זיך טייל מאָל ביי נאַטשאַלסטווע, מ׳זאָל מיך לאָזן לאָדענען שטיינער אויף באַרזשעס אַרויף; מחמת איבערפלוס פון אומעט פיר איך איבער דער רעשיקער דווינע אייזן־צונויפגעהאָפטענע קלעצער. כ׳בין אַ וואַלד־מענטש, געהאַרטעוועט פון קרירות, פון שאַרפע ווינטן, וואָס די לעצטע חדשים האָבן אָנגעטריבן אויף מיר. מיר זענען פרעמד געוואָרן אַלערהאַנט צאַרטע פליטערלעך, וואָס פאַרפאַנצערן אַ מענטשיש האַרץ. מיר חלומט זיך דער געפרוירענער ווייסער ים, איך גיי לאַנג איבער אומענד־לעכע שניי־שטחים — כ׳בין אַ שאָטן אויף טיפער ווייסקייט. אַ פאַרבלאָנ־דזשעטער בלייב איך שטעקן אויף אַ שאַרפשפיציקן פעלדז פונעם פאָלוס. די וועלט איז אַ שטייענדיקער קנויל פון נעפל; די צפונדיקע אויסשטראַלונג אַ בלענדיקע, אַ באַנייאונג פון מיין ראיה, וועבט מיך איין אין איר שפריי־ענדיקן קרייז. דורכזיכטיק, שיטער איז די לופט, זי באַרירט נישט מיין

פנים־הויט; אָן אייז־בער גלאָצט אויף מיר מיט גלעזערנע קוקערס. ס׳האַרץ איז אויסטערליש רואיק און מיינע אויגן זענען צעשפּאַרט.

ס׳טרעפט: נאָך דעם טאָג האַרעוואַניע (בעת דער פּאָלאַרער נאַכט גיבט אויך „טאָג״ פאַרן מענטש אין מגושמדיקער וואָטענער פופייקע און פוטער־נעם היטל איבער די אויערן, — אַ טאָג אויסצושמידן זיך אַ ביסן ברויט און אַ חלק אָרנטלעכקייט, וואָס מען מוז האָבן, כדי צו קענען לעבן), קומט פּלוצלינג די אַנומלטיקע זעאונג: דאָס דאַרע בחורל מיט די גלאַנציקע אויגן, די פלאַטער־געשטאַלט מיין איידל ברודערלס. זרחל דערנעענטערט זיך צו מיין שטרוי־געלעגער. זיין דינער קערפּער טרייסלט זיך ווי אַ בלאַט און מיין בליק ווערט פאַרלאָפן מיט אַ הויך. כ׳שפּיר אַ הייסע טרער.

ווהין שרייבט מען ווייטער, ווען מען פרעגט מען נאָך? די וועלדער דאָ זענען מעכטיק און גרויזאַם; די מענטשן, אַהערגעקומענע אויף אויס־קאָרטשעווען די וועלדער, זענען פונאַנדערגעשפּרייט, דאָס קול ווערט פאַר־שלונגען אינעם רויש פון די צעוואָרפענע טייך־אַרבל, פון דעם ברום פון דער צעקלונגענער האַק. ווי מיר, אָפּגעטעמפּט זענען דעם מענטשנס חושים. אַ שטיק ברויט גיב, אַנוואַרעמען זיך לאָז אים! רק מ׳הערט זיך איין אין די אומדערגרייכבאַרע ווייטן. הגם אָן אויסזיכטן וואַרט מען נאָך גרוסן פון היימישע, מ׳קוקט אויס אוממעגלעכע גליקן. אַלע דאָ זענען איין שטיק געפּענטעטע נערוון, אַריינגעוואָרפענע אין אַ בלינדן זאַק. ווען זשע פרעגן? אַ שטיין אין וואַסער אַריין דאָס יינגל.

טשעקאָווע, צי ס׳חלומט זיך אַמאָל דעם יינגל, — ער לעבט געוויס, איך גלייב נישט די בייזע פאָרגעפילן! — אַז פאַרחלשטע הענט זוכן אים אין דער אומענדלעכקייט פון דער אומהיימלעכער געגנט, ווו מען לייגט וואַלד, ווו עס יורט דעם מענטשנס ליבע צום נישט באַגרייפלעכן, וואָס מען רופט שטאָם, וואָרצל? — —

טראַגיש מענטשלעכע בריאה! דער פויגל איז קליגער פון דיר. ער ווייסט צו בויען זיין נעסט אין דער לופט, אויפן בוים, אויפן דאַך, אָבער אַז מען צעטרייסלט דיין הויז, וועוסטו אויף אייביק היימלאָז. ווי די ליבע חזרט זיך אַ צווייט מאָל נישט איבער מיט דעם ערשטיקן צאַפּל פון האַרץ, אַזוי קען מען די היים, אויב מען פאַרלירט זי איין מאָל, מער נישט ווידער אויפבויען מיט דער ערשטיקער וואַרעמקייט, מיט די ליבע רייצן. וויפל

דו זאָלסט דערנאָך זי נישט אָפּבויען, וועט דאָס אַלץ נישט זיין די היים; די אומפאַרגעסלעכע היים בלייבט ציקן אין דיינע בלוטן. עס ווערן שלאַ־בעריק דיינע מוסקולן, אונטערגעבראָכן די פליגל. ווי אַ נעבעכדיקע חיה ביסטו געגויגט צו יאָמערן אין בענקשאַפט נאָך יענער היים, וועלכע וועט נישט זיין מער. און אַזאַ איז נישט אָפּצומעקן.

איך וועל דורכהאַלטן! כ׳וועל זיך ווערן קעגן דעם אָנפאַל פון פאַר־צווייפלונג. ס׳וועלן זיך אָפּגעפונען די לייבלעכע, אונדזער צעשטערטע היים וועלן מיר באַנייס אויפשטעלן און זי וועט אונדז טויזנטפאַך טייערער זיין. אינעם אָפּגרונט פון יאוש, אין וועלכן איך בין אַריינגעזונקען, האָט פאַר מיר אויפגעריזלט אַן איינציקע ליכט־כוואַליע; דעם מאָרגן טאָר מען נישט אָנבינדן אינעם נעכטן. די כוואַליע טראָגט מיך. איצט שלעפּט מיך האַלוצינאַציע; כ׳לעב אינעם פיבער פון דעם שטאַרק באַגערטן, כ׳לעב דערוויל מיט די זיסלעך ביטערע וואָרצלען, וואָס האָבן מיך געלערנט דער־קענטעניש. כ׳ווייס אויף קלאָר: דעם היינט קרענק איך איבער נישט איינער אַליין. זאָל זיין ס׳איז אייגנליבע, אָבער ס׳איז אַ טרייסט. אויף מיר קוקן טריב און טריי ברידערלעכע, וואַרעמע אויגן. כ׳שפּיר, כוחות שפּאַרן אין מיר.

הלוואי וויטער.

ב.

ווי אַזוי איך זאָל דאַנקבאַר זיין מיינע טייערע, ווייס איך נישט. לאָזט זיך דען אַלצדינג באַצאָלן? ס׳איז צו אָרעם מיין שפּראַך אויף אויסצודריקן ווי אַזוי דאָס צוגעשיקטע פּעקל האָט מיך דערפרייט. אמת, עס זענען קליי־ניקייטן; פון אַלץ אַ ביסל. אַ טראָפּעלע שמירעכץ פאַר דער מאַשין, וואָס אין כסדרדיקער באַוועגונג, כאָטש אַן דעם נויטיקן ברענשטאָף; עס אַרבעט זיך אָט־אַזוי, פון אינערץ. די געוווינהייט טרייבט, קנאַפּ כוחות שוין פאַ־ראַן. כ׳האָב חלילה צו קיינעם נישט קיין טענות. מ׳האָט אויף דער וועלט (מ׳ווייסט וועד, ווו, מ׳טייטלט אפילו מיט די פינגער אויפן טמא געזינדל, וואָס זיצט חשוב אין סאַמע אויבנאָן) אויפגעהאָדעוועט אַ שלאַנג, האָט זי זיך אַרומגעוויקלט אונדזער האַלדז. מ׳קען נישט זאָגן, אַז מיר גופא זענען

נישט שולדיק אין דעם. איך אַליין אויכעט. אפשר. מיר האָט דאָך נישט אַזוי שטאַרק געבריט דאָס אומגליק, ווען מ׳האָט אויף קיינעמס־לאַנד, אין זבאַנשין אַרויסגעוואָרפן חמרים מענטשן. כ׳האָב זיי געזען, די אויסגעוואָרצלטע, די נאַקעטע און קראַנקע און כ׳האָב זיך באַגנוגנט מיט אַ מיטליידנדיקן זיפץ. די פויסטן האָבן זיך צונויפגעקראַמפּט, אָבער צו אַ זעץ איבערן מוח פון די גענגסטערס, האָט מען זיך פון דעסטוועגן נישט אַנטשלאָסן. פאַרהעצטע האָבן אויך די היימישע גזלנים געפּייניקט, און די פרעמדע, די שכנישע האָבן טייוולאָניש געטאַנצט אויף אונדזער פּיין... מיר מוזן אַראָפּלאָזן די קעפּ פון חרפה. נישט באַשולדיקן קיינעם אין אונדזער שפלות. פון דערנידערונג קויפט מען זיך אויס בלויז מיט ווירדע, מיט קרבנות פון בלוט, וואָס מ׳גיט אָפּ מיט שטאָלץ, מיט ברען. איך בין געלאָפן פון דער היים, נישט ווייל עס האָבן מיך געצויגן דערהויבענע לעבנס־אידעאַלן; כ׳האָב געוואָלט די אייגענע הויט פאַרהיטן. דער פּחדן האָט געציטערט פאַרן בינטל ביינער. ניין, איך האָב נישט די העזה ווען־עס־איז צו באַשולדיקן. די שטראָף איז אַ פאַרדינטע. אויפן צפון לעבט מען אויך, הגם ס׳איז נישט אַזוי לייכט. ריכטיק, מ׳האָט געמוזט מיך אָפּזונדערן. וואָרן, פאַרוואָס זאָל מען גלויבן? כ׳האָב פריער געלעבט אין אַ ווערעמדיקן פאָלק, אין אַ מערדער־מחנה, וועלכע האָט זיך קונה־שם געווען מיט אכזריותן, מיט פאַראַט לגבי אייגענע און פרעמדע. אַ שאָד, כ׳האָב ביז איצט מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן דעם. ס׳וואָלט מסתמא גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ, און אפשר לייכטער איבערצוטראָגן אַלץ, וואָס ווייזט זיך אויס צו זיין שווער, שווער. סוף־כל־סוף גיט מען צו עסן. אמת, קנאַפּ עסן, שלעכט עסן, אָבער מען פּגרט נישט דערפון; מ׳איז אָנגעטון, זאָל זיין אין שמאַטעס, אָבי דורכצולעבן. אַרבעטן? ווער וויל דען נישט אַרבעטן! עס איז טאַקע שווער, ביטער די אַרבעט פון לייגןביימער, האַקן האָלץ, שלעפּן שטיינער, פרירן און שוויצן ביי דעם. מענטשן פאַלן. דאָך נישטאָ קיין ריזן צווישן די־אָ, וואָס טוען דאָ. און צוריקגעשמועסט: ס׳דען דאָ אַן אַנדערע ברירה? איך פון מיין זייט האָב נישט די חוצפה צו טראַכטן, אַז כ׳וואָלט וועלן אויסקומען מיט לײדיק־גייַן. צו אַזאַ פאַרדאַרבנקייט מוז מען זיין געוויינט. איך בין צו אַזוינס נישט דערגאַנגען. אויב כ׳וואָלט פּעאיק געווען צו אַזאַ הפקרות, וואָלט איך זיך געוויס נישט געשעמט פאַרן פּאַפּיר זיך מודה

צו זיין אין דעם. פעלן טאַקע נישט צווישן אונדז קיין פּאַראַזיטן. נישט ווינ־ציק ווערעמדיקייט קען מען אָנקלייבן צווישן מענטשלעכן מין. אין דער אמתן... צו וואָס מאַטער איך זיך אַליין, פּאַרוואָס שפּיר איך אַ פאַרגעניגן פון רייסן די אייגענע נערוון? שוין איין מאָל אָפּגעמאַכט ביי זיך: כ׳וועל זיך אין אַלעם מודה זיין. אַך, אַך! ספקות, ווי זיי פּר׳עסן מיך אויף! איך שפּיר: כ׳בין אַן אָפּגעריסענער אבר פונעם צעוויטיקטן וועזן, וואָס הייסט צעטראָטן יידיש פאָלק. ווי קיין מאָל נישט ביז איצט, זע איך זיך אַזאַ — אַ יתום פון אויסגעשאָכטענע טאַטע־מאַמע, אַ מענטש מיט אַ בלוט־פאַרבאַקאַנער ווונד אויפן שטערן, אויף וועלכן זאָס הויערט צומאָל אַ וואָלקנדל זון. איך ווייס, כ׳בין ווייט נישט פולקום, אָבער לעבן אַזוי אין דער פינצטער, ווי געלעבט, איז אַ פאַרברעך. אוודאי, ס׳איז איבערגעזאַלצן די שטראָף פאַר דעם אַלעם. און ס׳איז צו ראַפּטעמדיק די ענדערונג, ממש שניידיק; זי האָט עס איבערגעמישט דעם סדר, פאַרטונקלט דעם געדאַנק. מער נישט. צוגעווינען זיך צו דעם נייעם איז פריקרע, אָבער מ׳געווינט זיך צו. בכרחי. מילא, אויך דער קלימאַט איז אַ האַרבער, דאָס לאַנדשאַפט איינטאָניק, די אַרבעט נישט קיין שפּילעוודיקע, אָבער ס׳איז דאָך נאָך נישט די טיר פון גיהנום. ערגער איז די שוואַכע, וועלכע מ׳האָט דאָ אַהער־געשיקט. פאַר זיי איז עס אורטייל, פאַר זיי איז עס קאַטאָרגע. ערגער, זאָג איך; ערגער אָבער, בפועל ממש ערגער ווי דער טויט איז דאָרטן זיי. זיי, די געבליבענע אין דער פאַסטקע פון די האַקנקרייצלער. די קאַרגע נייעס, וואָס רייסן זיך אַדורך דורך יענע שטעכלדראָטן, דערציילן פון ענויים און צער. מיר איז בכן גוט. סקאָרבוט איז אַן אָרטיקע קרענק הי. נישטאָ געננוג צו עסן, נישטאָ קיין תוכיק עסן, צו וואָס מיר זענען דורות לאַנג צוגעווינט. דערפאַר איז׳ס אַזאַ אומגליק פאַר אונדז. די באַוווינער פון צפון לעבן דאָס נישט איבער אַזוי טראַגיש, ווי איך. מענטשן פון פאַר־שידענע קאַנטן ליידן פון פאַרשידענע אייגנאַרטיקע חולאתן. דאָ צינגע, אין דרום — פיבער, אין אַזיע — ברוצעליאָז. פאַרן מענטש זענען צוגעגרייט כל־ערליי גוטסן, ס׳ווענדט זיך, צו וואָס מ׳האָט מער מזל. נישקשה, כ׳וועל אויסהאַלטן, אַבי בטחון. כ׳וועל בעטן נאָך אַ פּעקל ביי ירחמיאלן, קנאָבל, ציבעלע און פעטס, און מ׳וועט זיך דורכשוואַרצן. גאָרנישט איז אויף אייביק. נישט דאָס גוטע און נישט דאָס שלעכטע. צו גליק מוז מען גיין דורך דער־ליטערונג.

אָ, ווי איך בין היינט גליקלעך. נישט אַזוי ווייט פון דעם באַקומענעם פּעקל, ווי דאָס געפיל, אַז ערגעץ ווייט איז פאַראַן אַ שטוב, וואָס געדענקט אין דיר. ס׳איז דאָס אייביקע געפיל פון מענטשלעכער צוגעקניפּטקייט צו היים. פּרוויאישע הענט נייען אויף זעקעלעך, שיטן זיי אָן מיט צוקער, מיט קנאָבל, צירעוועך שקאַרפּעטקעס, פּרעסן אויס אַ פרישן געוואַשן העמד, גרייטן אַ ריין שניפּטיכל. אַזעלכע ריחות הערן זיך פון ווי־ווייט, און זיי נאָגן... דאָס איז זיכער גיטעלעס אַרבעט. איר געלענק שפּירט זיך אין אַלעם. ווי איך בין איר דאַנקבאַר! ווי אַזוי דריקט מען אָבער אויס דאָס אַלץ, וואָס פליסט אויפן געמיט, פאַרפּלייצט דיין מוח? סיידן דו זאָלסט אויפשניידן דיינע אָדערן און מיט בלוט אָפּחתמענען דאָס, וואָס דו קענסט נישט אַרויסזאָגן מיטן נעבעכדיקן לשון. און די בריוולעך צו זיי מוזן זיין זאַכלעכע, אָן צעקראַכנקייט, אָן דעם, אַז זיי זאָלן נישט פאַראַטן דאָס געמיט, וואָס ווערט אַזוי לייכט צעשוומען.

זייט מיר מוחל, האַרציקע, פאַר מיין צוריקגעהאַלטנקייט. זאָלן די דאָזיקע בלעטלעך זיין אַן עדות פון ערלעכן ציטער פון מיין האַרץ. מיט אַ דאַנק פאַרן געפּרוווטן לעבן נעם איך אויף די בריוו פון אייך, און פון טאַטע־מאַמען. איך היט זיי אויף מיין לייב ווי אַ קמיע, ווייל דאָס איז ס׳איינציקע, וואָס באַהעפט מיך נאָך מיט דער היים, ווי איך זע זי, ווי איך באַנעם זי אין דער ווייטער ווייט. אויב אָבער ס׳איז מיר נישט באַשערט צו בלייבן פאַר די, וועלכע איך האָב געוואַרעמט אין מיין אַנונג, זאָלן די דאָזיקע שורות זיין דער צייכן פון מיין צוגעבונדנקייט צו אייך און צו אַלעמען, וואָס האָבן געמיינט מיר גוטס צו טון.

III.

בריוו

אַרלעצי, 3טער סעפּטעמבער 1941.

מיינע טייערע, מיינע לייבלעכע!

...האָט איר זיך אָפּגעשטעלט אין אַלעקסאַנדער־גאַי, אַ קליין שטעטעלע, הוילער סטעפּ, ווי איר שרייבט. אַבי איר האָט זיך געראַטעוועט דאָס בידנע

לעבן. ווי עס פרייט מיך! איך האָב שוין געהאַט אַדרעסירט דאָס בריוול קיין סאַראַטאָוו און אין מיטן דערינען דערהאַלטן די ידיעה, אַז איר פאָרט ווייטער. דער געָלער סטעפּ סטראַשעט אייך. ווער־ווער, איך גלויב, גלויב. מיך דאָ שרעקט דער ענדלאָזער ווינטער, די ענדלאָזע האַרטקייט פון דער אַרכאַנגעלסקער נאַטור, די גרויסע נאַכט, דער פיינלעכער אומעט. אין איין פלאַטערניש, איך זאָל אייך ווידער נישט פאַרלירן פון אויג, האָב איך פון דאָסניי אייך גענומען זוכן, געדאַנקלעך ציען זיך צו אייך מיינע הענט אי־בער דעם ריזן־לאַנד, וואָס שטייט אין פייער פון אַ מוראַדיקער מלחמה. איך האָב געטראַכט, איר וועט געוויס זוכן אַן אָפּשטעל אין אַ ווייטן ווינקל. כ׳האָב דעריבער אָנגעהויבן שרייבן אויף כיפּ־טראַף: טאַשקענט, סטאַ־לינאַבאַד, אַכשאַבאַד, אָדער דאָ, וווּ די ווערטער וועלן אייך אָנטרעפן. אַז מען קלאַפּט אָן, האָט געזאָגט די מאַמע, עפנט מען אויף. אַ קלוגע זאַך, פאַלט מיר איין אין דער רגע, איז די איינריכטונג פון פּאָסט. זי איז אונדזער צונג אומעטום, און זי איז דער געפּאַנגענער פון אונדזערע האָפענונגען.

מיר דאָ, די מידע פון 14 חדשימדיקן פאַרבערענגען אויף עק־וועלט, אין אויגנבלענדיקער ווייסקייט פון צפונדיקן שניי, האָבן איצט געקריגן די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן פון דאַנען. האָט עס מיך טאַקע אַ צי געגעבן אין די ערטער, וווּ עס איז וואַרעם, פאַראַן ברויט לרוב און עס וועט זיין אַרבעט. טאַשקענט, די שטאָט פון ברויט, ווי מיר האָבן אַמאָל געלייענט אין בוך וועגן רוסישן איבערברוך, האָט אַ נעם געטון. אַך, ווי שטאַרק עס איז דאָס נבזהדיקע לעבן, כאָטש דער שכל זאָגט אָפּט אונטער: נישט כדאי... איך האָב באַקומען פליגל, די פאַנטאַזיע האָט מיך אַ טראָג געטון. כאָטש עס שטייט פאָר אַן אומגעווינטלעך שווערע רייזע פון אַ זעקס וואָכן — טויזנטער קילאָמעטערס! — האָב איך פון דעסטוועגן זיך אַנט־שלאָסן צו לאָזן זיך אין וועג אַריין. קענסט דיר פאָרשטעלן, ליבער ברודער, ווי איך טאַמל פון דעם בלויזן געדאַנק צו אַנטלויפן פון דעם צפון! די אומ־ענדלעכקייט פון וואַלד, פון וואַסער און שטיינער טרייסלט מיין בלוט. אַז אַלץ דאָ איז אַזוי גוואַלדיק גרויס! כאָטש די נאַטור הי איז אַ מעכטיקע, אַ וווּנדערפולע אין איר גרויזאַמקייט (איך האָב זיך צומאָל אַנטציקט מיט דער זון, וועלכע קאָלערט זיך איבער מיין קאָפּ ווי אַ צעלויכטענער באַלעם), וויל איך דאָס מער נישט זען. גענוג מיר דאָס ווילד־שיינע, אומפאַרגעס־

לעכע. מיין נישט, אַז איך בין דער איינציקער, וואָס ברענט אַזוי צו לויפן פון דאַנען. אַלע, וואָס זענען דאָ, — און אַ סך האָבן זיך אפילו „גוט" איינגעאָרדנט — אַלע ווילן פאָרן. וווהין? — קיינעם אַרט נישט די פראַגע. דער צפון האָט נישט צוגעבונדן צו זיך. זאָל זיין אַזיע, אַבי איבערלעבן דאָס גרויסע געפיל פונעם נייעם. כ'ווייס נישט ווי ביי אַנדערע, אין מיר לעכצט דאָס האַרץ נאָך אַ גרויסער ענדערונג. ס'ווילט זיך אַ טיפע אויפרודערונג, בכדי צו דערשפירן דאָס לעבן פון דאָס ניי. אמת, אין דער שיינער שטאָט פון מאַרמאָר מיטן שווערן קלימאַט זענען פאַראַן מענטשן, וואָס קוויקן זיך מיט דער גרויסשטאָטישקייט אירער. מענטשן האָבן אַ פאַרגעניגן פון גיין איינגעטוליעט אין בערן־פעל; מענטשן האָבן זיך זייערע פאַרגעניגנס. איך בין עס מוחל. צו ספּאָרט, ווידער, איז נישט מיין געמיט, אויב כ'זאָל אפילו האָבן מעגלעכקייטן צו זוכן תענוגים... אַלץ, וואָס אַנדערע טוען, קען מיך נישט באַרואיקן. איך לעב איבער דעם פיבער פון פאָרן. איך שעם זיך נישט מקנא צו זיין די, וואָס זענען אַוועק צופוס זעכציק קילאָמעטער, כדי צו באַקומען די דערלויבעניש. איך שטאַרק זיך, כ'וויל זיך האַלטן אין די הענט. הלוואי זאָל עס מיר געראָטן. וואָס? וועלכע פערספעקטיוון? אסור כ'קען טראַכטן דערוועגן, אַזאַ אויסטערליש געפיל פון דערוואַרטונג לעבט מען איבער מסתמא איין מאָל אין הונדערט יאָר. אין זיין איינפאַכן לעבן איז דער מענטש נישט מסוגל אויפצונעמען אַזאַ שפּירונג. אויך מיר, אין די פריערדיקע באַדינגונגען, וואָלט זיך אין ברוסט נישט „פּאָמיעסטשעט" אַזאַ מעכטיק געפיל. ביי אַלע צרות רייסט זיך מיר אַרויס אַ לויב צום גרוילהאַפטיקן לאַנד, וואָס האָט אונדז, מוראדיק אומגליקלעכע, פאַרלוירענע, ווידערגעבוירן צו דעם אומדערהערט גרויסן געפיל פון וואַרטן, דערוואַרטן דאָס גליק פון קליינע קינדער, וואָס זעען דאָס אוממעגלעכע. דעם מיראַזש פונעם לאָקנדיקן האָב איך דערלעבט איצט צו דערזען אין אָרלעצי, ביי דער אומרואיקער דווינע.

סענדערן, מנחמען און זרחלען האָב איך שוין געשריבן.

איך קוש און האַלדז אייך שטאַרק

אייער אפרים

.41.10.5 .אין באַן

מיינע ליבע!

נאָך אַ מעת־לעת צווײ, און איך וועל זײן אין טאַשקענט, כאָטש איך האָב נישט די זיכערקייט, אַז איך וועל אײַך דאָרט טרעפן. איך ברען פון אומגעדולד אײַך צו זעען! אַזאַ צײַט, אַזאַ פּעקל דורכגעטראָגן! אויב כ׳וועל חלילה אײַך נישט באַגעגענען, ווייס איך נישט, צי כ׳וועל האָבן כוח צו קענען זיך לאָזן אײַך זוכן אין סטאַלינאַבאַד אָדער אין יערעוואַן, ווו איר האָט געקלערט זיך באַזעצן. געגנוג סיבות פאַראַן. אגב האָב איך נאָך צו דערליידיקן עפּעס פאַר זרחלס אַרויספאָר. מ׳קען דאָך דאָס יינגל נישט לאָזן זיצן אין דעם העק. אויב דו ביסט ביכולת בעט איך דיך, ירחמיאל, שיק אַהער אַ פאָר רובל אויף פּאָסט־רעסטאַנט, טעלעגראַפיש.

אָ, זאַטע, וואַרעמע טאַשקענט, ווי איך פיבער איצט מיט דיר!

גלייבט מיר, איך בין נישט אַזוי הונגעריק. עס איז ביי מיר אָפּגע־טעמפּט די שפּירונג פון עסן. מיט טאַשקענט זענען מאָדנע פאַרבונדן גע־וואָרן אומבאַגרייפלעכע געפילן פון אויפגעוועקטן געמיט. עס זענען מוטנע, מיר אַליין אומפאַרשטענדלעכע געפילן.

הלוואי זאָלן מיינע ציטערדיקע ווערטער אײַך דערגרייכן —

מיט קושן

אפרים.

.1942 — 19.3 ,טורקעסטאַן

מיינע ליבע!

ענדלעך... אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק פאַרן פּאָסטקאַרטל. נאָך זעקס חדשימדיקע אַרומזוכענישן ערשט באַקומען אייערע פאַר ווערטער, אייער אַדרעס. שטעלט זיך פאָר, אַז איך האָב איך געזוכט אין טאַשקענט מער ווי צוויי וואָכן, כאָטש ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט: אומזיסט, אומזיסט. מער האָט מיר נישט געקלעקט קיין כוח. צום גליק האָב איך זיך דאָ דערוואָרט אויף זרחן און מיר האָבן באַנאַנד דורכגעמאַכט די שווערע ווינטער־וואָכן

אָן אַ באַשטענדיקן וווינאָרט, אָן מעגלעכקייטן צו קענען זיך אויסרוען. ווו געטאָגט — נישט געגעכטיקט. אַ לעבן, ווי אין אַ ליים־גרוב. איצט בין איך מיט זרחלען אין טורקעסטאַן. עס איז אַ שטאָט אָן פאַבריקן, אַ סך שמאָלע, געדרייטע געסלעך, כולו ליים. אויב איר ווילט זיך פאָרשטעלן טורקעסטאַן, פאַרמאַכט די אויגן און רופט אַרויס דאָס אַלטע ירושלים, ווי מיר האָבן עס געזען אין דער חדר־צייט... דורכן חומשל. אוודאי, אַלט־ירושלים, אפילו מיט אַן אַלטן מעטשעט, וועגן וועלכן ס'איז פאַראַן אַ לע־גענדע, אַז אויף אַ שטח פון זיבן קילאָמעטער האָבן זיבן טויזנט קרומאויגיקע קירגיזן איינער דעם אַנדערן דערלאַנגט ליים און ציגל; אַ שנור אַן אומ־געהויערע פון מענטשן, וועלכע האָבן פאַרן געביי זיך געמיט אָן אָפּשטעל, אָן חשבון אין משך פון זיבן יאָר, ביז וואַנען ס'איז אויפגעבויט געוואָרן דאָס ווויִן־אָרט פונעם הייליקן אללאה. אַרום נאַקעטער סטעפּ, געלער זאַמד, גרויסע טשערעדעס שעפּסן, און די האָריזאָנטן נידערן אַראָפּ צו דער ערד. אין דער אומעטיקער איינזאַמקייט זענען מיר, איך מיט זרחלען, אַריינגעפאַלן אין דער האָפענונג, אַז אפשר וועט זיך איינגעבן אַ ביסל קומען צו זיך. אַרבעטן איז אָבער דאָ נישט פאַראַן ביי וואָס, אַ חוץ אין אַ קאָלכאָז. נאָר נישקשה. זרחל איז אַ שטיקל צייט געווען אין אַ קאָלכאָז. דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן מחמת אומגעוווינטקייט צו אַזאַ אַרבעט. איך האָב אים אָפּגעגעבן אין אַ שפּיטאָל, ספּעציעל אים צוגעזען מיט לאַבונג. צוליב דעם איז מיין לאַגע געוואָרן טאָפּלט שווער. סיי איך האָב נישט געקענט פאַרדינען קיין קאָפּיקע, סיי איך האָב מיר געמוזט דעם קאָפּ אויסשוואַכן, כדי דאָס יינגל אַ ביסל צוצופלעגן. ווּעמען האָבן מיר דען אויף דער וועלט, אויב נישט איינער דעם אַנדערן? אונדזער פאָטער האָט געהאַט פינף זין, זענען זיי אַלע פינף אַוועק זיך דאָס לעבן ראַטעווען, דעם קיום פון דעם שטאַם רב הלל מאלעניצערס איינהאַלטן. זאָלן מיר אין אַזאַ נסיון־צייט לאָזן פאַלן איינער דעם אַנדערן? אמת, איך בין נישט פאַרצווייפלט, כאָטש ס'איז זייער שווער אַלץ אויסצוהאַלטן, ברודער מיי־נער! דאָס יינגל איז דערשלאָגן נאָך דער קרענק. מען מוז אים אונטער־האַלטן מאָראַליש און פיזיש. איך מיין, אויב מיר וואָלטן געווען צוזאַמען, וואָלט אונדז אַלע אויך געווען גרינגער. און זרחל וואָלט געווען מער לייט ווי ער איז. דאָס יינגל איז, נעבעך, נישט שולדיק, וואָס די מאַמע —

זי זאָל לעבן און געזונט זיין — האָט נישט געלאָזן אויף אים אַ ווינטל בלאָזן, זי האָט אים געכאָוועט ווי אַן אתרוגל, געקוקט אונטער די אויגן. דערמאָנסט זיך, ירחמיאל, ווי בלאַס ער איז שטענדיק געווען? איצט איז קיין פאַרגלייך נישט צו זיין בלייכקייט. אַ חולה, זאָג איך דיר, ער איז אַזש גרין! איך שרעק זיך פאַר דעם, אָבער צו וואָס דערצייל איך דאָס? דו פאַרשטייסט, מיין איך, אויך אָן דעם ווי נויטיק עס איז מער אויפזיכט איבער דעם יינגסטן פון אונדזערע ברידער, וועלכע זענען פאַרוואָרפן פון דער היים און דער חסד פון גורל טרייבט מיט אונדז ווי מיט אַ וויאַטרעק אין משוגענעם ווינט. אין דער אמתן זענען מיר דאָ מיט זרחלען ווי אין אַ פוסטן פעלד. קיין באַקאַנטע, קיין נאָענטע. פאַרגעס נישט אין אים, פאַרטראַכט זיך. אפשר וועסטו קומען אויף אַ ריכטיקן געדאַנק ווי אַזוי צו העלפן דעם יינגל. מיט מיר, זאָל מיך דער טייוול נעמען, האָב איך נישט אַזוי פיל דאגה ווי מיט דעם שוואַכן יינגל!

קלער נישט, איך ברעך זיך נישט צונויף. מען מוז אָבער טראַכטן פראַקטיש. כ'האָב שוין דורכגעקרענקט שווערערע צייטן און אָן אַ פּאָר פּאַים אין קעשענע.

יאָ, דעם 12טן ד. ח. זענען מיר ביידע געשטאַנען פאַר אַ פּריזיוו־קאָמיסיע. שטעלט איך פאַר, מיינע ליבע, אַז איך און זרחל זענען נאָך אייזן־שטאַרק. מ'האָט אונדז אָנערקענט פאַר דינסט־פעאיקע. ערגעוואָרט, מיין פרייד וועט זיין אַ גרויסע, אויב מ'וועט מיך אַוועקשיקן אין דער אַרמיי. אויך איך, קליין, דאַר יידעלע וויל געבן צושטייער מיין שוייס און מיין בלוט צו דער הריגת־נקמה איבער די דייטשן. איך וואַרט שוין אויף דער רגע.

מיין גרוס

אפרים

קויבישעוו, 4.5 — 1942.

ליבער ברודער און שוועגערין!

אייער בריוו פון 15טן מערץ האָב איך באַקומען דעם דריטן מאַי. איך בין צופרידן, וואָס מיר האַלטן אָן אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיך. מער

פאַרגעגיגן אין דער פאַרשאָלטענער צייט האָבן מיר דאָך נישט. זאָל דאָס זיין צום גוטן, און מיר וועלן אפשר נאָך לעבן — כאָטש מיר זענען נישט געווען גליקלעך מיטן גליק, וואָס מיר האָבן געהאַט. איך מיין די פאַרגאַנגענע צייטן, וועלכע מיר זעען היינט אַנדערש. איך האָב שוין באַקומען אַ בריוו און פּאָסטקאַרטל פון אפרימען, ווען ער איז געווען ביי אייך. ער האָט אַלץ באַשריבן. ער האָט זיך נישט גערוכט, אַז אייער צושטאַנד איז אַזאַ. אפרים האָט מיר אויך באַשריבן זייער (זיינע און זרחס) לאַגע און כ׳וועל נישט איבערטרייבן אויב כ׳וועל זאָגן: פון מיר איז געוואָרן אַ העלפּט. מען פרעגט מיך: „טשטאָ טי טאַק פּאָכודיעל?״ גיי דערצייל ווי דער שיך קוועטשט דיך. ביזן אויסגעפונען אייך, האָב איך נישט שלעכט געלעבט, אויב מ׳קען היינט אַזוי זאָגן: געווען זאַט און געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. אויף ביינאַכט געהאַט אַ ווינקל, בייטאָג בין איך כסדר געווען אויף די פיס, ווי אַ חיה געאיילט זיך נאָך עפּעס, וואָס דעם זין דערפון האָב איך נישט געזוכט. איך האָב וויניק געזאָרגט, מחמת כ׳האָב דערין נישט געזען קיין שכל. אַ פּאָר הויזן אויפן הינטערשטן האָב איך טאַקע נישט געהאַט, קיין העמד אויכעט נישט. איצט האָב איך שוין הויזן; מער ברויך איך נישט. פון פּאַצעטישקייט בין איך פריי, ווי אַ הונט פון פּאַדאַטקעס, און איך בענק נישט נאָך דעם. עס בענקט זיך נאָר נאָך אַ מענטשלעך פילן זיך. אמת, היינט בין איך נישט וווינציקער זאַט ווי פריער, אַז עס שמעקט מ׳ר נישט קיין עסן. עגמת־נפש אויפן פוד פון די יאַטן! אפרימען האָב איך טעלעגראַפירט קיין טורקעסטאַן, אַז ער זאָל דאָ אַהערקומען, וועלן מיר עפּעס צוטראַכטן. ס׳איז פּאָרט מלחמה. איך געהער צום מין פון טאַטע־מאַמע, כ׳בין פעאיק צו אַרבעטן איבער די כוחות, כ׳וועל זיך איינשפּאַנען אין אַ באַרג, אָבער עפּעס אויסקאָמבינירן, צו וואָס מענטשן זענען מסוגל, דערצו, טייערע, בין איך נישט קיין פאַרשויך. אָבער איך ראַנגל זיך, כ׳וויל דורכהאַלטן. פאַר יעדן פּרייז זיך נישט אָפּזאָגן דערפון, וואָס הייסט לעבן. די ביטערניש האָט מיך געגוג פאַרהאַרטעוועט.

גיטעלע, אויף דיר פאַלט איצט די לאַסט צו שרייבן מיר, ביי קיין פאַל נישט אויפצוהאַלטן מיט בריוו, כאָטש איך ווייס, אַז אַלץ קומט אָן מיטן טויט. אַז דו אַרבעטסט שווער, דו האָסט דעם עול צו באַזאָרגן דאָס באַשיידענע ווינקל דיינס מיטן נויטיקסטן, און דו ביסט געבליבן איינע

אַליין. אויב מ׳האָט ירחמיאלן מאָביליזירט, ווי איר האָט מיר מיטגעטיילט דאָס לעצטע מאָל, קלער איך, ווערט דאָס בריוול אים שוין נישט טרעפן אין דער היים. וואָס זאָל מען טון, גילדענע: אַז ס׳ווערט קומען דער מאָמענט, ווערט מען אויך מיך רופן אין דער אַרמיי. כ׳בין גרייט. ירחמיאל איז נישט דער איינציקער און נישט דער לעצטער. מלחמה איז נישט אונדזער ווילן, נאָר אונדזערע קייטן. בעט איך דיר, מאַך נאָך אַן אָנשטרענגונג און שרייב! האָב נישט פאַראיבל, אַז איך וואַרף דיר אָן די פליכט. ווי זאָל איך מיר אַן עצה געבן, אַז כ׳וויל באַוועלטיקן דעם עלנט, וואָס ווערגט מיך? אויב נישט דער בריוו, אָדער נישט די זאָרג וועגן אפרימען מיט זרחן, דער איינ־טערעס פאַר סענדערן, וועלכער איז אונדז אויך אַ ברודער, — ווויזשע זאָל איך זוכן אַן אָנשפּאַר פאַר מיינע האָפענונגען אויפן מאָרגן, וועלכן איך דערוואַרט מיט ברענענדיקער בענקשאַפט? שרייבזשע, גיטל, איך וועל דאָס דיר שטענדיק געדענקען.

מנחם.

פּ. ס. איך טראַכט איצטער צו פאָרן באַזעצן זיך אין אַ קאַלווירט. אויב אפרים מיט זרחן וואָלטן גיכער אַהערגעקומען, וואָלטן מיר דאָס געטון באַנאַנד. אַרבעט אויף ערד פאַרפינצטערט געוויס נישט אַזוי דאָס געמיט, ווי דאָס פּלאָנטערן זיך אין ווירוואַר. כאָטש כ׳בין אַ זון פון שטאָט, פיל איך ערשט היינט, וואָס פאַרא קללה עס ליגט אויף דער שטאָט, בפרט אין אַזעלכע געפּייניקטע צייטן ווי היינט. מיינסט, כ׳באַגיי אַ נאַרישקייט דערמיט, ווי אַנדערע זאָגן מיר? טייל מאָל טראַכט איך אויך אַזוי, פון דעסטוועגן ציט עס מיך אַוועק פון דאַנען; וואָס עס באַאומרואיקט מיך איצט אַזוי, ווייס איך אַליין נישט. עס טרייבט. כ׳פיל, אַז דאָס, וואָס איך האָב דערווייל ברויט, איז נאָך נישט אַלץ. נישט בלויז צוליב ברויט לעבט מען, און נישט בלויז צוליב דעם אַליין ווילט זיך לעבן. כ׳שווער דיר, גיטעלע — אַז דאָס, וואָס כ׳זאָג, מיין איך — פון גאַנצן האַרץ!

זיי שטאַרק

מנחם

יוסף אַקרוטני

טורקעסטאַן, 15טן יולי, 1942.

מיינע ליבע!

שוין פיר וואָכן, ווי איך געפין זיך דאָ, און ביז איצט נישט געקענט שרייבן. פאַרנומען געווען מיט דאגות־פּרנסה. אפרימען מיט זרחן האָב איך באַגעגנט דאָ אויפן אָרט. זרחל איז אַזאַ לייט, אַז ער בינדט אונדז ביידע — מיך מיט אפרימען — הענט און פיס. איך האָב נאָך געקענט זיצן אין קויבישעוו און האָבן זאַט אָפּצועסן. מיט אַרבעט שעם איך זיך נישט; וואָס עס רוקט זיך אונטער, טו איך, אַבי דורכצוקומען. איך האָב אָבער געוואָלט טיילן דעם גורל פון אַלע און זיין צוזאַמען, כדי אפרימען לייכטער צו מאַכן די לאַסט, וואָס זרח שטעלט מיט זיך פאָר. נאָך נישט קיין מענטש, זרח! כ'ווייס נישט ווער עס איז שולדיק אין זיין שלאַבערדי־קייט — נישט היינט איז די צייט עמיצן צו באַשולדיקן — נאָר איר זאָלט עס מיר מוחל זיין; דעם ייִנגל ברויך מען נאָך אונטערווישן די נאָז. ער פאַלט איבער די הענט. איז שלעפּ איך אויך דאָס פּעקל, און כ'וואָלט געווען צופרידן, אויב ס'וואָלט געווען אַ תכלית דערפון.

ליבער ברודער, אפשר ווייסטו, אָדער דו ועסט זיך פאַראינטערעסירן מיט דער מעגלעכקייט פון אַרבעט פאַר מיינעטוועגן. טאַמבורירערײַ איז גאַנגבאַר אויפן מזרח. פאַרביקע קווייטלעך און אָרנאַמענטיק האָבן ליב די קאַזאַכן, די אוזבעקן, אויגורן און טאַדזשיקן. קאָליריק־אויסגעניטע היטע־לעך און קליידער איז זייער נאַציאָנאַלער גוסט. און מ'קען פאַרדינען ברויט דערביי. איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, געוואָרפן די אַלע גליקן און געגאַנ־גען אין דער אַרמיי. האָט מען צו מיר, אַ פּרעמד געקומענעם, קנאַפּ צוטרוי. און דעם כבוד קען איך דערווייל נישט דערלעבן. אוי, ווי די ביקס קעגן די פאַרכעוואַטע היטלעריסטן וואָלט מיך געוואָרעמט! און די פאַליאַקן מיט אַנדערסן בראש— אויף סאָוויעטישער ערד! — האָלטן נישט פאַר נויטיק אַן אונדזעריקן איינצושליסן אינעם מיליטערישן טייל, וואָס פאַרמירט זיך דאָ. און משוגעים, לא־עלינו, זאָגן, אַז מ'וועט אונדז נאָך זוכן מיט ליכט. שונאי־ישראל, גלויבן זיי, וועלן נעמען און מיט אַמאָל ווערן צדיקים!

איך בין געזונט, זרח זיצט אין אַ סאָווירט נעבן אַריס, אַ טורקעסטאַ־נער מדבר, פון וואַנען מ'ציט אַרויס... שמאַנד. קוים מ'האָט אים צוגערעדט,

אַז ער זאָל גיין אַהין אויף אַרבעט, איינער אַליין, אָן אונדז. שוין צוויי וואָכן ווי ער איז נישט הי. איר מיינט, ס׳יינגל וויל נישט אַרבעטן? ניין, ער איז שטענדיק וויליק עפּעס צו טון, נאָר נעבן אונדז, ווי אַ מאַמע־קינד. מיט מיר, מיט אפרימען למשל, איז ער היפּש רירעוודיק, זאָגט אפילו וויצן, און ס׳דאַכט זיך, ער מענטשלט זיך אויס. נאָר קומט אַ מינוט, ס׳איז גוויטיק אַ ביסל זעלבסטשטענדיקייט, איז ער, ליידער, אַ פּיצל ייִנגעלע. אומבאַ־האָלפן. כאָטש נעם און ווישׁ אויס הייסע טרערן פון זיינע אויגן. גיטעלע, וואָס מאַכסטו? האָרעוועסט? מיר, דאָ, פּייניקן זיך גאָט צו דאַנקען. וואָס ס׳וועט זיין ווייטער, איז שווער צו זאָגן. מ׳וועט לעבן, וועט מען זען.

מיר גרוסן און קושן אייך

מנחם.

לעניגאַבאַד, 8.9 — 1942.

טייערער ברודער און שוועגעריןǃ

איר ציט מיר אויס די נשמה, ביז איך דערלעב צו באַקומען אַ וואָרט, כאָטש איצט קען איך נישט זיין בייז צוליב דעם. איך בין אַוועק פון קויבישעוו אין מאַי־חודש, און פון דעמאָלט אָן האָט אונדזער שרייבן זיך איבערגעריסן. די גאַנצע צייט בין איך נישט געזעסן אויף אַן אָרט. געווען, ווי איך איז שוין באַוווסט, אין טורקעסטאַן מיט אפרימען און זרחן, און נישט געקענט דאָס אָרט אָנוואַרעמען. קיין פּרנסה נישט געווען. צו וואָס איך זאָל זיך נישט נעמען, קלעבן זיך נישט מיינע הענט צו דעם. פּאָרט אָן אַנדערע וועלט דאָס אַזיע. אוודאי, אויב איך וואָלט געווען אַ שוסטער אָדער שניידער, וואָלטן נישט געמוזט זיין אַזעלכע רייד. איז אָבער מיין מלאכה נישט קיין היגע. טאַמבורירערײ ווייסט מען נישט דאָ מיט וואָס מען עסט עס. גיב זיי פּאַרטיקע בלימעלעך אויף די היטלען אַרויף, אויף די שאַלן, אויף די קליידער, וועט מען דיר זאָגן „יאַקשי״, ס׳איז גוט. אָבער מאַשינען צו דעם, קאָליריקער זייד־פאָדעם צו אַזאַ פאַך — וועגן דעם קען קיין שמועס נישט זיין. בפרט איצט, ווען אַלץ פלאַמט מיט מלחמה. אויך דער סטעפּ האָט זיך אַ ריר געטון. נישטאָ, דאַכט זיך, קיין

הייזקע (מען רופט עס דאָ קיביטקע) פון וואַנען עס זאָל נישט האָבן אַרויס־געגאַנגען אַ זון, אָדער צוויי, אַ פאָטער, אַ זון מיט אַן אײדעם אין שלאַכט אַריין. ייִנגע מיידלעך און קינדער האָבן זיך גענומען צו פעלד־אַרבעט. זיי פּאַשען סטאַדעס שעפּסן און רינדער, טוען די שווערסטע זאַכן. און אין אמתן: מיר האָט דאָס האַרץ פאַרקוועטשט פון טרויעריקייט און חרפּה. אין פאַרצווייפלונג איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן, אַוועקצופאָרן אין איראַן. זאָל זיין מיט אַנדערסעס אַרמיי, ווו מ'האָט אונדז פיינט; געוואָלט, און ס'איז נישט געגאַנגען — אַ ייִד. כ'האָב פאַרפּוילישט דעם ביינאָמען אויפן פּאַס, פאַרלאָזט זיך וואַנסעס, ביים רעגיסטרירן איז אַלץ אָדורך כשורה, נאָר צום סוף האָט מען אַנטדעקט דעם ייִד אין מיינע אויגן. אַזוי אַרום בין איך, אַן אָפּגעבריטער, פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַן אַנדערער שטאָט. לעניגנאַבאַד הייסט זי, און כ'אַרבעט וועבעריי. שוין צוויי חדשים ווי כ'האָב פון אפרימען קיין שום ידיעה, ער איז געבליבן אין טורקעסטאַן. ער ווױנט דאָרט מיט זעלדע וויינבלום, אַ מיידל פון וואַרשע. איך ווייס שוין נישט וואָס צו קלערן וועגן אים. מיך באַאומרואיקט אויך זרחל. ער איז אַוועק אין סאָוכאָז אַנהויב יוני און קיין צייכן איז פון אים נישטאָ. איצט וואָלט ער געקענט אַרבעטן וועבעריי און פאַרדינען זיין ביסל עסן. דאָך זענען מיר קינדער פון אַ וועבער־שטוב. כאָטש נישט קיין וועבער אַליין, אָבער די היגע וועבעריי — אַ פּשוטע, אַ גלאַטע — לערנט זיך אויס אויך אַ קאַליקע.

דאָ איז אויך האַלצמאַן, האַצמעך. איר געדענקט אים אוודאי פון דער אַלעקסאַנדער־גאַס. ער טוט ביי דער מלאכה. ער הייסט אייך גרוסן. ווי ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר! שרייבט, אפשר ווייסט איר עפּעס וועגן אפרימען, וועגן זרחן. וואָס מאַכט איר, מיינע טייערע, ווי פילסטו זיך, גיטל? ירחמיאל, דו ביסט טאַקע אין דער אַרמיי? ווי מיר זענען אָפּגע־ריסן איינער פון אַנדערן! ביז ס'דערגייט אַ וואָרט וועגן עמיצן, קען די נשמה אויסגיין. כ'וואַרט אַן אויספירלעכן בריוו אייערן. זאָל כאָטש דער היימישער אָטעם פון דערווייטנס זיין אַ שטיקל טרייסט. מ'מוז זיך דאָך ראַטעווען!

מיינע קושן אייך

מנחם.

איך אַרבעט אין אַרטעל אויפן נאָמען פון קרופּסקאַיאַ. שרייבט אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס.

טורקעסטאַן, 16.9 — 1942.

...שוין חדשים האָב איך נישט פון אייך קיין ידיעה. וועמעס שולד דאָס איז, ווייס איך נישט. אפשר גאָר מיין שולד. אין משך פון דער צייט ווען איך שוין אין דער דריטער דירה, און אַן ערך פיר וואָכן בין איך אין גאַנצן נישט געווען אין שטאָט. ווו זרחס געביין איז אַהינגעקומען, ווייס איך נאָך אַלץ נישט. נישטאָ אפילו קיין גרוס פון אים. אַוועק אויף אַר־בעט, און איננו. אומגליקלעך ייִנגל! ווי ער פייניקט זיך צוליב זיין אומ־באַהאָלפנקייט. לאָזט מען אים נאָר אָפּ אויף אַ טאָג, גייט ער אונטער. דערפאַר אַנטפּאַלט מיר דאָס האַרץ, אויב איך הער נישט פון אים אַ וואָך־צוויי. אָבער, צווישן אונדז גערעדט, ווי גיט מען זיך אַן עצה, אַז אַליין קען איך נישט אָפּיאָגן פון זיך די ברענענדיקע צרות, וואָס פאַרפאָלגן מיך? שרייבן אייך פּרטים, איז נישט פאַר מיינע כוחות, ירחמיאל, אַז מ׳וועט לעבן, וועט מען האָבן צו דערציילן. פאַר קינדס קינדער וועט קלעקן. איינס איז קלאָר: די מלחמה, וועלכע שפּילט זיך אָפּ אַקערשט, איז נישט בלויז אַ מלחמה צווישן מלוכות, וואָס האָבן זיך פיינט; עס איז קודם־כל אַ מלחמה אַ יידישע, אַ פאַרלענדנדיקע. ווו מען גייט, ווו מען שטייט, באַגעגנט מען זיך מיט יידן אַנטלאָפענע, צאַנקנדיקע, און ס׳איז נישטאָ צווישן זיי קיין איינער, אויף וועמענס האַרץ עס ברענט נישט אַ פרישע ווונד: דעם האָט מען אַ ברודער מיטן ווייב פאַרפייניקט צום טויט, יענעם — אַ שוועסטער געשענדט אויף די אייגענע אויגן און ביי וועמען אַלץ איז חרוב געוואָרן: סיי די משפחה, סיי די נשמה. פאַראַן איצט אַזאַ קרענק, וועלכע מ׳וועט קיין מאָל נישט קענען אויסהיילן. ווי דער עלנט שטיקט מיך! מנחם האָט שוין פאַרלאָזן טורקעסטאַן. ער געפינט זיך אין לענינאַבאַד, וואָס אין טאַדזשיקיסטאַן. דאָרט זענען אויך נישטאָ קיין גליקן. ס׳איז נישט דער זעלבער מנחם פון קוויבישעוו. אַ תל פון אים געוואָרן.

וואָס עס איז שייך מיר, איז אין מיין פערזענלעך לעבן אַריינגע־

טרעטן אָן ענדערונג. גיב מיר אָפּ מזל־טוב, טייערער ברודער, ליכטיקע שוועגערין: איך האָב חתונה געהאַט. די מאָס פון עלנט איז אַזוי פיל אי־בערגעגאַנגען, אַז כ׳האָב איצט, נויט־צייט, נישט געזען קיין אַנדערן אויס־וועג ווי צו באַהעפטן זיך מיט דעם מענטש, וועלכער טיילט מיט מיר דעם גורל. זי איז אַ ווויליטשקע, אַ קלוגע און איבערגעגעבענע, דאָס מיידל זעלדע וויינבלום. זי קאָן דיך, ירחמיאל — זאָגט זי. זי שיקט אייך איבער אַ פריינטלעך האַרציקן גרוס, זי וועט גליקלעך זיין, אויב זי וועט אייך געפעלן ווערן. אין איר אייגענעם עלנט גאַרט זי שטאַרק נאָך נאָענטקייט.

יאָ, דער יקרות וואַקסט פון טאָג צו טאָג. נאָך ערגער זענען די אויס־זיכטן אויפן ווינטער, וואָס רוקט אָן אין די כמורנע סטעפּעס. דאָס איינצי־קע, וואָס האַלט מיך נאָך אונטער אין אַנגעזיכט פונעם אָנקומענדיקן ווינ־טער, איז דאָס דערוואַרטן די מאָביליזאַציע, וועגן וועלכער מ׳שמועסט הי גאַנץ שטאַרק. דאָ אין טשייכאַנאַ — ווו עולם קומט זיך צונויף פאַרברענ־גען, — און יעדע צייט איז דאָ אַ ליידיקע — ווייסט מען פון אַלעם. די מאָביליזאַציע אין דער אַרמיי וואַרטן אַ סך אונדזעריקע. ס׳וועט זיין אַ דער־לייזונג. שטעלט אייך פאָר, ליבע, אַז וואַלגערן זיך טעג און נעכט אָן אינהאַלט, יאָגן זיך בלויז נאָך דעם ביסל פרעסן, איז שטאַרק נמאס. בפרט, אַז דאָס האַרץ פיבערט אין דיר מיט דעם אומבאַגרייפלעכן. עס בענקט זיך, צו אַלדע שוואַרצע יאָר, אַהיים, כאָטש דו ווייסט כמעט אויף זיכער, אַז די היים איז אַ בייזער חלום, און אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם (דאָס טייערסטע, דאָס ליכטיקסטע) איז אויס, אויס.

איך אַרבעט אויף דער בויאונג, און אַרבעטן אַרבעט איך דער עיקר אויף די זעקס הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג. דער לוין איז אַ לאָבזע. פאַר דעם באַקומענעם געלט קען מען כמעט גאָרנישט קויפן. דאָס צו־מסחרן איז דערעסן ביז חלשות. ס׳באַקומט נישט דער ביסן, ס׳באַקומט נישט דער טריט, וואָס מען טוט, כדי אַריינצוכאַפּן אַ קערבל פונעם שטינקנדיקן האַנדל אויף כאַפּ־לאַפּ. כ׳וויס, כ׳באַגיי אַ פאַרברעך קעגן זיך, קעגן אַלעמדינג.

וואָס מאַכסטו מיט געזונט, גיטעלע? איז ירחמיאל אין דער היים? מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז טורקעסטאַן איז אַ מקום, וואָס פאַרשפּעטיקט אין אַלעם. אַ שלעפּעריקע שטאָט מיט טשייכאַנאַס און מיט יידן־פּליטים,

וועלכע ווערן געפּלאָגט פון ווערעמדיקער בענקשאַפט אַהיים, וואָס איז אַ וויסטע זעאונג, אַ זעלבסטפּיין פאַר יעדן, וואָס ווערט געפאַנגען דערפון. ביי אייך, דאַכט זיך מיר כסדר, שטייט נישט די צייט אַזוי ווי הי: מען מאָביליזירט, מען וועקט די מענטשן — עס טוט זיך עפּעס — און מען פאַרגעסט אַזויערנאָך אין דעם אייגענעם בראָך. אויב ירחמיאל איז צוגע־נומען געוואָרן, שיק מיר זיין אַדרעס, שרייב, וואָס דו ווייסט וועגן אים.

...זאָל עס זיין אמת, וואָס מיר חלומט זיך אַלץ, אַז ליכטיקע בריוו יאָגן זיך נאָך מיר, בלאָנדזשען אין וועג און דערגייען נישט צו מיין טיר? מיך פּייניקן אַזוי חלומות! וועגן מיר טראַכט נישט איבער, די כאָלערע וועט מיך נישט נעמען. אַז כ׳בין אַרויס אַ גאַנצער פונעם שאַרפן צפון, פון די גרימעדיקע פרעסט, וועט מיר שוין גאָרנישט געשען! נישט מער — ס׳קומט אויס אַ מאָל אַ קרעכץ צו טון, און מיט דעם, האָף איך, וועל איך אָפּקומען. געדענקסט דאָך דאָס ווערטל: צו צרות איז מען שטאַרק. און דער מענטש איז שטאַרקער פון אייזן.

גרוסן

אפרים.

דעם 7.10 — 1942.

ליבער ירחמיאל און האַרציקע גיטל!

אויף אייער קאַרטל האָב איך געענטפערט גלייך, דעם זעלבן אָוונט. כ׳האָב אייך אויך געשריבן אַ קאַרטל, אין גרויס איילעניש, אין דער פינצטער, נאָכן אומקערן זיך פון דער אַרבעט. צי עס איז דערגאַנגען צו אייך, ווייס איך נישט. די לעצטע וואָך האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט דאָ אַ נאַכט, דאָרט אַ נאַכט. כ׳האָב ווידער נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ און פון דעם אַרומוואָגלען בין איך קראַנק געוואָרן. איצט האָב איך געקריגן אַ שטיקל דירה, און טאַקע עפּעס לייטישס. דערפאַר אָבער זייער וויט פון צענטער שטאָט.

איז ווייסט איר שוין פאַרוואָס איך האָב אַ ביסל אויפגעהאַלטן מיטן בריוו. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, האָב איך זיך געמוזט ספּעציעל צייט נעמען צו ענטפערן אויף די טענות וואָס דו, ירחמיאל, האָסט צו מיר:

למאַי איך ענטפער קיין מאָל נישט געגנוי, באַשרייב נישט אַלץ און אַלע־מען, אַז דו זאָלסט זיך דערוויסן אַלע פּיטשעווקעס, „גלייך וואָלסט אַליין געווען דערביי״. אפשר וועט דאָס מאָל מיין שרייבן נישט זיין קליינשטעטל־דיק, ווי דו מיינסט; איך וועל עס צעלייגן אויף טעלערלעך, נישט קאַרגן אַ וואָרט (און געדולד) פאַר אַן עלטערן ברודער, ווי דו דריקסט זיך אויס.

אַלזאָ: מנחם איז געקומען פון קובישעוו, ווייל עס איז אים אַלס „פּרעמדן״ געווען ענג אין דער דאָזיקער שטאָט. אַהין, אין דער דאָזיקער צייטווייליקער מאָסקווע, האָט זיך אַריבערגעטראָגן די רעגירונג, אייניקע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן און אַ ריי אַנדערע וויכטיקע רעסאָרטן. נישט קיין חידוש דעריבער, וואָס מ׳קוקט שטאַרק אויף נישט־אייגענע אין אַזאַ שטאָט, אין אַזאַ צייט... איבעריקנס, ס׳האָבן זיך דאָרט אויסגעלאָזן די מעגלעכ־קייטן צו פאַרדינען אויף ברויט. מיטן צוועק אַריינצוטרעטן אין דער פּוי־לישער אַרמיי האָט ער זיך געלאָזן אין דער ריכטונג, וווּ עס געפינט זיך דער שטאַב. אין צווישן איז די דאָזיקע מעגלעכקייט אויך צערונען, ווי ס׳צע־רונען דער רוב פון אונדזערע טרוימען. איך וווּנדער זיך נישט, וואָס ער האָט נישט קיין רו געפונען נאָכדעם. די נשמה ווערט פּשוט אויפגעשטורעמט נאָך אַזאַ דורכפאַל. ער איז געווען אין גאַנצן גרייט זיך אַריינצוואַרפן אין דער נייער הויט פון אַ זעלנער. כ׳ווייס, קיין האַניק לעקט מען נישט דאָרט. אויך מנחם האָט מיר דאָס געזאָגט; ר׳האָט פריער אַ סך געטראַכט וועגן דעם, און זיך אַנטשלאָסן צו אַזאַ שריט. איצט האָט עס אים אַוועקגעטראָגן קיין לענינאַבאַד, פון וואַנען ער האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פון וועבע־רישע „לאַדעס״ מיט פּושימל. דאָס בילד פון טאַטע־מאַמעס שטוב האָט פון דער ווייטנס אים אַזוי צעוואַרעמט, אַז ר׳האָט מער נישט געוואָלט איבערקלערן, צי טוט ער גוט, צי נישט. און ער האָט זיך באַזעצט (ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי... צי ער וועט דאָרט אַנוואַרעמען דאָס אָרט, איז אַ פראַגע. דאָך נישטאָ קיין היימישקייט אין ערגעץ) ביים וועבער־גע־לענדער.

און ווידער אַמאָל דאָס אייגענע: זרח איז אַוועקגעקומען. וווּהין? ווער ווייסט... ער איז געפאָרן אין אַ קאָלכאָז 70 קלמ. פון טורקעסטאַן. אָפּגע־אַרבעט עטלעכע וואָכן, און איז נעלם געוואָרן. נאָך לאַנגע פרעגענישן האָב איך זיך דאָס דערוווּסט. ווייטער — קיין שום שפּורן פון אים. מ׳האָט

מיר אפילו געזאָגט, אַז ער איז דורכגעשווומען דעם טייך, וואָס גייט דאָרט אַדורך. ער האָט געוואָלט זיך צוקריגן צום קאַספּישן ים, וואָס נישט ווייט. אפשר... איך בין שטאַרק אומרואיק צוליב דעם אומגליקלעכן יינגל. איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס עס קען אַלץ איינפאַלן אין אַזאַ אָרט. אין סטעפּ הערט זיך פון וועלף, דער געוואָי פון שאַקאַלן און דער געהייל פון דער אייגענער פּיין לאָזן נישט שלאָפן אין די נעכט. שוין אָפּגערעדט פון שלאַנגען און אַנדערע בייזע באַשעפעניש, וואָס מאַכן דיך משוגע פון טראַכטן. פון סענדערן אויך נישט קיין וואָרט! ווילסט וויסן פון מיר, ירחמיאל? איך האָב דאָך דיר שוין געשריבן: אין מיין לעבן איז אַריינגע־טרעטן אַן ענדערונג. כ׳האָב חתונה געהאַט. אפשר האַלטסטו עס פאַר נישט געענוג קלאָר, קען איך דיר מיטטיילן, אַז דעם 6טן יולי 1942 איז אין טורקעסטאַן, אין אָנוועזנקייט פון מנחמען פאָרגעקומען די חתונה צווישן זעלדע וויינבלום און אפרים גליצענשטיין. פאַרשריבן איז דאָס גע־וואָרן אין די ביכער פון היגן „זאַגס״ אונטערן נומער 167. זעלדע איז אַ ווילע, און מען זאָגט אפילו, אַז זי איז אויך אַ שיינע. דעם חתן קאָנט איר דאָך מסתמא. יאָ, עס איז געווען אַ חתונה־צערעמאָניע מיט אַ רב (פרענקל ידידיה הייסט ער), וועלכער איז געווען אונדזער מסדר־קידושין. מיינסט, ליבער ברודער, צוליב פרומקייט האָב איך עס געטון — אסור! טאַטע־מאַמען צוליב, טאַטע־מאַמען, וועלכע זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף שווידערלעכע פּיין פאַר זייער שטאַם, פאַר זייער יידישקייט. זאָלזשע די שיין פון זייער תמימותדיקן גלויבן באַגלייטן דעם איינאונאיינציקן געדענק־טאָג פון מיין לעבן. פון זייערטוועגן, די קדושים אונדזערע, האָב איך אָנגעצונדן דאָס קאָרגע פלעמל פון דער יידישקייט, אָן וועלכן זיי האָבן זיך געהאַלטן, אונדזערע טייערע, פשוטע און ערלעכע טאַטע־מאַמע.

אין תוך איז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אייך, ליבע מיינע, געדאַרפט אַנטפּלעקן. אַ חוץ דעם קיין שום באַזונדערס. פאַרשטייט זיך: איך גיי אויף אַ נייער וועלט; אפשר צו נייעם אינהאַלט, נייע דאגות. דער יקרות ברענט, עס רונצלט אויף מיר די הויט, ווען איך דערמאָן זיך, אַז עס גייט ווידער אַ ווינטער! נאָר גענוג מיט דעם, איך וויל אייך מער נישט אָנוואַרפן מיין טרויער. יעדער האָט זיך זיין אייגן פּעקל.

יוסף אקרוטני

...טשיקאָווע, ווי אַזוי מ׳האָט דיך אָפּגעשיקט אַ היים, ירחמיאל. ביי אַ געלעגנהייט שרייב וועגן דעם גענוי.

זייט האַרציק געגרוסט און געקושט
אייער אפרים

הערצלעך גריסט אייך אייער אומבאַקאַנטע שוועגערין זעלדע.

דעם 13.11 — 1942.

...און דו שרייבסט, ירחמיאל, אַז דו קוקסט זיך אויס די אויגן אויף אַ בריוול פון אונדז. אויב אַזוי, ווייס איך שוין נישט וואָס צו טראַכטן דערוועגן. זאָל עס די פּאָסט זיין שולדיק, צי מיין שלימזל לויפט מיר פאָראויס אויך אין דעם. איך שרייב גענוג אָפט, פון אייך באַקום איך זעלטן אַן ענטפער. די חקירה, צי דאָס געשעט איבער מיין קליגלען זיך, ווי דו אורטיילסט, איבער מיין שוואַכקייט אָדער צעקראָכנקייט. די חקירה איז דאָ איבעריק. און פון מנחמען האָב איך געקריגן בריוו און תיכף אָפּגעענטפערט — טייל מאָל צוויי פּאַכיק געשריבן צו אים, — און אויך צו אים איז מיין שרייבן נישט דערגאַנגען! צו וואָס די חקירות? ס׳איז מיר באַשערט צו האָבן נאָך אַ ביסל פּיין צוליב... בריוו. מסתמא איז עס צוליב דער קריגס־צענזור. ניין, איך קליגל זיך נישט, און נישט מיין אומגעלומ־פּערטקייט האָט אַ שייכות צו דעם. אַז ס׳גייט מיר נישט, גייען אויך נישט מיינע בריוו.

דאָס, וואָס דו רעדסט מיך צו, ליבער ברודער, איך זאָל פאָרן צו מנחמען, איז עס שוין אַ באַשלאָסענע זאַך. עס פעלט מיר נאָך דאָס נוי־טיקע געלט. אָבער כ׳האָף, כ׳וועל זיך אַרויסדראַפּען פון דעם אויכעט. ירחמיאל, דו ווייסט דאָך, איך האָב זיך אַ שפּאָר ביסל געענדערט וועדליק דעם, ווי איך בין געווען אין דער היים. טיילווייז האָסטו דאָס געקענט זען, ווען איך בין געווען אין אוש־טאָבע. אויך מנחם האָט זיך אין דעם איבערגעצייגט, ווען ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין טורקעסטאַן. איך גיב זיך אַן עצה מיט דער פּרעס, מיט אַ מלבוש, כ׳גיי נישט אונטער צוליב אומבאַהאָלפנקייט, וועלכע האָט זיך מיר נאָכגעשלעפּט אַמאָל. פון דעסטוועגן

מוז איך טייל מאָל אַרויסשרייען: אומדערטרעגלעך! ירחמיאל, אין די ביי־טערסטע מאָמענטן האָב איך זיך נישט צוזאַמענגעבראָכן, כ׳בין אויך היינט נישט דערשלאָגן. כ׳גלייב שטאַרק, אַז דער צושטאַנד וועט נישט אייביק דויערן. נאָר אויסדויער. און איך האָף, כ׳וועל דורכהאַלטן.

זאָגסט, אַז פאַר זרחן, דעם צעוויירענעם יינגל וואָלטן געווען גוטע אויסזיכטן אין לעבינאַבאַד; האָסט מיר אַנומלט שוין געשריבן דערוועגן. ס׳טרעפט, אַז ס׳גליק קומט צו דיר, ווען דו ביסט שוין אַוועק פון שטוב. ווער זאָל דעמאָלט עפענען די טיר? אַזוי זוכט אונדז דאָס בייזע מזל. אַלע מיינע באַמיאונגען אויפצוזוכן אים, דעם עקשן, זענען אומזיסט. פאַר־פאַלן געוואָרן. כ׳בין צעטרייסלט פון דעם. דו ווייסט דאָך, ער איז שטענ־דיק געווען אַ שוואַכע בריאה, אויסגעדאַרט ווי אַ צוים־שטעקל. ביי אַלע צרות וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, איז ער געבליבן דאָס זעלבע מאַמע־קינד, וואָס געווען. טראַכטנדיק וועגן אים, טרייסט איך זיך נאָך מיטן געדאַנק, אַז דעם נאַרישן יינגל קען נאָך האָבן איינגעפאַלן צו ברוגזן זיך מיט אונדז. פאַרוואָס? דאָס איז נישט קיין קשיא. אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך. מ׳האָט אויף אים אַ קרומען קוק געטון... טאָקע מנחם איז געקומען צו דער הנחה, ווייל אַנדערש איז נישט מעגלעך זיך פאַרצושטעלן זיין עקשנותדיק שווייגן, סיידן... אָבער דאָס וויל איך נישט וויסן, כ׳וויל נישט טראַכטן! ער וועט זיך סוף־כל־סוף איבערבעטן, דאָס נאַרישע יינגל!

ירחמיאל, איך אַרבעט שוין ווידער נישט. די אַרבעט אין דרויסן האָט זיך געענדיקט. ס׳שטייט אָן דער פוילער, סטעפּישער טורקעסטאַנער ווינ־טער. אויף דער גאַס איז שוין נישט מעגלעך עפּעס צו טון. רק עס בלאָזט אָן עסיקער ווינט, רק ס׳רעגנט, און אַז עס פאַלט אַרויס אַ ביסל שניי, ווערט דערפון אַ גרויסע קלעפּיקע בלאָטע. ווי אַזוי מען רייסט זיך אַרויס פון דאַנען, הויב איך נישט אָן צו וויסן. דערצו בין איך געוואָרן אַ זעלבסט־שטענדיקער באַלעבאָס, האָב אַן אייגענעם צימער, אַ שטיקעלע איינריכטונג און דאָס קניפּט צו צו זיך. אַלס צולאָג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אומגע־ריכטע כוואַליע פרעסט, טאָקע קרירות פּריצייטיקע, און אַז די שפּייז־טאָרבעלעך זענען ליידיק, איז באמת ביטער ווי די גאַל.

ווי זשע ראַטעוועט מען זיך? דאַכט זיך, איך האָב דאָס מאָל געשריבן אַליץ, אָן שום צווײַדייטיקייטן. פרעגסט וועגן דער שטימונג צווישן די

פליטים דאָ? מען שרעקט זיך פאַרן גייענדיקן ווינטער, און נישט אָן גרונט. די גערעדערייען, אַז מ׳וועט פון דאַנען אַרויספירן די פּאַליאַקן, ס׳הייסט אונדז, אַלע, אַלע — צו דעם האָט נאָך נישט גענומען קיין סוף.
אפרים.

זעלדע גרוסט אייך אומבאַקאַנט.

לעגינאַבאַד, 27.11 — 1942.

טייערער ברודער און שוועגערין!

...דער עיקר וואָס אייך אינטערעסירט, ווי איך לעב דאָ? נישקשה. קיין גרויסע פאַרלאַנגען האָבן מיר נישט: דעם קאָפּ ווו אַוועקצולייגן און האַלבוועגן אָפּצועסן. דאָס איז פאַראַן. איך וואָלט מיר נאָר געווונטשן, מיר זאָלן אַלע זיין צוזאַמען דאָ, ביי נישט ערגערע באַדינגונגען. מיט דעם אַליין וואָלט מיר געווען אַ סך בעסער. ווען מיר האָבן געלעבט מיט טאַטע־מאַמען, האָבן מיר נישט ריכטיק פאַרשטאַנען, וואָס עס הייסט בענקשאַפט נאָך נאָענטע. אַז אפרים האָט מיר געגעבן צו לייענען די פּאָסטקאַרטלעך, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אין תחילת אים געשריבן פון געטאָ, האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט. צי ס׳איז געווען פון טיפער גערירטקייט, צי פון אַן אַנדער שפּירונג, איז נישט קיין חילוק. ביי דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט, האָט מען זיך נאָך נישט אויסגעלערנט לעבן אַנדערש. אפרים, זעט איר, האָט אַלץ נאָך שווערע פּיס. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער געפּרוווטקייט פון נויט און לייד, קען ער זיך נאָך נישט רירן פון אָרט. זיך אַוועקגעזעצט אַ יינגער יונג אין סטעפּ און קרעכצט. איי, מאַך אַן אָנשטרענגונג, ריזיקיר! דאָס — נישט. אַ האַנטוועבער האָט דאָ אַ היפּשן ווערט; אַזוינע קוקט מען אויס הי אין שטאָט, אויך אין אומגעגנט גייט אַ גאַנצע אינדוסטריע. מ׳זוכט מיט שטורקאַצן אַ וועבער. און דווקא דעם אַזאַרקאָווער טיפּ. און ער, דער, נאָך וועלכן מ׳לעכצט דאָ, שטיקט זיך ערגעץ אין טורקעסטאַנער שלעפּעריקן מדבר. די טעג האָט אפרים מיר געשריבן, אַז ווידער איז זיין לאַגע אַן אויסגאַנגלאָזע. ער וועט זיך נישט רירן. ער קען זיך נישט רירן אָן אַן אַרויספאָדערונג, ווי עס פירט זיך. באַטש שיק אים אַן „אַפידייוויט" פּאָ אַמעריקאַנסקו מיט אַ פּאַרטיקע וויזע,

מיט אַ שיפסקאַרטע. ווײ, ווײ, די הײמישע צעקראָכנקײט, ווי זי וואָרצלט אין אונדז, משפּחה פון אַרבעטער, וואָס ווײסן נישט מער, ווי ציען דעם סצעפּטער פון דער לאָדע און זינגען דאָס אײביקע ליד: „נעם די טאָרבע, גײ אין די הײזער, נעם די טאָרבע, גײ אין די הײזער“... אומגליקלעכע, וואָס מיר זענען פון געבוירן אָן!

ווי לעבט איר? פאַרגעסט נישט צו גריסן פון מיר טאַטע־מאַמען, אויב ס'איז נאָך מעגלעך זײ צו שרײבן דורך שמוגלער, דורך פּאַרטיזאַנער, אַלצאײנס. דערפרײט מיך מיט אַ גרויסן גוטן בריוו.

מײנע האַרצלעכע גרוסן אײך
מנחם.

לעניַנאַבאַד, 3.12 — 1942.

מײנע ליבסטע!

זינט מײן קורצן זײן אין לעניַנאַבאַד, האָב איך אײך געגוג אָפּט געשריבן, אָבער קײן אײן וואָרט ענטפער נישט דערהאַלטן. איך וויל איצט נאָר איבערחזרן דאָס, וועגן וועלכן איך האָב שוין עטלעכע מאָל געשריבן: מיר זענען דאָ צוזאַמען, ד'ערווײל איך מיט מנחמען און זעלדען. אויף ווי לאַנג? ווער ווײסט! צוליב דער רײזע האָב איך זיך שטאַרק צעבראָכן, דאָס לעצטע פון זיך אַראָפּפאַרקויפט. געבליבן נאַקעט און באָרוועס. כ'האָב זיך אַוועקגעשטעלט אַרבעטן, שלײדער אַ „שיצן“. אמת, איך פאַרדין בײ צוואַנציק רובל אַ טאָג, אָבער נאָך דרײ וואָכן אַרבעט, האָב איך נאָך קײן אײן גראָשן לוין נישט באַקומען. און עסן מוז מען יעדן טאָג. מנחמס מאַטעריעלע לאַגע איז אויך נישט קײן הימלעכע. ער גײט אַרום אין אַ הולך — בײ אַלע גליקן. אַז מ'קויפט נישט קײן נײע זאַכן, פאַלן די אַלטע אַראָפּ, שטיקערווײז. ירחמיאל, אויב דו דערמאָנסט זיך, האָב איך, זײענדיק בײ דיר, פאַרגעסן אַ פּאָר הויזן. אויב עס איז דיר נישט שווער, פאַרקויף זײ און שיק מיר די פּאָר רובל. זײ וועלן מיר זיכער צוניץ קומען. איך גלויב, עס איז נישט נויטיק מער קײן טינט קאַליע צו מאַכן אויף דעם. דו פאַרשטײסט שוין אַלץ. דער עיקר: לאָמיר הערן מער גוטס אײנס פון ס'אַנדערע.

שרײבט וועגן זיך. אונדזערע קושן אײך
אפרים.

יוסף אקרוטני

דעם 17.3 — 1943.

...שווער צו וויסן פון דער ווייטנס, וואָס עס האָט פּאַסירט און פאַר־וואָס איר קאַרגט אַ פּאָר שורות. מיר זענען מיט מנחמען. ס׳איז נאָך גענוג צרהדיק. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי וועבעריי אין אַן אָרטעל. אפשר וועט מען קענען שלעפּן די בידע. דערוויל איז עס נישט דאָס, וואָס מ׳וויל. לעניגאַבאַד איז אַ שטאָט פאַר דער וועלט. מ׳קריגט דאָ אַלץ, אָבער געלט קריגט מען נישט. איינס איז נאָך גוט — די האָפענונג האָט מען נאָך נישט אין גאַנצן פאַרלוירן. נישקשה.

וואָס מאַכט איר? גיטעלע, ביסטו געזונט? און ירחמיאל, וואָס טוסטו? וועגן אונדז זאָרגט נישט. מ׳שטייען טאַקע נאָך פאַר אַ ביסל שווערקייטן, אָבער צו דעם זענען מיר שוין צוגעוווינט. און געוויס וועלן מיר זיי ביי־קומען, ווי מיר זענען בייגעקומען די ביזאַהעריקע פּלאָגן.

האַלט זיך שטאַרק

אייערע אפרים, זעלדע, מנחם.

דעם 25.3 — 1943.

...איצט מעג מען שוין אויסדערציילן: מיר האָבן אפילו אונטערגעהונ־גערט אויכעט. נישט גענוג, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט ביזן לעצטן צוליבן אָוועקפאָרן, האָט מען אונדז אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט צושרייבן. ביי פּאַניען מוז מען תמיד זיין אין אויג פון זשאַנדאַר. נישט געוואָלט אונדז „איינמעלדן". דאָס איז אַ סיבה, וואָס מיר זענען געוועזן אָן ברויט־קאַרטן אַ זמן־רב. און וואָס דאָס באַטייט הייַנט, איז נישט שווער זיך אויסצומאָלן. מחמת די דאָזיקע שוועריקייטן האָט מען ממילא נישט געקענט באַקומען קיין אַרבעט־שטעלע, כאָטש האַנט־וועבער זענען דאָ שטאַרק געזוכט.

אָפּנהאַרציק געזאָגט, איז מנחמען אַליין אויך נישט געווען צו פריי־לעך. איצט מאַטערט מען זיך במזומן.

איז דאַרף איך נאָך אַמאָל בעטן וועגן די פּאָר הויזן? פאַרקויף זיי און שיק אַהער די פּאָר קלינגערס. איך בין שפּילטער באַרוועס און דער פרילינג גייט דאָ מיט רעגנס, מיט בלאָטע, מיט קלעפּיקער פייכקייט.

ס׳רונצלט מיר אַזש די הויט, ווען כ׳דערמאָן זיך אין דעם מצב, אין וועלכן כ׳בין אַריינגעפאַלן פאַר טויזנטער קילאָמעטער ווייט פון דעם, וואָס איז געבליבן ביים אייביקן שימער פון גליק, כאָטש עס איז פאַרקנוילט אין ביטערן רויך און וויטיק — היים!

איך גרוס
אפרים.

דעם 1.4 — 1943.

ליבע!

איר זענט גערעכט מיט אייערע טענות, מסכים, נאָר באַשולדיקט מיך ווינציקער. די טאָג־טעגלעכע דאגות לאָזן מיר נישט איבער קיין צייט. אויב כ׳שרייבט אייך, טו איך עס אויפן חשבון פון דער שעה, וואָס איך רו. מ׳יאָגט מיך חלילה נישט, עס טרייבט זיך אַליין. סוף־כל־סוף איז די צייט אין גאַנצן אומנאָרמאַל און די באַדינגונגען זענען גאָר ווילדע. אויף אַ טייל פראַגן באַקומט איר ענטפערס פון אפרימען. וועגן זרחן און סענ־דערן ווייס איך איצטער ווייניקער ווי מיט אַ יאָר צוריק. סענדערן האָב איך שוין נישט געזען דאָס 4טע יאָר. איך צווייפל בכלל, צי ער געפינט זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע. ווער ווייסט... ער איז אַזאַ שאַרפער, אַ היצ־קאָפּ! ר׳האָט קיין מאָל געהעריק נישט באַרעכנט, וואָס ער גייט טון. דאָ, אין דער מדינה, דערלויבט ער זיך צו זאָגן אַלץ, וואָס ער טראַכט. משוגע! ער היט זיך נישט מיט אַ וואָרט... און ס׳איז מלחמה. מיר זענען דאָך נישט קיין היימישע דאָ.

איך אַרבעט און לעב. מיר זענען אַלע באַנאַנד. דער זומער האָט אונדז באַפרייט פון אַ סך שווערקייטן, וועלכע האָבן זיך צוגעטשעפּעט דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער. איך בין אַ קוסטאַר אַ וועבער. אויף אונדזער אַמאָליקן לשון הייסט עס אַ לוינקעטניק. וועסט קומען, וועסטו מיך באַ־וווּנדערן אַלס וועבער. קום, ירחמיאל, שוין צייט זיך דורכצושמועסן און טאַקע פרייען זיך פנים אל פנים.

כ׳גרוס
מנחם.

יוסף אַקרוטני

7.4 — 1943.

מיינע ליבע!

דער לעצטער בריוו ירחמאלס האָט ביי אונדז איבערגעלאָזן אַ שווערן רושם. אייער געמיט האָט אויך אונדז אָנגעשטעקט. פאַרפאַלן, אַ פינצ־טערע נאַכט קען נישט לייכטן העל, קען נישט וואַרעמען. אַ וווּנדער, וואָס איר האָט זיך נאָך נישט צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז מ׳וועט מוזן נאָך אַ ביסל אונטערליידן. מיטן היינט האָבן זיך די צרות קיין מאָל נישט געענדיקט. מיר האָבן זיך צונויפגעלעבט מיט דעם. קיין שום פיינלעכע איבערלעבונג איז שוין קיין סורפּריז.

...איך האָב זיך אויפגעשטעלט אַ וועב־שטול. לויט מען פאַרזיכערט מיר, דאַרף עס זיין אַ מקור פון פרנסה. דערווייל מוז מען זיך נאָך אָנ־שטרענגען. איך מיין, אַז איר וועט נאָך אַ קוק טון אויף לעבנאַבאַד, אַ שטאָט אָן אמת מזרחדיקע, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז איר וועט וועלן דאָ וווינען. וואָס מאַכט גיטעלע מיט געזונט? זי ליידט אפנים שטאַרק נאָך דער קרענק. אַלע בייזע ביטערע אומגליקן שטייען צו צו אונדז אין אַזיע. פאַראַ־טיפוס, ברוצעליאָז, מאַלאַריע, אַלערליי שלעק! ווי רייך עס איז געוואָרן אונדזער שפּראַך. אויך זעלדע האָט דורכגעמאַכט אַ טיפוס. ווי ווייטער ווייסט מען נישט. קיין שפּורן האָט עס אויף איר נישט איבער־געלאָזן. פון דעם אומגליקלעכן יינגל, הערט מען אַלץ גאָרנישט! איך האָב אייך, דאַכט זיך, שוין אַרויסגעזאָגט מיין השערה, צי ער זאָל נישט האָבן מיטגעפאָרן מיט די קינדער־עשעלאָנען קיין איראַן. און פון דאָרט הערן זיך טרויעריקע גרוסן. אַזעלכע עשעלאָנען זענען געוועזן מיט אַ צייט צוריק און דווקא האָט מען נישט געקוקט, צי דאָס קליינוואַרג איז אַ יידישס, צי אַ נישט־יידישס. אַבי עס איז פון פּוילן. געווען אַזאַ אויס־כאַפּעניש פון די פּאָליאַקן, וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן פון אַנדערסעס כנופיאָ. עמעץ האָט דערציילט, אַז מ׳האָט דעמאָלט געזען זרחלען צוגיין צום ברעג טייך. פון דאָרט האָט ער זיך געקענט צושיפן צום קאַספּי. מעגלעך, ער האָט זיך אַריבערגעשיפט, כאָטש זיכער איז עס נישט. די

דאָזיקע וואָרשיינלעכקייט לאָזט איבער אין מיר אַ פונק האָפענונג אויף דעם לעבן, וואָס איך הענג אָן ב׳גוואַלד אין דער דאָזיקער השערה.

די בעסטע גרוסן

אייער אפרים.

זעלדע וועט אייך באַזונדער שרייבן.

דזשיזאַק, 12טן יוני — 1943.

טייערע!

כ׳ווייס, פון דער ווייטנס קלערט מע שטאַרק איבער. אין מיר פיבערט דאָס בלוט, ווען כ׳הער נישט פון אייך, צי פון אפרימען, שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואָס די יאַטן סענדער און זרח רייבן מיר דעם שלאָף, כאָטש מיין געוויסן איז ריין בנוגע זיי. מיט וואָס איך קען, העלף איך, האָב איך געהאָלפן אויך זיי, אונדזערע ברידערלעך! געוויס, עס איז פאַראַן אַ העכערער פרייז פון הילף. דאָס גיט זיך נישט איבער מיט ממשותדיקע מאָסן. דערפאַר זענט איר מיר אַזוי טייער געוואָרן, מיינע האַרציקע, מיינע ליכטיקע און איינציקע; דערפאַר באַגנוגן איך זיך נישט מיטן געזאָגטן וואָרט, דערפאַר בלייב איך אָפט שטום אין אָנבליק פון דעם ניי דערקענטן אמת. נעמט אין אַכט, אַז נישט איך בין שולדיק אין דעם שווייגן מיינעם, שולדיק זענען די אומשטענדן, וואָס האָבן זיך גע־שאַפן אַרום מיר. נישט קיין שלעכטע כוונה, ווי דו, ברודער מיינער, באַמיסט זיך מיר פאָרצוואַרפן. עס טרייבט מיך דער בייזער גורל. מיר איז נישט געגעבן געוואָרן די רו, איך זאָל קענען איינזיצן אויף אַן אָרט, כאָטש איין גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב דווקא ליב צו זיצן אין דער היים. כ׳האָב געגערן די היימישע נעסט, וואָס וואַרעמט, ווי אַ מאַמע, ווי אַ גוטע שוועסטער. די פרעמד בריט מיך, מיינע ליבע, רייצט, און איך ראַנגל זיך אָפט מיט זיך, כדי די דאָזיקע אייגנשאַפט מיינע, דעם ברענענדיקן אומרו גובר צו זיין. ניין, קיין שום כוונה קעגן אייך. עס יאָגט מיך נאָר, און כ׳האָב איינפאַך נישט קיין צייט צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. דו מוזט וויסן, ירחמיאל, אַז די

זאָרג פאַר אונדז זאַלבעדריט ליגט אויף מיר, און דאָס איז נישט גרינג. דערפאַר האָט עס מיך געטראָגן אַהער אין דעם סטעפּישן דזשיזאַק. פון די טאַדזשיקן בין איך געוואָרפן געוואָרן צו אוזבעקן! איך זע זיך אָן אַ וועלט! כ'מוז זוכן אַן אָרט פון פּרנסה, אין ערגעץ איז נישט לייכט. מיין נישט, אַז כ'בין קאַליע געוואָרן, כ'בין צעלאָזן, מיינע פאַרלאַנגען פונעם לעבן זענען אויסגעוואַקסן מיט אַמאָל. חלילה! כ'לאָז זיך באַגנוגענען מיט קלייניקייטן, אַבי זאָט צו זיין, דורכצושטופּן דעם טאָג. פון אַלע גאָלדענע בערג, וועלכע איך האָב פאַראויסגעזען אין לענינאַבאַד, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ווייזט אויס, אַז די טאַדזשיקן, אויף וועלכע מיר קוקן ווי אויף האַלב־ווילדע, זענען קליגער פון אונדז. זיי זאָגן צו דאָס טעלערל פון הימל, אַבי דו זאָלסט נאָר אַריין צו זיי אין חדר, ערשט דערנאָך זעסטו: ביסט גענאַרט. כ'וועל נישט זאָגן, זיי זענען ליגנער, די מזרחדיקע לייט. מיר, ווייזט אויס, גענאַרן זיך נאָר אין די האָפענונגען, קוקנדיק אויף זייער פּשוטקייט. אמת, כיטרע זענען זיי נישט ווינציקער פון אונדז.

אין דיין לעצטן בריוו באַקלאָגסטו זיך, ירחמיאל, אַז עס פאַרפאָלגט דיך דאָס געשפּענסט פון פּוילן. דו האָסט פיינט דאָס פּוילן, וואָס דו קאָנסט. ווייל זינט דו געדענקסט זיך, האָבן זיי, די מיטבירגער דיינע, דיך גערודפט, דערנידעריקט, דיינע גוטע שכנים. זיי זאָגן דיר „פּראָשען פּאַנאַ" און לאָזן דיך נישט געניסן פון דער ליכטיקער שיין. מ'וויל דיך מאָביליזירן אויף פּוילישן פּאַטריאָטיזם, און דו האָלסט עס פאַר אַן אומגליק. איך, זעסטו, וואָלט געוועזן גליקלעך, אויב מ'זאָל מיך נעמען אפילו אין דער פּוילישער אַרמיי, אין אַ יעדער אַרמיי, אַבי צו גיין ממיתן יעקע־נאַר. פּאָליאַקן — דאָס איז אַ ברייטערער באַגריף. דאָס זענען שליאַכעצקע אייגנשאַפטן, פּוסטע גאווה און ענגהאַרציקייט; פאַרגעס אָבער נישט, אַז פּאָליאַקן זענען אויך פויערים, אָרנטלעכע, האַרציקע פויערים, וואָס זיצן אויפן לאַנד און האָבן מורא פאַר בייזס, צו וואָס מ'האָט זיי צוגעוווינט זינט יאָרהונדערטער; אין דער שטיל האָט דער פויער פיינט דעם פּאַן פאַר זיין פאַרריסנקייט, פאַר דעם פויערס נויט; דאָס זענען אויך אַרבעטער, קלוגע, ווייטיקלעך געפּלאָגטע אויף די פייערן פון צאָרן און אומגליק. אמת, טייערער, פּאָליאַקן מיינט אויך דעם ערב־רב, דאָס פּעוול, וואָס איז שטענדיק גרייט צו הרגענען, וויסט נאָר דעם בראָנפן און „הוראַ נאַ זשידאַ"!

אָבער, צו וואָס דער פּלפּול? ס׳איז נישט די צייט פאַר דעם, און נישט איך וויל דיך איבערצייגן. איך קען נאָר רעדן ממשותדיקס, וואָס דיך אַרט. איז וויסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן? מיר האָבן שוין מיט אפרימען פאַרטראַכט אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן אַלע זיך צונויפנעמען און בשותפות בויען אַ היים אויף דער באַזע פון וועבעריי, וועגן וועלכער דו שרייבסט, אַז זי דערמאָנט אונדזער ליבע שטוב, די פאַרלאָזענע, די אַלטע אייביק יונגע היים. אגב האָט דער רעפלעקס מיר דעם האַלדז פאַרשפּאַרט און טרערן אַרויסגעצוואונגען פון די אויגן. יאָ, טייערער, איך האָב שוין מער ווי איין מאָל געוויינט, אַדורכלייענענדיק אַ קאַרטל פון טאַטע־מאַמען אין געטאָ, וואָס אפרים האָט מיר געוויזן. און ווידער נעמט מיך פּייניקן: סענדער, זרחל... וואָס וועט דאָך זיין דער סוף? וועט ענדלעך געלונגען צוזאַמענצושפּאַנען אונדזער לעבן, זאָל זיין דערווייל, אין לאַנד פון די אוזבעקן! דערווייל פּיבער איך פון דעם געדאַנק און איך זוך נאָך די רעאַלע מעגלעכקייט דערפאַר. אפשר וועט דאָך געראָטן.

זייט געזונט און שטאַרק

אייער מנחם

סאַמאַרקאַנד, 8.8 — 1943.

ליבע ירחמיאל און גיטעלע!

פון דזשיזאַק האָב איך אייך שוין געשריבן עטלעכע מאָל, און אין אַ שלעכט געמיט. איצטער שרייב איך פון סאַמאַרקאַנד, אַ שטאָט אַ ליכטיקע, אַ רוישיקע און בונטע. איך בין שוין דאָ ביי דריי וואָכן, כ׳אַרבעט ווידער ביים וועב־שטול. מיין פּרנסה, ווי מען רופט דאָס, פאַרדין איך מיר. דאָס איז אַ סך. אפרים מיט זעלדען זענען געבליבן אין לענינאַבאַד. אַהינצו האָב איך שוין געטראַכט אייך ביידן אַריבערצוברענגען. ס׳ווילט זיך אַזוי, מיר זאָלן אַלע זיין צוזאַמען. איז עס אָבער נישט באַשערט געוועזן! כ׳קען צום אומגליק קיין ווינקל נישט דערוואַרעמען. ווי אין קדחת וואַרפט עס מיך פון אָרט צו אָרט. סיבות? אסור כ׳ווייס, עס טראָגט! אמת, האָפענונגען צו פאַרדינען אויף ברויט זענען אויך דאָרט געווען, אָבער האָפענונגען צו קענען לעבן, איינלעבן זיך מיטן מקום געפין איך

אין ערגעץ נישט. דאָ בין איך אויך זיכער, אַז מיינע פּאַכמענישע קענטע־נישן וועלן מיר רעכט דינען. און כ׳גלויב, אַז די דאָזיקע קוואַליפיקאַ־ציעס וועלן אויך אייך דינען פאַר אַ מקור פון פּרנסה, אויב איר וועט האָבן חשק אַהערצוקומען. ס׳דאַכט זיך עפּעס, דאָ איז לייכטער דאָס לעבן. פאַרטראַכט זיך, מיינע ליבע, אפשר וואָלט דאָך מעגלעך געווען אויפצוהערן זיין נע־ונד. נעבן אייך און אפרימען מיטן ווייבל וועל איך מסתמא קענען זיך אָנטוליען אַן אָרט. אפרימען האָב איך שוין געשריבן, זיי זאָלן אַהערקומען. ראַטשטייק, דער זייגערמאַכער פונעם שמאָלן געסל (יאָ, דאָס שמאָלע געסל!...) ווינט אויך דאָ. געראַטעוועט זיך.

זייט געזונט און שטאַרק

מנחם

12.8 — 1943.

טייערע מיינע!

איך וויל אייך אַ סך נישט שרייבן. פאַראַן גוטע אויסזיכטן אויף אַן אָרנטלעכן ביסן ברויט. איך אַרבעט דאָ מיט אַ מאָדנעם לוסט, אָבער דינגען זיך אַ צימער האָב איך נישט קיין חשק. איינער אַליין, שרעקט מיך דאָס. אין דער איינזאַמקייט וועקן זיך אַלע ווייטיקן. אוודאי, דאָס וואָס האָט געהייסן היים, ווייב, קינד, הוילן אויס אין דער ברוסט אַזאַ פוסטקייט, וואָס קען זיך בשום אופן נישט אויספולן מיט כלערליי גוטסן. מוז זיין, דאָס מאַטערט מיך. כ׳וועל דערפאַר נישט נעמען אַ וווינונג אַזוי לאַנג, ביז איר וועט קומען. איך וואַלגער זיך צווישן פרעמדע, צאָל אין טאָג אַריין פאַר יעדן קער און ווענד. ביז איך האָב געפונען באַקאַנטע (מעג איך אייך היינט שוין אויסזאָגן) האָב איך גענעכטיקט אויף אַ שוועל ערגעץ, אויף אַ באַנק אין סקווער און אין דערפרי געגאַנגען צו דער אַרבעט. אין דער אמתן, האָב איך נישט שטאַרק געליטן דערפון. אַלץ גייט אַדורך, צוגעוווינט זיך צו אַלעמדינג — צום הייסן און צום קאַלטן! וועט איר קומען, וועט מיך נישט אַזוי פאַרפאָלגן דאָס בילד פון יוכבדן מיטן קינד. זיי חלומען זיך מיר כסדר, פייניקן זיך, וויינען און קלאָגן, מ׳זאָל

זיך דערבאַרעמען, שענקען זיי דאָס לעבן, דאָס לעבן פון בעטלער און וואָגלער.

קומט, ליכטיקע, איר וועט מיך ראַטעווען און מיר וועלן האָבן אַ ברעקל היים, נישט וואַלגערן זיך דאָ ביי דעם, דאָ ביי יענעם. ווייל איז דעם, וואָס ליגט קראַנק אונטער אַן אייגענעם באַלקן.

איך קוש אייך

מנחם

15.9 — 1943.

מיינע ליבע!

אַ פּאַרגעפּיל האָט מיר היינט אונטערגעזאָגט, אַז איך דאַרף אַ קוק טון אין פּאָסט־אַמט: ס׳וועט עפּעס האָבן פּאַרבלאָנדזשעט צו מיר. און ס׳האַרץ האָט מיך דאָס מאָל נישט גענאַרט. באַקומען אייערס אַ בריוו. דאָס איז געווען אַן אמתע דערפרייאונג. איר קענט זיך פּאָרשטעלן, אַז אַ חוץ עסן און טרינקען האָט אַ מענטש (אפילו אַ מענטש, וואָס איז אויף צרות) נאָך אַנדערע באַדערפענישן, וועלכע מע רופט צערטלעכקייט פון נאָענטע, אַ דראַנג נאָך ליבשאַפט — יאָ, אַ בויט אַזעלכע, וועלכע מ׳לעבט שטאַרק איבער. ווו, איר זאָלט מיר געזונט זיין, זאָל איך דאָס זוכן? זאָט בין איך, כ׳פּאַרדין גאַנץ כשר מיין אויסקומעניש; איך וועב לייוונט אויף אַ האַנטווערקשטעל, כ׳בין נישט נאַקעט און באָרוועס, כאָטש אויף יעדן אָרט ווו מ׳קומט, מוז מען זיך אויפסנייי אויפבויען אַ ווינקל, ווי נאָך אַ שרפה. אַ קללה ליגט אין דעם וואַנדערן, און אַ נעסט, אַ נאַרע, ווי אַ פויגל האָט עס אויף אַ צווייג, ווי אַ חיה האָט עס אין וואַלד, מוז מען האָבן. כ׳מיין פּראָסט־פּשוט אַ שטיקל געלעגער, און דאָס איז זייער קאָסטבאַר. גראַצאַמעס געלט מוז מען האָבן אויף דעם, און אָן אַ שיעור כוח און געדולד. איך האָב שוין דאָ אַ שטיבל, אָבער נישט קיין היים; איך האָב אַרבעט, פּאַר וועלכע מ׳לויבט מיך שטאַרק, אָבער איך בין מוראדיק אומ־צופרידן. אויב איר וואָלט דאָ געווען, וואָלט איך זיך מסתמא בעסער געפילט. כ׳בין אַ קאָלעק איינער אַליין. אַ קאָלעק? כ׳בין שוין משוגע אויכעט. כ׳רעד שוין נישט צו דער זאַך; איך כאַפּ איינס אין אַנדערן, פּאַר־

געס גיך, וואָס כ׳וויל זאָגן. כדי נישט צו פאַרגעסן וואָס איך וויל מיט־טיילן, מוז איך כאַפּן איינס פאַרן אַנדערן.

כ׳האָב דאָ באַגעגנט כאַוטשען, דעם פעטער דודס. זי האָט פאַר מיר געוויינט, אַז יאַנקל, דעם פעטער דודס „קוועטשט" אין בוכאַראַ. ער האָט געהאַנדלט, געדרייט אַ קאָרבע און זיך אַריינגעטון. זיי וווינען דאָרט צוזאַ־מען, דאָס מיידל מיטן ייִנגל. זי האָט מיר אפילו געזאָגט, אַז ס׳זענען פאַראַן האָפענונגען, מ׳זאָל אים באַפרייען. צי דאָס איז געשען, ווייס איך נישט. אַ שאָד פון דעסטוועגן דער בחור. כאָטש פון דער אַנדערער זייט, קוועל איך אָן דערפון. מעג עס זיין אָן אייגענער, יאַנקל איז אַ גוטער שלאָסער, און ברויט קען ער פאַרדינען אויפן גלייכן וועג, שטייט עס אים נישט אָן. ס׳אַ מגפה געוואָרן, דאָס ספּעקולירן, צו אַלדע רוחות, ווילן רייך ווערן אין אַזאַ צייט! אַ רעטעניש, כ׳לעבן, ווי אַזוי מענטשן ווערן גיך קאַליע. און פאַרוואָס ער איז מיר אַ שאָד, דער יאַנקעלע, וווּנדער איך זיך אַליין אויף זיך; אפשר דערפאַר, וואָס אַנומלט ווען כ׳האָב אים באַגעגנט, איז ער געווען אין די פעדערן, האָט גוט אויסגעזען. דאָס איז געווען אין פערגאַנאַ; דערנאָך איז ער געפאָרן קיין אַשכאַבאַד, דערציילט כאַוטשע. רייזנדע געוואָרן, די לייט, וועמענס טאַטעס און זיידעס זענען כמעט קיין מאָל נישט אַפּער פון הינטערן אויוון. סיידן זיי זענען אויף אַ יאַריד אַרויסגעפאָרן. הפקר! גאָרנישט שרעקט זיי, גאָרנישט האַלט זיי אָפּ. וואָס מיר געוויסנביסן. שטעלט זיך פאַר די מיינונג, וואָס די וועלט קען האָבן וועגן אונדז. אָבער דאָס רוב פּליטים איז נישט דויערהאַפטיק. גיך אויס־געוועפּט זיך דאָס ביסל איינגעוואָרצלטע באַשיידנקייט!

...פאָלגט מיך, ירחמיאל און גיטעלע, קומט דאָ אַהער, לאָמיר זיך צוטוליען איינער צום אַנדערן. ביי מיין מלאכה, — האָף איך — וועט אויך אייך זיין לייכטער; איר וועט מיר גרינגער מאַכן און איך אייך. פאָרט וועט עס זיין פאַר מיר אַ היים. אַן עלטערער ברודער, אַ מיטל־סטער ברודער, אַ יונגערער ברודער, צוויי שוועגערינס — אַ משפחה. אַ שטיק היימישע וועלט דאָ, אויף דער אומאייגענער ערד! זאָל דער עלנט אונדז אַזוי נישט פּייניקן. באַנאַנד וועט לייכטער זיין דורכהאַלטן אַלע נסיונות, וואָס שטייען נאָך פאַר ביז די וויסטקייט וועט אָפּפאַלן. אין אייער איינזאַמקייט, אין אייער אומעט, אָן באַקאַנטע (און פריינט האָט איר דעם

גאַנצן וועג נישט געפונען) לעבט איר אויך ווי אין הינערפּלעט. די באַ־ציאונגען, אין וועלכע איר שטייט, — כ׳ווייס עס לויט מיר — זענען באַציאונגען אָן וואַרעמקייט, אָן האַרץ. ס׳איז אַן אַבסטראַקטע וועלט, אַ געטועכץ אָן ממשות. אָן תוך. מיר האָבן נישט פאַרטיפט דאָס נייע לעבן דאָ; מיר האָבן זיך קוים־קוים פאַרהאַטשעט אין אַלעם אין דער טונקל־שעה. נישט באַוויזן צו זען דאָס רעכטע, דאָס ריכטיקע דאָ, אויב אַזוינס איז פאַראַן. דערפאַר דאָס אומפאַרשטענדלעכע בענקעניש אין ברוסט, אַ נאָגעניש, ווי נאָך אַ פלוצלינגן חלשות. מיר הענגען אין שפּינ־וועבס. דערין אונדזער אומגליק. ווייל וואָלט געווען, אויב מיר זאָלן קענען זיך פאַרקניפּן אין דעם פאַראַנענעם אפילו הי. מענטשן זענען דאָך צופרידן דערמיט; און אפשר איז עס אַזאַ מין קנייפּ אין באַק, פאַר אַנדערע. אונדזערע שפּירונגען זענען אָפּגעטויט! פאַראַן פון דעסטוועגן דאָ אַזוי פיל נישט פאַרזוכטס — איך וואָלט גערן געווען אייך אין גיכן דאָ צו זען. ברענגט מיט אַלץ! אויב אַ ביסל כסף, וואָלט אוודאי גוט געווען, אויב נישט, וועט מען אויך שבת מאַכן. ס׳איז אַ לאַנד פון האָניק און מילך און ווילדע, אומפאַרשטענדלעכע זאַכן. און וועבעריי איז אַ מלאכה הי, אַ פיינע. ס׳פאָלק האָדעוועט דאָ וויינגערטנער, האָט טשערעדעס שאָף, שוויצט אויף די באַנוול־פעלדער, שמירט זיך דאָס פּנים מיט סאַזשעביים פאַרב־קעסל, שניצט געהילץ, קאָוועט קופּערנע כלים, און אַלץ אונטער דער פלאַקערנדיקער זון, כמעט אויף דער גאַס. וועבעריי טוט זיך אין שאָטן, אין קיביטקעס. לייט, וואָס זענען רוי אין וועבעריי, האָבן אויף זייערע יאָרן נאָך נישט געזען אַזוינס, אַזעלכע זענען זיך אויך מפרנס פון דעם. מכל־שכן דו, אַ זון פון וועבעריי, אַ ברודער פון וועבער! הלוואי וואָלט איר שוין דאָ געווען. קומט, קיין גרויסע דאגות וועלן נישט זיין. אַרבעטן זענען מיר געוווינט פון דער היים אויס. וואַרפט אַוועק דאָס פּוסטע טראַכטן: אפשר אַזוי, אפשר אַנדערש... דמיונות. אַ שטוב, ווו אַריין, וועט איר האָבן, נאָכן שטיקל ברויט וועט איר נישט זיין זשעדנע. מענטשן זענען מיך מקנא מיט מיין פאַכמענישקייט.

קומט, איך דערוואַרט אייך מיט אומגעדולד.

שוין פאַרעדט זיך: כ׳האָב באַקומען אַ גרוס פון אפרימען. ער אַרבעט אין לענינאַבאַד, האָט אַ וועב־שטול און האָט צו עסן. וועגן האַצמאַכן וועל

איך אייך דערציילן אויפן אָרט. ער האָט מיר געגעבן אַן אָרנטלעכע לעקציע. די חיה האָט זיך אַנטבלויזט אין דער פיינלעכער צייט, ווען מענטשלעכקייט און פאַרוואָרצלטע פאַרדאָרבנקייט זענען געלייגט געוואָרן אויף דער וואָג־שאָל... גערעכנט אים פאַר אַן אמתן פריינט. אָבער אומזיסט. וויַיזט אויס, דאָס חזיר־פּיסל האָט שטענדיק געשטעקט אין דער נאַגעוויצע פון זיינע שטייף־אויסגעפּרעסטע הויזן...

אַלזאָ, נאָכאַמאָל: נישט לאַנג טראַכטן און קומען. קומט איר, זוכט נישט, נאָר גייט אַריין אויף אַלטשטאָט — צו שיינדלען אויף קאָמסאָמאָל־סקאָ גאַס 105 (יונג און אַלט קאָן זי, די יידענע, וואָס קאָכט היימישע מיטיקן); פון דאָרט וועט מען אייך שוין צופירן. איך ווין אין אַ שמאָל געסעלע, אַ לייִמענס, אַ באַהאַלטנס, צווישן אַ סך אַנדערע אַזעלכע געסלעך, וואָס סאַמאַרקאַנד איז פול מיט אַזעלכע: נאָמונאָ נומער 3, וואָס איז אַן אָפּצווייג פון דער גאַס קאָשכאוז. ביי דער שיינדל עס איך מיטיק. יעדן טאָג אַ מיטיק מיט פליש, מיט קאָמפּאָט. סאַמאַרקאַנד איז אַ מאַמע פאַר לייטישע קינדער. איר וועט זעען! איך שרייב איצט אויך צו אפרימען, ער זאָל גלייך אַהערקומען מיט זעלדען. בכלל האָב איך ווינציק געדולד צו שרייבן און לייענען, כאָטש גייסטיק לעב איך זיך אויס נאָר אין בריוו. אַ בריוו דערהאַלט אין מיר די נשמה, ריכט מיך אויף. די אַרבעט פאַר־שלינגט מיך אין גאַנצן. פאַר דער אַרבעט לויבט מען מיך, אין דעם געפין איך באַרויִקונג. איך פאַרגעס קיין מאָל נישט: מענטשן איז ערגער פון אונדז, טאַטע־מאַמען אין געטאָ איז זיכער ערגער, אויב ס׳קען זיי נאָך זיין ערגער. גאַנצע מדינות זענען דאָך אַריינגעטריבן געוואָרן אין פינצ־טערן תהום. איילט זיך, טייערע, איידער דער ווינטער וועט וואַרפן שטייגער אונטער די פיס. איך וואַרט אויף אייער טעלעגראַמע: „מיר פאָרן״.

גרוסן

אייער מנחם.

דאָס בוך פון די עלנטע

.1943 — 1.10

מיינע טייערע, האַרציקע!

היינט, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה נאָך דער אַרבעט, האָט מען מיר דערלאַנגט אייער בריוו. ערשט איז ביי מיר געוואָרן יום־טוב, יום־טובדיק אויף דער נשמה. דאָך זיך דערקלאָפּט. ירחמיאל, דיינע שוואַרצע רעיונות וועגן דער היים האָבן מיך אויפגעשווידערט. די נאַכט האָב איך אָן אויג נישט צוגעטון. וואָס מיין מוח האָט אין דער דאָזיקער נאַכט נישט אויסגעמאָלט! דאָס שיידל פון קאָפּ האָט זיך אַזש אונטערגעהויבן. איצט, שרייבנדיק דאָס, פאַלט מיר איין, אַז ווי גרוילהאַפט עס זאָלן נישט זיין היטלערס רציחות אין אונדזער געבוירנלאַנד, בין איך פון דעסטוועגן אַלץ נאָך פול מיט האָפענונגען, אַז אונדזערע עלטערן, מיין פרוי און קינד, זענען דאָך געבליבן לעבן. פאַרוואָס כ׳מיין אַזוי? פרעג נישט, כ׳וועל גאָרנישט קענען ענטפערן. ס׳האַרץ הילכט אין מיר ווי עס הילכט דער מינדסטער ריר אין אַ פּוסט הויז. אייגנטלעך, נאָר דאָס ווינטשן מיר זיך: לעבן בלייבן, ווי־עס־איז האַלטן זיך אויף דער אויבערפלאַך. און די דערפאַרונג זאָגט עדות, אַז אין חורבן־צייט דערהאַלטן זיך בעיקר די שוואַכע מענטשן, שטאַרקע פאַלן. דאָס זעלבע זעט מען היינט אויף דעם טראַגישן וועג אונדזערן. ווער עס איז אַלץ נישט געשטאָרבן אויף אונדזערע אויגן? דעריבער: זייט מיט האָפענונג! דאָס איז אונדזער איינציקער אָנשפּאַר. אויב טראַכטן אַנדערש, וואָלט איך געמאַכט גאָר אַנדערע אויספירן, און איינגעאָרדנט זיך זייער באַקוועם... מיינע אויספירן זענען אָבער האָפענונגספולע. דערפאַר געניג דערוועגן. כ׳גלייב, אין גיכן וועלן מיר האָבן די געלעגנהייט צו רעדן וועגן אַ סך זאַכן און אויך וועגן מיין אַרויספאָרן פון דעם פריערדיקן וווינאָרט. אוממעגלעך אין אַ בריוו אַלץ צו דערציילן. די הויפּט־זאַך: ס׳איז נישט געווען אַזוי ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. שרייבט נישט צו האָצמאַכן. מיט אים האָב איך אַ באַזונדערן חשבון, און איך וועל אים נישט פאַרגעסן — — ווירקט אויף אפרימען ער זאָל אומבאַדינגט אַהערקומען מיט זעלדען. זיי וועלן דאָ אויף אַ גלייכן וועג פאַרדינען אויף מיטיק. דאָס זעלבע זאָג איך אייך אויך: ירחמיאל,

גיטעלע — מיט דער גאַנצער אחריות. איך בין מייסטער צווישן אַ סך וועבער. די העכסטע צייט אונדז צו זיין צוזאַמען. די געשטאַלטן פון טאַטע־מאַמע וועלן דעמאָלט זיין מיט אונדז. זייער הויך האָט מיך אומעטום באַגלייט. איר שטעלט זיך דען פאָר, ווי זיי בענקען נאָך אונדז? מיר, די ליבלעכע זייערע, דאָס איינציקע וואָס זיי איז געבליבן, מ'שטיינס־געזאָגט; מיר האָבן זיי איבערגעלאָזן אין דחקות, אין עלנט, זאָל כאָטש אונדזער צוזאַמען־זיין זיי זיין אַ טרייסט אין דער אכזריותדיקער וויט. איר געדענקט, ווי זיי פלעגן זיך בעטן אין זייערע האַלדזשטיקנדיקע בריוולעך פון געטאָ: „קינדערלעך, האַלט זיך צוזאַמען, זייט נישט פרעמד איינער צום צווייטן!״... ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועלן מיר זיי צוווּיסן טון וועגן זיך, און אַז דאָס שנײדיקע אייז וועט זיך אַ ריר טון, וועלן מיר זיך לאָזן צו זיי. באַנאַנד, אַלע, אַלע וועלן מיר גיין, פאַלן אויף זייערע אַקסלען, אויסוויינען אונדזער נאָגנדיקן טרויער, די לאַנגיאָריקע גרויסע בענקשאַפט.

אַ, ווו געפינט מען די יונגען! סענדערס הפקרות קען איך מיר, מיר אַליין זיך נישט שענקען. מ'האָט אים געדאַרפט איינהאַלטן מיט אייזערנע צוואַנגען. אים האָט מען געמוזט צוקניפּן צו אַן אָרט, ער זאָל איינזיצן, ווי די היים האָט אים געהאַלטן. און דאָס נאַרישע זרחל, ווו נעמט מען אים? דערמאָנסט זיך, ברודער, ווי טאַטע־מאַמע האָבן געציטערט איבער אים, דעם ייִנגסטן, דאָס אויסקראַצעכץ? וואָס פאַר אַ פאַרענטפערניש וועט מען האָבן פאַר זיי?

און דער עיקר, לאָמיר זיך נישט פאַרלירן מערער, לאָמיר נאָך גלויבן און מיר וועלן זיך האַלטן אויף די פיס. וועגן סענדערן האָב איך אגב געהערט, אַז מיט אַ חודש פינף צוריק איז ער געקומען אין סאַמאַרקאַנד. מער ווייסט נישט דער דערציילער וועגן אים. הלוואי זאָל מען אין גיכן הערן דאָס זעלבע וועגן זרחלען. פאַר זיינעטוועגן שרעק איך זיך מער.

דערוואַרטנדיק אייך דאָ, וועל איך מער זיך נישט צעשרייבן. קומט, קומט!

אייער איבערגעגעבענער
מנחם

***

„כ'לעב, געזונט אויפן פראָנט, אַנטשולדיקט פאַרן שווייגן. נישט געקענט, איך קוש אַלעמען

סענדער גליצענשטיין

פעלד־פּאָסט, פּ. 01198".

די טעלעגראַמע האָט לאַנג דורכגעבלאָנדזשעט דאָס ווייטע הינטערלאַנד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס שטייט שטייפער ווינטער פון נײַנצנהונדערט פינף און פערציקסטן יאָר.

איבער דייטשלאַנד פליקט זיך אין שטיקער דער רויך־שוואַרצער הימל, עס שפּרינגט און עפנט זיך אין אָפּגרונטן די פאַרשאָלטענע ערד.

אַ נישט אָפּגעשיקטער בריוו

...און איך האָב מיר שוין די פינגער אָפּגעשריבן, זוכנדיק אַ ידיעה וועגן אייך. וווּ אַ ווייט באַקאַנטער, וווּ עמעצער, וואָס שטאַמט פון אונדזערע מקומות, פרעג איך אים: אפשר האָט ער געהערט... גענוג, מ'זאָל ערגעץ לאָזן פאַלן אַ וואָרט, אַז עמעצן איז געראָטן זיך אַרויסצורייסן פון דעם שונאס גיפטיקע לאַפּעס, אַז איך זאָל משוגענערווייז לויפן יענעם זוכן. מעגלעך, פאַראַן געוואַגטע. טייל האָבן זיך דורכגעריסן, איך ווייס עס. ביי די היטלער־גזלנים קען מען אפשר פאַר געלט קויפן דורכלאָז־פּאַפּירן, און זיך ראַטעווען. צום באַדויערן, מיר איז נישט געלונגען, נישט דורך בריוו און נישט דורך באַגעגענישן מיט אַזעלכע שפּעטער אַנטלאָפענע אָפּ־צונעמען אַ גרוס וועגן אייך. די טעג און די נעכט ווערן מיר פאַרסמט פון טראַכטן: ווער ווייסט... איך האָב דאָך, טאַטע קרוין, מיטגעטראָגן מיט זיך דיין אויף טויט־דערשראָקן פּנים, די אומגעוויינטלעכע טריבקייט, וואָס האָט זיך, ווי פעך, שווער געלייגט אין דיינע שוואַרצאַפּלען. און דאָס פּנים דיינס גרוילט אין מיין בלוט, ווי אַ דראָענדיקע זעאונג: כ'האָב דיך נישט געדאַרפט איבערלאָזן אויף דעם חסד פונעם גורל. וואָס פאַראַט אין אונדזער דור גאַנצע פעלקער. דיך און דער איינגעקוואַרטער מאַמען האָב איך נישט געטאָרט איבערלאָזן! דאָס־אָ מאַטערט מיך סיי אין מיין וואַך זיין, סיי אין מיין שלאָף. כ'האָב נישט געדאַרפט זיך אַרויסרירן פון שטוב אָן אייך!... איך וויל זיך אַליין פאַרשרייען. דער טאַטע, זאָג איך זיך, האָט נישט געקענט טויטן זיין גלויבן, אַז דער תליון קניפּט די פּעטליע פאַר זיין אייגענעם האַלדז. אַזאַ זע איך דיך אויף דער וואָר און איך

זע דיך אין חלום, טאַטע מיינער. איך בין נישט קיין פאַרציטערט קינד. איך צעקריך זיך נישט אין הוילער בענקשאַפט — איך טראַכט פון דיר ממשותדיק, גלייך איך וואָלט דיך דערלאַנגט מיט דער האַנט. אמת, אמת, כ׳האָב געהערט דיין שטים הינטער מיר: האָסט מיך געוואָרנט: „היט זיך, זון! טו אַזוי ווי איך הייס דיך. איך בין אַ שעה עלטער פון דיר. איך וועל בלייבן דאָ...״ דיין קול גייט מיר נאָך, איך קוק זיך אָפּט אום, כּדי דיין בליק אויפצונעמען, טאַטע! עס ווילט זיך אַזוי אַראָפּרעדן פון האַרץ און עס ווילט זיך דערציילן, וואָס מיר האָבן פאַרזוכט דאָ אין דעם לאַנד, צו וועלכן דו האָסט אַזוי באַשיידן, שטיל — אין מינוטן פון חשבון־הנפש — געניייגט דיין געהער. נאָך איצט הער איך דיין וואָרט, טאַטע, דיין טרייסטנ־דיק וואָרט פון יענע פינצטערע מינוטן, איידער איך האָב אין שטיקנדיקע טרערן פאַרלאָזט די היים: „גיי, גיי מיין קינד! דיר דאַרף נאָך זיין גוט...״ פון דעמאָלט טראָג איך דאָס רירנדיקע אָפּבילד דיינס. דערנאָך זענען שוין געקומען צו מיר דיינע בריוולעך, באַגלייטע פון דיין בליק, פון דיין טיפער בלייכקייט. איך האָב געלעבט מיט די דאָזיקע בריוולעך, דורכגעוואָנדערטע דורך נאַכט פון פיבער, פון טויטן־כריפּ; בריוולעך, צאַנקנדיקע ליכט פון יידישע אבל־שטובן, ווו די היימישע שטרעקן זיך צום מעסער, צו דער שטריק, ווייל דאָס לעבן איז אויסגעשפּעט, צע־טראָטן, פאַרשפּילט. דיינע בריוולעך האָבן מיך געצויגן צו זיך און זיי האָבן מיר דאָס בלוט געקילט.

דאָס לעצטע בריוול דיינס, טאַטע, איז מיר פון די הענט אַרויס־געפאַלן. דאָס איז געווען העכער מיט אַ יאָר צוריק, קורץ פאַר דער נייער אכזריותדיקער מלחמה. דעמאָלט, אַז דו האָסט געשריבן, איז דאָס שרייבן דיינס געווען אַזוי בצימצומדיק, אַז ס׳איז מיר שטענדיק געבליבן אַזוי פיל צו דערטראַכטן! מ׳האָט געקענט פון זינען פון אַראָפּ! צום לייענען נאָר אַ פּאָר ווערטער. בית־עולם־ריח איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען פונעם נישט־דערזאָגטן. די געצוווּנגענע פּלוצלינגע אָפּגעריסנקייט פון דער היים האָט מיך געבייטשט פון דיינע אותיות. די קורצע דייטש־געשריבענע קאַרטלעך, געשענדטע פונעם האַקנקרייץ האָבן אָנגעווייעט סאַמע טרויער. כ׳צווייפל אין דעם, צי אונדזער ענטפער וועט אייך נאָך אָנטרעפן צווישן די לעבנגעבליבענע. ס׳איז געווען אַזאַ פּיין פאַרצערטער פאַרשווייגן, אַז

מיר, אָפּגעראַטעוועטע פונעם פּעסט האָבן געלעבט רק מיט אייך. אפילו ווען איר האָט נישט אָנגעוווּנקען, אַז בעקערמאַן איז מיט אייך ברוגז, האָבן מיר געפילט, אַז איר זיצט אָן אַ קריש ברויט; כאָטש איר האָט אין אָנהויב נישט דערמאָנט, איר זענט קראַנק און דאָקטאָר לעכעם קומט נישט, האָבן מיר געוווּסט, אַז אייך דאַרן איין די געדערים. אויף אייערע יאָרן... די ביטערע קלעפּ, וואָס עס פאַלן אויף אייך אין די ווענט פון געטאָ, הערן מיר דאָ געענוי, ווי דורך אַ סייסמאָגראַף און מיר לעבן דאָס פילפאַך איבער, ווייל דו ביסט מיין טאַטע, דו ביסט מיין מאַמע. און טאַטעס, מאַמעס, און שוועסטער און ברידער און פריינט האָבן דאָך דאָרט איבערגעלאָזן אַ סך! און אַלע זענען זיי געליבט און געאַכט פון די, ביי וועמען געוויסן און אחריות איז לעבן, איז טאָג פון אונדזערע טעג. מיר האָבן געוווּסט, מיר ווייסן אַלץ... ווילסטו, טאַטע, וועל איך אומיסטן אויסרעכענען, וואָס מיר ווייסן וועגן אייך, אַ חוץ דעם ווייטיק, וואָס מיר אַליין האָבן מיט־געטראָגן מיט זיך, אַנטלויפנדיק פון דעם גיהנום.

...די גאַסן פון באַלוט און אַלטשטאָט האָט מען אַרומגעצוימט מיט אַ געדיכטער נעץ פון שטעכיקער דראָט. אַהינצו האָט מען צונויפגעטריבן אַלע יידן פון שטאָט. אָרעם און רייך, יונג און אַלט. וואָס זאָג איך? נישטאָ דאָרט קיין יונגקייט איצט. אפילו קינדער זענען שוין גראָ. די עטלעכע בעקערס באַקומען נישט קיין מעל אויסצובאַקן, די קראָמען גיט מען נישט קיין שפּייז. די פּאָסט־קעסטלעך אין די גרענעצן פון געטאָ זענען אַראָפּגענומען געוואָרן. דעם „עלטסטן פון די יידן", דעם דאָזאָר מרדכי חיים רומקאָווסקי מיטן זילבער גראָען קאָפּ האָר, וואָס זעען אויס ווי די בלעטער פון אַ ווייסער כריזאַנטעמע, רופט מען איטלעך מאָל אין דער קאָמענדאַנטור פון די דייטשע געוועלטיקער. דאָרט דראָעט מען אים, און מען צווינגט אים צוצושטעלן „פרייעלעכע" פרויען פון צווישן די אָרנטלעכע יידישע טעכטער פאַר די צעלאָזענע היטלער זעלנער; מען צווינגט אים אויפצוזאַמלען ביי די אויסגעמאַטערטע יידן גרויסע סכומים געלט קאָנטריבוציע; ער מוז גוט זאָגן פאַר דער פרידלעכקייט פון די יידן צו די מאַכט־האָבער. און ער טוט עס, גוואַלד! און ער וואַרט אַלץ נייע גזירות!

און די מויערן פון געטאָ ווערן טאָג און נאַכט מיט ביקס און שווערד

געהיטן, אַז אַ יידנס פוס זאָל נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון דעם ענגן, פינצטערן מושב, און ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען פאַר די יידן. און ס׳איז נישטאָ קיין הילף פאַר זיי. הונדערטער יידישע נפשות גייען אויס טאָג־ביי־טאָג פון קרענק, פון נויט און פון ברענענדיקע פיין און מ׳ריכט נישט אויס קיין לויות פאַר די אַוועקגייענדיקע פונעם לעבן. יעדע מינוט, יעדע רגע דערוואַרט מען אָנפאַלן פון די רוצחים־מחנות. יאָ, שוין לאַנג, זייער לאַנג ווי איר זעט נישט אין דער ענגשאַפט פון די חרובע היימען קיין אָנגעצונדן פלעמל. ווינטער פרירט איר אין די שטובן, ווי אין אייז־קעלערס. אַ קבר מוז זיין איטלעכע יידישע היים ביי היטלערן. אַז מענטשן שטאַרבן וויינט מען נישט מער. די לעבעדיקע זענען מקנא די טויטע. די קוואַלן פון טרערן זענען אויסגעטרוקנט. גלייכגילט, נידערגעשלאָגנקייט זענען שוין אַריבער, איצט ציטערן אַנדערע געפילן אין די הערצער פון די געבונדענע, פון די געוואָרפענע אין דער פאַסטקע אַריין. מיר ווייסן...

איך האָב געטראַכט: ווי גוט וואָלט געווען, מיר זאָלן זיין נאָענט אייגנער מיטן אַנדערן. דו ביסט אַ שניידער, האָסט ליב דיין אַרבעט און מ׳וואָלט דיך דאָ זייער געשעצט דערפאַר. אַנומלט האָב איך זיך דערמאָנט: מיר זענען צוזאַמען געזעסן ביים ראַדיאָ־אָפּנעמער און דו, טאַטע מיינער, האָסט מיך געהייסן נעמען די זייער ווייטע, אומבאַקאַנטע שטעט, ווו מ׳זינגט יידישלעך. דו האָסט זיך געקוויקט מיט די מזרחדיקע מעלאָדיעס פון די ווייטע טונקלהויטיקע פעלקער צווישן וועלכע איך לעב היינט. האָסט געזאָגט: „אָ, ווי יידישע ניגונים! ס׳אַראַ קרובהשאַפט!״ האָסט זיך אויגנבליקלעך פאַרטראַכט. האָסט דיינע געדאַנקען נישט אַרויסגעזאָגט. איך, דיין זון, האָב געהערט דיינע רעיונות. האָסט מקנא געווען דאָס לאַנד און די פּעלקער. דו, דער ייד, וואָס האָסט געהאַט דיין גרויסן גאָט אינעם קליינעם שולעכל, דו, וואָס האָסט שטענדיק אויסגעשטרעקט די ברוסט פאַרן יושר — דו, טאַטע, האָסט אינערלעך זיך געפרייט מיט די פעלקער, וואָס אין אַזיע. און אַז די שוואַרצע כמאַרע האָט אָנגערוקט אויף אונדזער געבוירנלאַנד, האָסטו געפרעגט: איז דען מעגלעך, אַז מ׳זאָל אונדז נישט העלפן? נישט מעגלעך מ׳זאָל לאָזן אַ וועלט אומברענגען. ביסט ארומגעגאַנגען מיט שטילן בטחון. האָסט נישט געגלייבט, אַז אַזוי וועט עס זיך אויסלאָזן: צער

וועט אונדז צעשיידן. אומזיסט האָט דאָס האַרץ דיר אַרויסגעקוואָלן פֿון דיינע לויכטנדיקע אויגן. ביטער אָפּגענאַרט!

געוויס, אַ סך חשכות איז אַנגעריכערט געוואָרן פֿאַר דער דאָזיקער צייט. אומגליק האָבן געפּלאָנצט די ווילדע חיילות. ס'איז אַ צער אויף די לעבנס, וואָס זענען חמרימווייז פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון פֿייער און דחקות. אָבער ווי לאַנג עס קלאַפּט נאָר אַן אָדער אינעם מענטש, איז דער ווילן צום לעבן נאָך שטאַרקער — דווקא אין צייטן פֿון שווערע נסיונות פֿאַרן לייב און פֿאַר דער זעל. און דו ביסט דאָך אַ ייד, טאַטע! אָפּהענטיקייט איז נישט קיין יידישע מידה. שטאַרק זיך, און מירן נאָך האָפֿנטלעך דער־לעבן צו זיין באַנאַנד. די רויטע אַרמיי באַווייזט גבורות. זי רייסט לעבע־דיקע שטיקער פֿון דער ציושעטער חיה. מיר, יידן, גיבן צושטייער אונ־דזער בלוט צו דער דאָזיקער הייליקער מלחמה.

לייבלעכע! טרייסט זיך, וואָס מיר וווינען אין אַ וויטן מזרח־לאַנד. עס איז ס'לאַנד פֿון ברויט, פֿון פֿעטיקייטן און פֿון פּרוכט בשפֿע. אין דער דאָזיקער מדינה זינגען די פֿעלקער די געזאַנגען, וואָס האָבן דיך, טאַטע, דערמאָנט אינעם חומשל. די מענטשן זענען פֿריינטלעכע און שטאַרקע; זיי זענען פּאַסטעכער פֿון גרויסע טשערעדעס שאָף און רינדער, זיי זענען פּויערים, אַרבעטער און דאָקטוירים. פֿון דער גרויסער ברענענדיקער זון זענען זיי שוואַרץ און שיין אין זייער שוואַרצקייט. די טאָפּאָלן וואַקסן דאָ העכער פֿון די קאַשטשאַל־טורעמס אין פּוילן, און דער הימל איז טיפֿער און קלאָרער ווי אין די מעשהלעך פֿון „טויזנט און איין נאַכט״, וואָס האָבן געהויזט מיט אונדז אין אַן אַלטן מחזור־איינבאַנד אינעם שטיבל אויף בערעק־יאָסעלעוויטש־געסל.

כאָטש הימלגרייכנדיקע בערג ווייען דאָ אַן אַ סך רו אויפֿן געמיט — אונדזערע הערצער קענען קיין רו נישט געפֿינען. מיר קענען אייך נישט פֿאַרגעסן, טאַטע, מאַמע! מיר לעבן ווייטער מיט אייך. אַז מ'גייט צום טיש, זאָגט מרימל: זעסט, אַזוי פֿיל עסן איז פֿאַראַן! כ'האָב אָפּגעקאָכט אויך פֿאַר טאַטע־מאַמע... זיי וואָלטן דאָ זאַט געוואָרן און ס'וואָלט זיי נישט ענג געווען, און מ'קען אַ ייד זיין אויב מ'וויל. יידן־שנאה טריפֿט אונדז נישט אין בלוט אַריין, ווי דאָרט... ווי ווויל עס וואָלט געווען, ווי גוט זיי וואָלטן

זיך געפּילט דאָ!... — אַזוי ביים מיטיק, אַזוי ביים אָוונטברויט און אַזוי ביים שלאָפן גיין.

נייך, מיר פאַרגעסן אייך נישט, מיר וועלן אייך נישט פארגעסן, טייערע. מיר געדענקען אייך אין אייער נויט. מיר זענען מיט אייך. סוף־כל־סוף איז דער וועג צו דער היים — צו יעדנס היים — נישט אַזוי ווייט, אַז איך, דיין זון, דיין טאָכטער, זאָל זי נישט זען אלע מינוטן פון טאָג און פון דער נאַכט. דו ווייסט דאָך, טאטע, דאָס אלטע קלוגע וואָרט: צו אַ שטוב, וואָס איז דיר ליב, איז קיין ווייטער מהלך נישטאָ. געדענקסט מסתמא פון דיין אמאָל: האָסט אהיימצו נישט געקענט פאָרן מיט דער באַן, האָסטו זיך וואָכנלאנג געשלעפּט מיט א פראָסטער בויד, ביסט געגאנגען צופוס. היים איז הארץ, היים איז דיין קינדער־וויג; עס איז ברויט און וואַסער צום גומען, וואָס באגערט עסן, טרינקען.

כ׳יויס: מיין היים איז אין דחקות, מיין היים ליגט אַן אויסגעזוויגטע, אַ חרובע. אין איר זשיפּעט נאָך לעבן, זי וועט לעבן! אין דעם לעבן ווינט מיין לייבלעכער, פאַר וועלכן איך שלאָג זיך און וועל זיך שלאָגן, ביז וואַנען איך וועל דיך טאטע, דיך מאמע, אַרויסרייסן פון די בלוטיקע ציין פון פארדאַרבער.

איך קום אַהיים, איך גיי צו אייך, טאטע, מאמע! לאָזט ברענען א פלעמל אין פענצטער.

ווהין?

— ווען פאָרסטו אַהיים?

— איך?... איך האָב דען פון עמעצן צו דערוואַרטן אַן אַרויסרוף? און ווהין? אַ־היי־יים?

די אויגן זענען איבערגעלאָפן, שטאַרק גלאַנציק און דאָס קול ציטערט אָפּ, ווי פלוצלינגער ווינט אויף דאַרע צווייגן.

— הם. ווער האָט יאָ עמעצן? האָבן האָט קיינער נישט. מ׳דאַרף זיך נעמען אין זינען אַריין: ביסטו אַ ייד, ביסטו דער לעצטער פון דיין משפחה, כאָטש ס׳ווילט זיך נישט אַזוי גרינג שלום מאַכן מיט דעם.

אַ רייף פרעסט צונויף דאָס האַרץ. פאַרשלעפערטע וויטיקן האָבן זיך אויפגעוועקט.

— מען פאָרט דאָך... די אָפּגעברענטע ערד מוז באַלעבט ווערן. ס׳וועט אַוועק נאָך אַ שטיקל צייט און די ווונדן וועלן זיך פאַרהיילן.

— פאַרהיילן? עך, צוהיילן זיך כלומרשט. מ׳וועט ווינציקער רעדן וועגן דעם, ס׳געדעכעניש אָבער וועט נישט לאָזן רוען. אַזעלכע יסורים בריען... הלוואי זאָלן די ווונדן ווען־עס־איז אויפהערן טריפן! איך גלויב נישט.

דער מוח ווערט צעשפאָרט פון דעם נערוון־צעטרייסלענדיקן גערייד.

אברהם גינזבורגן ווערט שטאַרק קאַלעמוטנע פון די פראַגעס, וואָס באַקאַנטע שטעלן אים: „ווען קלייבסטו זיך פאָרן?" ווהין זאָל ער פאָרן! אַמאָל, אַז ער בלייבט מיטן ווייבל, דערמאָנט ער זיך די שמועסן אין גאַס און, נישט ווילנדיק וועקט זיך ביי אים די זעלבע פראַגע:

— שוין זשע וועלן מיר בלייבן דאָ? די שכנים צעפּאַרן זיך, באַקאַנטע זענען זיך פונאַנדערגעקראָכן. מירן זיך נישט לאַנג אַרומקוקן, וועלן מיר זיין איינע אַליין. אונדזער איצט איז דאָך אַ דערוויילִיקער צושטאַנד, אַ טרויעריקע צייטווייליקייט, ווי עס איז טרויעריק די גאַנצע עוואַקואַציע, די מלחמה.

„רעד נישט, אברהמקע — בעט זיך שרה — רעד נישט. כ'וויל בעסער נישט טראַכטן וועגן דעם. ווייל איז די, וואָס לעבן נישט טראַכטנדיק. געדענקסט: מיר פלעגן שמועסן וועגן געפיל־לעבן? בהמות עסן, טרינקען; געדאַנקען וועגן דעם, וואָס עס איז געווען, וועט זיין, וואָס קען זיין, עקבערן זיי נישט. דער מענטש איז אַ ווילגעבוירן וועזן, דער האַר איבער אַלע כוחות און אוצרות פון דער ערד. מיר זענען אָרעם, מיר ראַנגלען זיך פאַרן שטיקל ברויט, פאַרדעקן זיך ס'לייב מיט אַ טראַנטע, און דאָך זענען מיר וווּנדערלעך רייך. ווייל דער חוש פאַר שאַנדע איז אַ טייל פון אונדזער שטרעבן צו דערהויבונג. מיר זענען גליקלעך, ווייל מיר טראַכטן, אונדזער אויג איז קלאָר, דער געדאַנק — דין. לאָמיר, מיין ליבער, ווייטער ציען דעם חלום. די וועלט איז פאַרצוקט געוואָרן פון אַ שרפה, דער מענטש איז נישט פאַרדאָרבן; די צייט האָט דעם מענטש נאָר אויפגערעגט, בייז גע־מאַכט. מ'האָט אונדז אַרויסגעריסן פון באַגערטן חלום. ס'איז גאָרנישט אַזוי, ווי לייכטזיניקע רעדן. זיי זעען כולו שלעכטס, וואָרן בייזס האָט זיך באַזעצט אין זיי. אוודאי, בהמות איז גיכער מקנא צו זיין איידער אַזעלכע".

— גוט וואָלט געווען צו קענען איצט חלומען, שרהקע. מע טרייסלט אונדז אָבער ביי די האָר. די האָר־וואָרצלען טוען אַזש ווי.

„הער אויף, אברהמקע. ס'איז נישט די צייט צו טראַכטן אַזוי פילן!"

— אַזוי פיל? עס נאָגט אַ וואָרעם, ער טאָטשעט.

„כ'בעט דיך, טייערער... ס'וועט געגוג זיין פאַר היינט. וועסט זיך ליבערשט צולייגן. אפשר וועט אַ לייטזעליקער שלאָף קומען אויף דיר. שלאָפסט אַזוי ווינציקן!"

— אָ, ס'וואָלט גוט געווען צו דרימלען. עס שלאָפט זיך אָבער נישט. מע רייסט מיך אַהין, מ'שלעפּט אַהער. מאַך איך נאָר צו די אויגן, טראָגט עס מיך ווי אויף ווילדע פליגל. נישט קיין ווונדער, קינד. מ'רעדט כסדר וועגן דעם, און פאַרוואָס נישט? וואָרצלען... אַלע ווילן אַרויספאָרן פון

דאַנעז, כאָטש ס׳איז נישטאָ וווהין. ווידער אַמאָל וואָרצלען, וואָס ציען. פאַרשטייסט, שרהקע? מעג זיין אַ חרובע היים, אַ שרעקיקע איבערבלייבע־ניש פון דעם היימישן, לייבלעכן, אַבי זיין אין דער נאָענט, און די נאָענט וועט אפשר טרייבן... דאָך איבערגעלאָזן אַ מאַמע, די אומעטיק פאַרפלאָ־סענע יוגנט, דאָס וויגל פון דעם אויפגעקומענעם לעבן דיינעם.

דער זומער שטייט הי אַ לאַנגער, דער האַרבסט גיסט זיך אַ גאָלדיקער פון די שלאַנקע טאָפּאָלן, אָבער דער נע־ונד פאַרטונקלט די שיין.

אברהם גינזבורג לערנט לאַטיין מיט קינפטיקע דאָקטוירים, שרה פירט אָן מיטן מוזיק־קלאַס פון באַגאַבטע קינדער.ביידע פילעווען זיי די וואָרצלען פונעם לעבן, דאָס אומגעזעטיקטע, ס׳נישט דערקענטע. דערפאַר, אפשר, רייסן זיך ביי זיי די נשמות אַהין, פון וואַנען זיי זענען אַנומלט געלאָפן דורך בראַנד און שלעק. דאָרט, ערגעץ אין געעפנטן תהום, איז פאַרבליבן אין קלעם זייער טרוים. און אויסקומען אָן טרוים איז מסוכן שווער, שווער.

מיט ליידיקע הענט זענען אברהם מיט שרהן אַרויס פון דער באַפּאַ־לענער שטאָט. די אַלטע, שמאָלע גאַסן האָבן זיך הינטער זיי פאַרהאָרבעט ווי פאַרלאָזענע, גראָע מאַמעס. אַ כמורע פענצטער פון אַ געבוקט פאַצע־יאַטל האָט יאושדיק, ספּאַזמאַטיש זיי באַווינט. זעקס יאָר ווי זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס שטיבל אויף מיצקעוויטש־גאַס. זייער צימער דאָ, אין דעם וויטן לאַנד, איז אַ ליכטיקער, אַ געררוימער, אָבער די אומהיימלעכקייט, מיט וועלכער זיי זענען געוואַקסן אין דער היים, לאָקט, ציט צו זיך, פאַרטונקלט דאָס ליכט הי.

מאַדנע, מאַדנע, דער מענטש!

...אין דער שטילער נאַכט האָט זיך דורכגעריסן די ידיעה וועגן דעם באַפרייטן לאָדזש. אברהמען רעגט זיך דאָס האַרץ פון אויפגעשפּראָצטער פרייד. אוי, צי דאַרף ער זיך פרייען? ער קען זיך נישט געפונען קיין אָרט. אים ווילט זיך איבערוועקן דאָס ווייבל, טיילן זיך מיט איר די גרויסע נייעס.

— העער־סט, שרהקע, הערסט? — שושקעט ער מיט אַ פאַרכאַפּטן

אָטעם אין שטוב אַריין, און שפּאַנט מיט לופטיקע טריט אויף די שפּיצפינ־גער. — הע־ע־רסט!

מיט לוסט, וואָס האָט תיכף אין אים זיך געלאָשן, האָט ער געמורמלט און ס׳ווייבל דאָך נישט געוואָלט איבערוועקן, כאָטש ר׳האָט געטאַמלט מיט איר צו רעדן — לאָדזש, אונדזער לאָדזש, שרהקעלע.

אויף צומאָרגנס איז ביי אברהמען און שרהן אין צימער געווען יום־טוב, יום־טוב־לאָדזש. שכנים זענען אַריינגעקומען, האָבן געווונטשן, גע־דריקט זיי די הענט ווי בעלי־שמחה.

און זיי, צי זאָלן זיי זיך פרייען? אַ שווערער שטיין האָט זיך וויטיקלעך אַרויפגעקאָלערט אויף זייערע געמיטער. לאָדזש... האָבן זיי נאָך וועמענען דאָרט?

...דערנאָך, דערנאָך איז אָנגעקומען אַ בריוול.

„עס שרייבט אייער שכן שלמה יאַשונער, דער איינציקער פון אייערע שכנים, וואָס איז געבליבן לעבן. אייערע עלטערן האָבן געהאַט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן יידן פון די אַלע לענדער, וואָס זענען באַטראָטן גע־וואָרן דורכן היטלערישן חייל. צען טעג נאָכן אַריינקומען פון די דייטשן אין שטאָט אַריין, האָט מען אין געשטאַפּאָ אַרויסגערופן אייער פאָטער. די מוטער איז געפאַלן אַ ביסל שפּעטער, ווען מ׳האָט זי געטריבן אין געטאָ אַריין”.

זיי האָבן צוריק געשריבן, אָבער יאַשונער איז שוין נישט געווען. דער הויז־וועכטער פון מיצקעוויטש־גאַס האָט דערנאָך זיי געשיקט אַ גרוס.

— לאָדזש איז איינגעטונקט אין בלוט. אַלע יידן זענען אַוועקגעטריבן געוואָרן אין ראַדאָגאָשטש און כעלמנאָ, און זיך נישט צוריקגעקערט. אייערע זענען אויך נישטאָ. פון אונדזער הויף איז פאַרבליבן בלויז שלאָמאָ יאַשונער, דער ניינצניאָריקער, וועלכער איז צוריקגעקומען פון וואַלד.

ווי אַ לעבעדיק אָפּגעהאַקטער אבר האָט דאָס־אָ פּאָסטקאַרטל זיך גע־וואַלגערט אויפן טיש. ס׳האָט מוראדיק פאַרקוועטשט די ברוסט — עס האָט געברענט ווי שרפה, וואָס טרייבט און פּענטעט איינצייטיק.

שרה איז אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער. נישט שרה און נישט אברהם גינזבורג האָבן איצט געזוכט דעם חלום אויף דער וואָר. דער טאָג, וואָס

יוסף אָקרוטני

האָט אַריינגעקוקט אין פענצטער, האָט גלאָזיק אַרויסגעלויכטן פון זייערע אויגן. די בלוטן אין זייערע אָדערן האָבן געבאָלבעט ווי האַרבסט־רעגן. אברהם און שרה האָבן מער נישט באַגערט איבערצושלאָפן דאָס ביטער וואָרהאַפטיקע, און נישט זיי האָבן געחלומט. ווי שטיינער, אָנגעטראָגענע פון ברויזיקע באַרג־שטראָמען, האָט זייער האַרב שווייגן שווער געקרעכצט אין חלל.

רומקאָווסקי

די געסלעך זענען אָפּגעגאַנגען מיט איבלדיקע ריחות. אונטער דער נייער זון האָבן פוילנדיקע קופּעס מיסט זיך געפּאַרעט אין די אונטערהויפן. בלאָטע האָט געיוירן אין מיטן פאָרוועג. געציילטע מענטשן האָבן ווי שאָטנס זיך באַוויזן אין דרויסן. שיטער געוואָרן אין געטאָ. דויערנדיקע גסיסה און געקלאָג האָט זיך געשטיקט אין אַ יעדער היים. אַ סך פאַרלאָזענע הייזלעך האָבן מיט זייערע געזונקענע אַריינגענג געגלאָצט אין גאַס אַריין; באַוואָלהטע פינצטערניש האָט געיעלהט פון זייערע טיפענישן. אין די לייטערנדיקע טעג, וואָס האָבן זיך אָקערשט געשטעלט, זענען קענטיקער געוואָרן די אָפּגעבלאַקירטע, קאָליריקע טראַנטעס, מיט וועלכע עס זענען — מחמת ווינטער — געווען פאַרשטאָפּט די אויסגעבראָכענע קויטיקלעכע פענצטער.

איצט איז האַרט נאָך פּסח. ערשט אַנומלט איז ווי אַ וויכער אַדורך אַ נייע „אַקציע". די פאַרבליבענע האָבן שוין אויפגעהערט צו קרעכצן. זיי האָבן נאָר שטאַרקער דערשפּירט די נויט; אין מיטן דער נאַכט האָט זיך געטראָגן זייער עקבערנדיק הונגער־געשריי. באַגינען האָט מען מיט געשוואָלענע פיס און אַרויסגעזעצטע אויגן פון דאָסניי זיך געשלעפּט צום יאָך.

טיפע בלייכקייט האָט געערדט פון פנימער אַראָפּ, צער — פון די בלוט פאַרלאָפענע ווייסלעכער, אָבער אין „רעסאָרט" טאָר מען גאָר נישט קלערן. מ'קוקט אויף די הענט. כסדר הערט זיך דער דראָענדיקער ליאַרעם: „ווינציק, ווינציק, פאַרשאָלטענע צויגן!"

אַזוי געוואַלדעוועט דער אייגענער, דער ייד. דער דייטש שפּאָט געלאָסן. ער צישעט:

— ווילסטו גיין קו־קוק, קעצכיען? — אַזוי — איין קככי — פידלט ער לוסטיק מיט דער האַנט איבער זיין האַלדז — און באַסטאַ. גע־דענק, דאָס מאָל וועט קיינער זיך נישט איינשטעלן פאַר דיר. הער ביבאָוו ווייסט, ווער עס גוט אַרבייטעט.

איוף צו להכעיס ציט דער אומפאַרגענגלעכער געלוסט צום לעבן. אַזוי קוואַליק קוקט דער אַרום, און אויפן דייטש וועט גיך קומען אַן אויס־כאַפעניש. דער ראַדיאָ זאָגט... מ׳דערציילט.

די זון האָט זיך מערער צעלויכטן און עס דערמאָנט זיך אינעם שמאָ־לענקן ערד־חלק, וואָס איז הויף. יעדן שכן אַ בייט און אין דעם בייט זענען אָנגעקניפּט אַלע רייצן פון דער וועלט. פאַראַיאָרן האָט עס זיך אַזוי שיין פונאַנדערגעוואַקסן דאָ... ס׳זענען אויפגעקומען צאַרטע, קרויזיקע שאַלאָטן־קעפּלעך, שמעקעדיקער שטשיפּיאָרעק און יונגע, פריש־געצוואָ־גענע קאַרטאָפל־קזשאַקלעך. ממהאָאַ!

אין גלאָזערס „רעסאָרט" האָבן די לייט אויף אַן אמת זיך דערקוויקט אויף דער דערמאָנונג, וואָס עס קען האָיאָר וואַקסן אין זייערע גערטנדלעך, ווי פלוצלינג האָט זיך אַ באַוויז געטון דער „אַלטער" מיט זיין סוויטע.

אַלעמען איז די אַרבעט געפאַלן פון די הענט: מי־יודע, וואָס פאַראַ אָנזאָג ער האָט געבראַכט — —

אַ גליק! עס איז אַדורך בלויז מיט בויך־גרימעניש.

דער שעף האָט עמיצן אָפּגעלאָזן אַ סוד:

— אַ באַשטעלונג פאַרן „אַלטן", — און ר׳האָט פאַרצויגן די ברעמען. מער קיין וואָרט.

לייט האָבן זיך געמוחט:

— וואָס, אַ שטייגער, קען עס זיין: אַ מאַנטל פאַר אים אַליין?

— עי, אונדזער טאַנדעט וועט ער נישט טראָגן, — האָט אַ זיכערע שטים באַלד אַלעמען אָפּגעגאָסן. — ליאַמס ווערקשטעל נייט פאַר אים.

— שאַט, איך ווייס שוין, — קליגט זיך אַן אַנדערער: — איבער־צוג צו זיין אויסשטייער!

— ראַכטיק, ראַכטיק... ער האָט דאָך ערשט חתונה געהאַט. אַ יונגע זיך גענומען דער... כע־כע! לאָמיך זיך בעסער די צונג אָפּבייסן.

און צווישן שפּיציקע קינען גיבן זיך אַ קייקל אַ פּאָר טרוקענע אויגן.

— אַן אויסס־שטיי־יי־ער — ברומט נאָך לאַנג דאָס וואָרט. און באַלד ניכטער אין דער שטיל, צווישן זיך: — צו וואָס באַדאַרף ער עס! ער האָט, נעבעך, נישט ווו צו נעמען, רומקאָווסקי, העי? קנאַפּ זיידענע וועש געבליבן נאָך די אַרויסגעפּירטע, בערג מאַדעפּאָלאַן. ווינציק אוצרות האָבן אַנגעבראַכט די אויסלענדער?

— ווייסעך... סיידן — סובות פּאַר זיינעטוועגן, — גיט איינע אַ פּרוי הויך אַ מורמל און לאָזט תיכף אַראָפּ די אויגן, ווי זי וואָלט חרטה געקראָגן אויף דעם זאָג, וואָס האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט.

„מ׳זאָל באַשירעמט ווערן, אויב ס׳זאָל דערגיין צו אים. אַ חתימה אופן אָרט. אַ נוקם ונוטר דער אַלטער".

צומאָרגנס האָט מען שוין געוווסט אויף געניי: דער „אַלטער" הויבט אָן באַצייטנס זיך גרייטן צו די ימים־נוראים. זיך הפּנים געכאַפּט, ר׳ברויך אַראָפּוואָרפן דעם הויקער, אונדזער ירבעם בן נבט, — האָט ווער שניידיק אַ וווּנק געטון.

באמת: כאָטש ס׳איז ערשט חודש אייר, האָט ער שוין געברענגט, דער נייער קיניג פון די יידן, אַ קיטל צו נייען, אויסצוהעפטן אַן עטרה.

אין חנה בערלינערס אויסגעסוכניעטע הענט האָט טאַקע אין גיכן געשאָרכט די פיינע לייוונט פּאַר רומקאָווסקיס קיטל. דער בעסטער צושניידער האָט זיך געעוסקט ביים פּאַסאַן (ער זאָל אים נאָר געפעלן ווערן און ר׳זאָל, חלילה, נישט זיין צו שמאָל, אָדער צו ברייט) און די בעסטע נייטערקע נעמט אים אויספּאַרטיקן: זי פערלט אויס יעדן שטאָך, אין דעם קיטל נייט זי אַריין אירע אויגן, די פאַרקראַמפּטע פינגער, די חנה בערלינער.

— ער זאָל נאָר נישט האָבן צו נבלען, — רעדט זי ביטער צו זיך און צו דער שכנה עווע, וואָס דערנעבן.

די גאָלדיק־געלע עטרה האָט מען אָנגעטרויט דער שכנה עווע וויינשטיין. דער שעף ווייסט, זי איז אַ מאַדים אויף איידעלע אַרבעט .מיט פּילאָפּלאָס, וואָס איז דין ווי שפּינוועבס, העפט זי אויף ווייסן טאַפט צווייגיקע גאָלדענע

הערשנהערנער. פאַר רומקאָווסקין, דעם מלך פון געטאָ, גאָלדיקע הערשנ־הערנער פונעם בלוט פון איר האַרץ, — זיפצט זי אויס.

אַ גאַנצן זומער האָט מען אין „רעסאָרט" זיך געצאַצקעט מיטן קיטל און מיט דעם פיינעם געהעפטעכץ פון דער טייערער עטרה. אַנדערע האָבן מקנא געווען חנהן מיט עווען.

— זיי ׳עלן שוין האָבן אײַנזעעניש ביים אַלטן. מ׳עט זיי נישט רירן, אויב ס׳עט חלילה ווידער קומען צו עפּעס...

— און אַ קוויטל אין מאַגאַזין אַריין גייט צו פיס? — האָט נאָך עמיצער צוגעוואָרפן.

חנה האָט עס נישט געהערט. איר איז עס געווען ווייט פון גליק; זי איז געווען פאַרקלעמט. טאָג ביי טאָג טרייסלט זי זיך איבער די קינדער, וואָס פאַרבלייבן איינע אַליין אין דער בוידעם־קאַמער. „קען ווער אויס־מעסטן מיין גורל", — פלעגט זי זיך איינברעכן און אַ קרעכץ טון עווען אין אויער אַריין, כאָטש עווע גופא האָט געקלאָגט אויף איר אייגענער מערכה. „מלכהלע מיינע, מאדזשע, קליין מיידעלע — האָט זי געמורמלט — ווי דאָס ווערט געלייטערט! די ביינער רעכט נישט אויסגעוואַקסן און שוין צעברעכט עס זיך ס׳געניק ביי גרויסע באַליעס ווערש. אַ קינד אויף קאַ־טאָרגע!"

דערווייל שפּרייט זיך דער זומער איבער הייף און גאַסן. די זון באַקט און די קרענקלעכע בלייכקייט פון די מענטשן יורט פון זייערע באַקן, פון די מוראדיק אויסגעצויגענע, וואָסערדיק גרינע העלדזער. אַ געדיכ־טער עיפּוש האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם אָנגעקליבענעם קויט, וואָס איז אומעטום אָנגעהויפט אין טונקעלע טורעמס. און עס ברענט אַ מגפה. גייענדיקערהייט פאַלט מען איבער די אייגענע פיס. די ריסאָר־וואָגנס, וואָס קלייבן צונויף מתים אין די געסלעך, האָבן איצט שוין נישט באַוויזן אָפּצורוימען אַלע טויטע. די גרינס־בייטן ביי די שטובן וויאַנען. ווי אויף צו להכעיס האָט קיין רעגן נישט אַראָפּגענידערט און די אָוונטן און באַ־גינענס האָבן זייער טוי געקאַרגט. קיינער האָט דעם לעבעדיקן שפּראָץ פון דער ערד נישט אָנגעטרונקען; די מענטשן האָבן דערשפּירט רק זייער אייגענעם בראָך.

און האָט איבער דער געטאָ געגומען אויסבלייכן דער זומער, איז

פאַרן „אַלטן״ גרייט געווען אַ מלכותדיקער קיטל מיט אַ גאָלדיקער עטרה. ביי דער מוטער חנה איז אינצווישן אַ קינד אויסגעגאַנגען און ביי איר נאָענטער שכנה עווע איז זילבערווייס געוואָרן דער יונגער קאָפּ.

אויף דוואָרסקע גאַס האָט מען די טעג אָפּגעמאָטערט אין גלאָזערס „רעסאָרט״ און אויף דער נישט ווייטער פראַנטשישקאַנער האָבן מענטשן געקנאָטן ליים און געשלעפּט קלעצער. דאָס האָט מען פאַרן קיניג אויס־געבויט אַ שיל צום דאַווענען. מיט די לעצטע שווייסן זענען דאָ אָפּגעגאַנגען מחנות יידן, געשרומפּענע ווי חדר־יינגלעך און עס האָבן גע־האָרעוועט בחורים מיט הונגער־אויסגעשפּיצטע פּנימער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַלט־געבוירענע קינדער.

ווען עס האָבן אָנגערוקט די פּאָרכטיקע טעג פון ימים־נוראים איז די שיל געשטאַנען אַ פאַרטיקע: פאַרטיק מיט אַן עמוד פאַרן חזן און אַ באַלעמער מיט א צירלעכער באַלוסטראַדע פאַרן „אַלטן״.

געקומען ראש־השנה האָט די שיל זיך אָנגעפולט מיט עצבותדיקע יידן. זיי האָבן מיט יאָמער זיך געריסן צו די הימלען: „דערבאַרעם זיך, פאָטער!״ אין גאַנצן אין ווייסן איז דער „אַלטער״ ווי אַ נישט־דאָאיקע געשטאַלט געשטאַנען אויפן ליכטיקן באַלעמער און גלייכמאָסיק זיך געוויגט, ווי ר׳וואָלט געוואָרן באַוועגט דורכן געיאָמער פונעם המון, וואָס אים צופוסנס. אין דער נידער האָט געקלאָגט דער חזן; בראש פון דער דאַוועגענדיקער מחנה האָט ער זיך געבוקט פאַרן כסא־הכבוד:

מן המצר קראתי יה ענני במרחב יה!

אַרום דער שיל־מויער, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פון דעם ציט־ריק צונויפגעגאָסענעם, יסורימדיקן רוף, האָבן שמייכלענדיק זיך דורכ־געטראָגן צעלאָזענע זעלנער; אָפיצירן האָבן שטייף זיך אַריינגעשטעלט אין דעם אָנגעהיצטן שיל־חלל און טעמפּ געגלאָצט אויף דער זעאונג, וואָס האָט זיך אויסטערליש געשפּרייט פאַר זיי.

**
*

...זיי זענען נאָך נישט געווען אָנגעזעטיקט, די כמורע דייטשן, מיט יידיש בלוט. אויף צומאָרגנס האָט דער מנהיג פון די יידן צונויפגעזאַמלט

דאָס פאָלק פון געטאָ און פונעם פלאַץ, וואָס אַנטקעגן דער שטוינענדיקער טומאה געדרעדט צו דער מחנה ווי אַ פאָטער רעדט צו זיין פאַרזינדיקטן זון:

— ברידער יידן! עס איז אונדז באַשערט געוואָרן צו צאָלן צינש די שרים פון דער וועלט. היינטיקס מאָל פאָדערט מען פון אונדז אונדזערע קינדער. מיר זענען מסתמא שטאַרק זינדיק און טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם קרבן.

— ווי ווערט זיין צו אונדז, אויב מיר וועלן נישט האָרכן דעם רצון פון די געביטער! — האָט ער צום סוף אויסגערופן און אַ קרעפּטיקן שאָקל געטון מיט זיין שקאָצישן, אַלטן קאָפּ. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַראָפּ־צוקריכן פון דער פור, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען.

מאַמעס, וואָס האָבן פון דעם ביזאַהעריקן ווייטיקלעכן שניט נישט באַוויזן אויסצוהיטן כאָטש איינס פון זייערע קינדער, זענען אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין. אַנדערע האָבן העפטיק זיך צעשריגן:

— אייער בלוט גיטס אָפּ! איר, גזע פון געטאָ־פריצים, היט אויס אייערע אייגענע קעפּ און אייער קליינוואַרג. אַ חרפה!

— שווייגטס! — האָט פונעם מענטשן־טייך ווידער אויפגעטויכט רומ־קאָווסקיס קיילעכיקער, ווייסער קאָפּ. זיין אויסגעקלאָרט, פול פּנים איז געוועזן רויט פון צאָרן. — איך וועל אייך אָנלערנען, איר שלעפּערס!

דורכשפּאַרנדיק זיך צווישן המון, וואָס האָט זיך מיט געקלאָג און מיט שנאה געצויגן צו אים, האָט ער נאָך געשריגן:

— ווידערשפּעניקע, ווי צו אייך!

און ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער וואַרטנדיקער בריטשקע. מהומה האָט זיך געשטעלט.

אין געכליפּ האָט זיך געהילט די שטאָט הינטער שטעכלדראָט, די שטאָט און דער פינצטערנדיקער הימל צווישן די אָרימע, הילצערנע הענגל־בריקן.

...ווי עמיצער האָט נאָר געקענט, האָט ער אויסבאַהאַלטן דאָס אָפּגע־ציטערטע נפשל פון זיין קינד. טייל האָבן מער שוין נישט אַריבערגע־טראָגן דעם גרויסן צער, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דעם דור: זיך אין זייער לייבלעכס האָבן טאַטע־מאַמע אָפּגעסמט.

באַגינען האָבן רומקאָווסקיס פּאָליציי־יונגען צעטרייסלט דעם שמאַכטנ־

דיקן דרימל פון געטאָ. איבער די דערדריקטע געסלעך האָט פלוצלינג זיך אויפגעהויבן אַ דרילנדיק געשריי. מיט ווילדקייט האָבן די פּאָלי־ציאַנטן זיך געריסן אויף די שטאָקן אַרויף, אַראָפּגעלאָזן זיך אין קעלערס, גענישטערט אין טוכלע קאַמערן און פון מאַמעשע הענט געכאַפּט זייערע קליינע קינדער. אַ שרייענדיקס, אַן אַנטגאַנגענס פון שרעק האָט מען דאָס קליינוואַרג געשלעפּט ביי די הענטלעך, ווי מען טראָגט געשאָכטענע עופות. אַזוי אַרום האָט מען די קינדער אַריינגעשליידערט אין טיפע וועגענער, וואָס זענען געשטאַנען פאַר די טויערן. אין משוגענעם פּליים האָבן די פּאָליציי־לייט פון איין הויז אַרויסגעצויגן ס׳באַנומענע קליינוואַרג און דער וואָגן פול אימה און יללה איז שווער־רעדערדיק צוגעפאָרן צום שכנותדיקן הויז. פון די שטובן האָט מען נישט געטאָרט אַרויסגיין אין יענעם טאָג, אויך צומאָרגנס און איבערמאָרגן. אייזערנע דייטשן און פלאַקערנדיקע רציחה האָבן געוואַכט אין יעדן ווינקל. ביז יום־כפּור האָבן אַרומגערוחט די כאַפּערס מיט די גרויסע וועגענער, אָנגעפּולטע מיט קינדערישן געשריי. אונטער דעם־אַ יאָמערנדיקן געזאַנג, וואָס האָט גע־ריסן די הימלען, האָט מען די עופהלעך ווי די קעלבער אַוועקגעפירט אויף די ראַסלענדיקע וועגענער; אַוועקגעפירט אין ערגעץ־ווו און די גאַסן זענען געבליבן אויסגעהוילטע און די שטובן געשוואָלן פון ווייטיק.

מאַמעס, וואָס האָבן נישט געקענט זיך שיידן מיט די קליינע קינדער, זענען מיטגעגאַנגען דעם וועג אין ערגעץ־ווו.

פולע צען טעג האָט יענצמאָל אָנגעהאַלטן די מלחמה מיט די קינ־דערלעך אין די יידישע גאַסן.

***

צו כל־נדרי האָט אַראָפּגענידערט אַ טריבע שקיעה. די שיל האָט פון דאַסניי זיך געוויגט פון יידנס פּיין, אַן אַרויסגעשריגענער פון צעוווּנדיקטן האַרץ. ווען דער „אור זריע״ האָט מיט זינגעוודיקן געכליפּ אַרויסגעשפּאַרט פון דער אָנגעגאָסענער ענגעניש און צוזאַמען מיט אַ ים טריפנדיקע ליכט־אויגן זיך געצויגן צו די הייכן, האָבן דייטשישע צורות ווי פאַרביילטע פויסטן פונעם באַלעמער אַראָפּגעקוקט מיט קרומקרייצנס אויף זייערע

שטייפּע, שוואַרצע דענקעס. גרילצנדיק איז איבערן מקום־קדוש אַריבער־געגאַנגען אַ פּרעך געלעכטער. עס איז געווען אַזוי ווי איבערן רוקן פון אַ זוניקן טאָג וואָלט פּלוצלינג אַדורכגעבייטשט אַ קאַלטער, שניידי־קער ווינט.

אין קיטל און אין מיניענדיקער עטרה שווימט דער קיניג פון די אָרימע יידן און אַרום אים — אויף זיין הייך — באַוועגן זיך שוואַרצע דייטשן. דייטשן מיט שטרענגע פּנימער. די דייטשן אויפן באַלעמער סיקן מיט בלאַנקנדיקע אַפּאַראַטן, „נעמען אַראָפּ" די מחנה יידן, וואָס שטייט אַנטקעגן דעם אייבערשטן אין הייסן שפּריי פון תחנונים. אַנטקעגן די, וואָס דרייען זיך דאָ מיט רויטע פּרצופים, שטרעקט זיך אויס דער יידן־פירשט אין קיטל און טלית; ער שאָקלט זיך דאַווענענדיק און ווידער שניידט זיך אַדורך אַ צישן — איבער דער נשתוממדיקער שיל גיט זיך באַלד אַ טראָג דער האַרטער טראַט פון זעלנערישע שטיוול. די מתפּללים טרעטן נכנעדיק אָפּ אין אַ זייט, זיי דריקן זיך צו די ווענט, גלייך אַ שטורעם וואָלט אָנגעשטאַנען.

אַ פּאַרקלערטער בלייבט מרדכי חיים רומקאָווסקי אָנגעשפּאַרט אין דעם אַרכאיש־אויסגעפּורעמטן באַלעמער — אַן אמתער יידישער מאָנאַרך שטייט ער אין שפּרודלדיקן גלאַנץ פון ווייסקייט און גאָלד. הינטער אים און אַרום אים טרעט נאָך אויף אַן אָרט און עס וואַקלט זיך דאָס קלאָגנ־דיקע, געמינערטע פאָלק. די דייטשן זענען שוין נישטאָ, ער אָבער פילט נאָך זייער בייזיין. ער, דער קיניג פון געטאָ, שמייכלט זיין שמייכל און אים ווייזט זיך אויס, אַז די געביטער וואַרטן נאָך אויף זיין וואָרט.

שפּעטלעך. די ליכט אין שיל שמעלצן זיך שטאַרק. אַ סך בייגן זיי די העלדזער, פאַרנויגן די קעפּ.

איבערן עולם, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע פון בית־הכנסת און איבער דער קילער נאַכט, וואָס שפּרייט זיך אויף יענער זייט שוועל, טורעמט זיך נאָך דער קלעמענדיקער יאָמער, וועלכער האָט זיך אויפגעלייזט אינעם אויפגעוועקטן אַלטן ווייטיק פון דעם באַליידיקטן פאָלק.

— —

פון דעם איינציק פאַרבליבענעם אַלטן בוים אין געטאָ־געסל שיטן זיך ברוגזע בלעטער און שיטן. די טעג וויקלען זיך שוין אין די צוויטלדיי־קע פאַלעס פון וואָלקנדיקן הימל. אין די גבולן פון מרדכי חיים רומ־קאָווסקיס קיניגרייך האָט זיך ווידער איינגעשטעלט די לויערנדיקע רואי־קייט. ווייטער גייען פלייסיק די טויטן־וועגעלעך און אין די טונקלענדיקע גאַסן פאַלן פון דאַסניי די מענטשן און פאַלן.

צום שפּעטן האַרבסט איז איינגעשרומפּן געוואָרן די „ראַציע" קאַר־טאָפל, וואָס מ'האָט אַרויסגעגעבן אויף לעבן. ס'האָט צוגענענט דער טויט. אויף וואַקלענדיקע פיס האָבן שאָטן־געשטאַלטן זעלטענער גענומען וואַגלען צום מאַרק, כדי פאַר אַ קראַנקן אין דער היים אויסצובייטן די קאַרטאָפל אויף אַ קריש ברויט. אויף צו קאָכן איז קיין געהילץ מער נישט געווען. דאָס בעט, דער טיש און די בענקלעך זענען שוין פאַרברענט און דער ווינטער הויבט אָן באַצייטנס שרפענען. ווי מיט דערנער בריט ער דאָס לייב.

אין זיין אומעטיקן סוף האָט זיך שוין געהאָרבעט דאָס אַלטע צוויי און פערציקסטע יאָר. אין דעם דריי און פערציקסטן, ווען ס'זענען נאָך געשטאַנען האַרבע פרעסט, האָט מען אין גלאַזערס „רעסאָרט" אָנגעהויבן פאַרן „אַלטן" אויסהעפטן אַ ניי קאַפּעלע. מיט פילאָפלאָס און מיט גאָלד אויף ווייס איז געהאָפטן געוואָרן דער זעלבער איידעלער אוזאָר, וואָס אַנומלט — הערשנהערנער.

דעם קיניג פון די געטאָ־יידן איז געפעלן געוואָרן דאָס געהעפטעכץ פון דער עטרה. האָט מען זיך טאַקע אין „רעסאָרט" איצט געמיט ביי דעם קאַפּעלע. אַנטקעגן פאַראַיאָרן איז נאָר געווען אַ שטיקל חילוק: נעבן עווע וויינשטיין איז שוין נישט געווען חנה בערלינער, די מאַמע פון די צוויי קליינע קינדער; אַ מיד געוואָרענע פון קלאָגן, איז זי אַוועק צו אירע ליכטיקע, וואָס האָבן, באַהאַלטענע אין בוידעם, שטיל אויסגעצאַנקט ווי קראַנקע פייגל. ווי אַנומלט די עטרה האָט דאָס קאַפּל געהאָפטן די זעלבע עווע, די יונגע מאַמע מיטן טויבן־ווייסן קאָפּ. אַ ציטערנדיקע אויף הענט און פיס האָט זי אַ גאַנצן זמן גענייט דאָס זעלטענע קאַפּעלע. אַוועקפאַלנ־דיק פון אויסגעצערטקייט האָט זי דערשפּירט אַ סכנותדיקן אומרו פאַר די ימים־נוראים, וואָס דאַרפן קומען.

„היטלער מאַכט אונדז דעם יום־הדין", — האָט זיך געוועקט דער

פרויס זכרון. זי איז געווען מוראדיק אויסגעדאַרט און דער קאָפּ מיד. „שלאָפן, גיי שלאָפן, מיין קליין מאַדזשעלע״, — פלעגט זי שעפּטשען אין חלשות־דרימל און אין גרויסן אָנשטרענג זיך נייטן צו מונטערקייט. און האָט זי דערהערט טריט אין דער נאָענט, האָט זיך איר געוואָלט אויפן פּנים אַרויפקריגן אַ שמייכעלע; פאַרן אַלטן, געדענקט זיך, מוז מען האָבן אַ שמייכל.

„הע, ס׳איז נישט דער שעף?״ — האָט זי זיך צייטנווייז אומגעקוקט אַ מאָדנע אַנטוישטע.

...אוודאי, יידן האָבן מער נישט געהאַט אַזוי פיל צו וויינען. קינדער זענען שוין נישט געווען הינטער די שטעכלדראָטן. אין שטאַרן הימל אַריין האָבן פאַרעקשנט געקוקט לאַנג אָפּגעקילטע קוימענדלעך, וואָס אויף שיפּע, שוואַרצע דעכער און ס׳האָט געקוקט דאָס אויסגערונענע אויג פון אַ גע־פּאַלענעם אין מיטן גאָס.

אין יאָד

מידע שלעפּ־פּי טראָגט מען זיך יעדן באַגינען און יעדן אָוונט איבער די זעלבע שטעגן — פון דער ענגער, היימישער קאָנורע אין שאַפּ אַריין און פון שאַפּ — צוריק אַהיים. דורך אַנגסטיקן געקרעכץ ציען שלאַבעריקע געשטאַלטן איבער אָפּגרונטן פון אכזריותשן אומקום.

וויי, דאָ קומט אַנטקעגן אימהדיקער געהייל פון אַ שטשירנדיק פּענצטער, דאָרט טרייסלט זיך אַ וואָגן, אַ פול אָנגעוואַלגערטער מיט שוואַרצלעך יוירנדיקע לייבער, געשענדטע פון מענטשנס גיר. „אָפּגעצויגענע‟ פון שפּיציקע הענט קלייבט מען אין די גאַסן צונויף נאַקעטע מתים.

גאַסן און מענטשן לויערן אין גרויל.
טאָג איין, טאָג אויס אַזוי,
יאָרן!

און ווי וויטיק פון דעם נעבעכדיקן קיום באַגלייט אַלעמען צישנדיקער הונגער־קראַמף.

ווייל זיבעצן דעקאָ קאַרטאָפל אַ וואָך,
פיר דעקאָ ריבן אַ וואָך!

אין טראַנטעס און קלעפּיקן אומעט גייען מחנות אין קנעכטשאַפט — יידן, יידן — מאַן און ווייב, יינגלינג און יונגפרוי — און די פיין קלאָגט און שרייט פון זייער זינקנדיקן טראָט. מיט פאַראָפּיעטע אויגן גלאָצן נאָך פינצטערע מפולתן און די מענטשן וואַקלען זיך אונטער דער רוט פונעם פאַר־ענעם געוועלטיקער.

פון זיין אייביקייט בליפט דער הימל אַן אויסטערליש לויטערער, אַמאָל

איז ער שווערלייביק אין זיין טעמפּן ברוגז. אין די בלייערנע וואַסערן פון צייט טיקט זיך דאָס פאַרשעמטע לעבן. סיי עס טריפט די זון דאָ, סיי עס אייטערט די כמאַריקייט פונעם טאָג. איז וואָרעם — יאָמערט און זינגט אין דרויסן די הוילע נויט, ווען עס שטייט טריבקייט קוקט רק עלנט פון דער אָנגעשוואָלענער וואַרטעניש אַרום.

געטאָ.

צוגעוווינט צו אַלעם בייזן, גייען די טעג מיט זייער געווייִנטלעכער פאַרביסנקייט. נאָר געעפנט די אויגן, הערט מען זיך איין מיט פּחד אין יעדן מינדסטן רויש. פאַרדעכטיק איז דער דרויסן, לויערנדיק יעדער פאַרבאַגינען. צוזאָגנדיק איז בלויז די פינצטערניש (עס נאָגט: „פאַרקנוילט אין זיין הייל איז וואַך דער דראַקאָן"); איצטער־אָ קייכט מאיומדיקע אומבאַשטימטקייט אין דרויסנדיקן גליווער: גייען נישט אַהער די רוצחים? מ'הערט, דאַכט זיך, ווידער אַזאַ שרעקיק קלאַפּן מיט די שכנישע טירן — — אַז אַלץ קומט אַזוי ראַפּטעמדיק!

טאַקע צוגעוווינט, אָבער דאָס אומגעריכטע, וואָס קען נאָך קומען, קילט דאָס בלוט. ווער ווייסט, צי דאָס מאָל וועט עס געראָטן... כסדר גריזשעט דער ווערעמדיקער צווייפל. און עס ווילט זיך אַזוי איבערלעבן!

גייט אַדורך אַ טאָג און אַ צווייטער, שפּאַנט מען ווידער צום יאָך מיט דער שלאַבעריקייט פון שלעפּ־בהמות. פון רגילות טרעפט מען שוין דעם וועג, כאָטש די אויגן זענען איבערגעלאָפן און אין קאָפּ מישט: „נאָר נישט פאַרשפּעטיקן" — צאַפּלט עס אין דער ברוסט און מ'ציט צום אָרט, ווו מען דערוואַרט סוף דאָס כל סוף אומפאַרמיידלעכע. דער „פאַר־אַרבעטער" צי „דער שעף" שרייבט כסדר אַריין אין דעם צעטל פון די פאַרמשפּטע. שטילינקערהייט אַזוי... קומט דער אָנזאָג — „זאַמלען זיך אין וועג אַריין!" — ענדיקט עס זיך מיט ביטערע געשרייען.

האָט דען וועמען געהאָלפן ס'געשריי פון פאַרלוירנקייט?

עס גייען אַ סך — וועלן זיי אויך גיין. קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ צווישן דעם געהינטעכץ, וואָס שפּיזט די אויגן, שלאָגט מיט שטעקנס און שטויסט מיט ביקסן. סיי־ווי איז שוין נישטאָ דער מינדסטער אָנהאַלט. אפשר ערגעץ דאָרט וועט דאָך נישט זיין אַזוי ווי דאָ.

...אין באַהעלטעניש איז פאַרבליבן דאָס קראַנקע קינד. עס זאָל נאָר

נישט וויינען, ווען דער געשטופלטער שמידקע וועט פאַרבייגיין. אולי ירחם! אַז זיי פאַלן שוין ווי די פליגן, די דייטשן, וועלן זיי מסתמא אָפּלאָזן. טאַטעלע דערבאַרעמדיקער, דעם קינדס היץ זאָל נאָר אָפּטרעטן. אָנהויבן מיטן שפּיטאָל האָט מען נישט געקענט. סכנות. אַהינצו קומען די כלבים, שמעקן נאָר אויס, ווען ס׳זענען פאַראַן אַ סך קראַנקע. זיי פאַרפאָרן מיט טיזוולאָנישע אויטאָס און אַלץ איז פאַרפאַלן. גלייכער אַזוי. זאָל ס׳עופּהלע בעסער בלייבן אין דער אָפּגעלאָזענער קאָמער. אפשר וועט אַ מענטשלעכע האַנט נאָך גרייכן צו דעם. ס׳האָט אַ פלעשעלע צוקער־וואַסער, ראַטעווען עס זיך. אַ הונגעריקס זופּט עס, דאָס בידנע, ס׳זייגט, נעבעך, אַ ליידיק פלעשל און שלאָפט איין אַ פאַרשמאַכטס. וועט באַ־שערט זיין — דער כוח פון לעבן וועט צודינען, וועט אפילו אַזאַ ברעקל זיך היטן אַ פּיפּס צו טון.

פינצטער איז איר וועלט, דער מאַמען. שוין פיצעלעך קינדער זענען געשטראָפט מיט זקנישער געפרוווטקייט.

אין אַ וויסטן מעמד האָט חנה בערלינער געלאָזן אַליין צוויי אויס־געשוואַכטע קינדער. אַ גאַנצן טאָג ציטערן ביי איר די הענט, יעדע רגע קוקט זי אומרואיק צו דער טיר, ווי זי וואָלט דערוואַרט אַן אויסטערלישע בשורה: אַ גוטע און אַ שלעכטע צוזאַמען — ער, דער מאַן, קומט ענדלעך און ברענגט איר, ניסעלען, אַ געשטאַרבנס. ניין, ניין, זי וויל נישט! ס׳איז אַ סימן — זי איז פאַרביי. אוודאי, זי געדענקט דעם בראָך אירן: נישטאָ ווער ס׳זאָל קומען פון דער היים. ער איז אַזוי געשווינד פאַרשניטן געוואָרן. ס׳זייניקע שוין אָפּגעקומען. געגומען און זיך אָפּגערוקט. ס׳גע־שווילעכץ איז אים צוגעטראָטן צום האַרץ. זי איז געבליבן אויג אויף אויג מיטן גרויסן אומגליק. די קינדער נעמען איר צו ס׳חיות. אַ גאַנצן טאָג צעשפּרינגט איר דער קאָפּ: אָט דערשרעקן זיך די קינדער, דאַכט זיך איר — אַ שטשור איז צוגעפאַלן צו זיי; ס׳פאַרגייט זיך אין געוויין, ס׳אומגליקלעכע יאָמעלע. ס׳דאָך אַ בוידעם. דער מערדער קריכט אין שטוב אַריין — דערהערט קינדער „רייסן״ ערגעץ, גייט ער נאָך דעם קול... אוי, אוי, ווי וועט זי דאָס איבערהאַלטן!

שרעקלעך איז דאָס וואַרטן ביז אויף דער נאַכט. ס׳גאַנצע לייב און לעבן טרייסלט זיך אונטער איר, און זי מוז אַרבעטן.

און ווידער אַ בליק. אָט דערשפּירט זי אַ צופּ אין די געדערים און...
אין די אויערן־הייטלעך האָט אַנגעקלאַפּט קאַלטער שוידער. זיכער, אַז
אויטאָמאָביל. אָפּגעשטעלט זיך. ער זידט, בורטשעט.

„וואָס קען עס זיין?"

„פון דאָסניי זיך אָנגעהויבן" — —

(אַז כסדר ריכט מען זיך אויף עפּעס).

— היט זיך! ווען מ׳זעט חלילה... — זאָגט צו איר אין דער גיך
עווע וויינשטיין און יענע נעמט זיך אימפּעטיק פלייסן ביי דער אַרבעט.
די הענט ביי עווען באַוועגן זיך שווער און ברענען ווי פאַרדושעטע פלאַ־
קערס. זי, חנה, פאַרבייסט שטאַרק די אונטערשטע ליפּ. פון ווייטיק וועקט
זיך אין איר דער מוח און זי גיט זיך אַ האַסטיקן בויג איבער דער
ווערקשטעל.

„ס׳שטייט ווער הינטער איר" — האַקט מען נעגל אין חנהס געהירן
אַריין — „געקומען"...

די אויגן ביי דער פרוי האָבן שאַרף געפּרישעט מיט פונקען. זי האָט
אויף זיי גאַרנישט געזען; זיי האָבן איר נאָר ווי געטון ווי געשווירן. זי,
די מאַמע חנה, האָט אָקערשט ס׳געפּיל, ווי עמעצער קוקט אויף איר מיט
רוגזא: מ׳ווייסט נישט, מיינסטו — דיינע קינדער" — —

אירע הענט הויבן זיך אָן באַוועגן ווי אויף שפּרינגפעדערס: אַהין,
אַהער.

שפּעטער, ווען זי פלעגט קומען צו זיך, פלעגט זי מיט יסורימדיקן
בליק פאַרזיכטיק זיך אויסדרייען צו עווען, דער נאָענטסטער שכנה:

— „ער" איז געווען?

זיי פאַרשטייען זיך שוין ווערליג דעם טראָפּ אויפן „ער".

— ניין, דער „אַלטער".

זי האָט לייכטער אָפּגעעטעמט, ווען זי האָט אויף קלאָר באַנומען,
אַז דער „אַלטער" איז שוין פון לאַנג געווען אַוועק אויף זיין הויכער
בריטשקע.

דאָס גאַנצע גרויסע טונקעלע געטאָ האָט ווידער זיך פאַרקאַרטשעט
אין איר בליק.

אַ דאָרן

קליינע, מוטנע־גרינע אויגן קוקן אַרויס פון אַ נידעריק שטעכיקער באָרד; אַ ראַם אַזאַ פון אַן אומבאַשטימטער טונקעלער קאָליר, און פון איר שפּאַרט אַ שטיק הונגעריק לעבן. דער שטערן איז הויך, אַ ביסל פאַרשוויצט, די אויערן שטייען אָפּ.

אַזוי פיל זעט מען דאָס פּנים פון דעם מענטש, וועלכער שפּיצט זיך אָן אויף איך, גלייך ווי אָט־אָט גיט ער זיך חיהש אַ וואָרף און אָט — צעקלאָגט ער זיך מיט געבעט: „לאָזט!"

איצט זיצט ער שוין, דער קנוּפּ ווילדקייט, וואָס איז אָקערשט באַ־הערשט געוואָרן און עס דאַכט זיך גאָר, אַז דאָס איז אַ הויפן טראַנטעס מיט אויגן און אויערן. עס זעט אויך אויס, דער דאָזיקער קאָפּ איז אַרויס־געוואַקסן פון די שמאַטעס.

ער איז אומרואיק. זיין בליק לויפט דאָ איבער דער וואַנט, דאָ איבער איך, לויפט מיטן אויסגעשטשערבעטן מויל און מיט די טרייסלענדיקע אַקסלען.

אַזאַ וויזיט פּלעפּט. אַזוינע אויגן, און נאָך מער דאָס שווייגן — אַנטוואָפּענען. אַן אַנגסטיקע שוואַכקייט פאַרשווענקט דאָס האַרץ. אַלע אברים ווערן שווער. איר ווילט, צי איר ווילט ניט — איר מוזט אויס־וואַרטן. דער בעל־דבר וועט שוין זאָגן, וואָס ער האָט צו זאָגן.

דער־אָ האָט טאַקע אָנגעהויבן. איך בין געזעסן און געשטוינט. דער־נאָך בין איך געוואָרן פאַרשטיינט.

— איר הערט? — האָט ער אָנגעשטעלט אַ פּאָר טויטע אויגן און פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער אַנטקעגנדיקער שטול.

איך — איך האָב זיין בליק נישט אויסגעהאַלטן. כ׳האָב אַן אומבאַדייטנדיקן, מבולבלען וויג געטון מיטן קאָפּ און דערשפּירט אַן ענג־שאַפּט אין דער קעל. אין די געהירן האָבן אָנגעשלאָגן האַרבע, נישט־דאָ־איקע רייד.

ער האָט עס גערעדט, און מיר האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס הער איך אַ שטים פון אַן אויסגעברענטער חורבה אַרויס.

— איך בין איינער פון אויסגעשאָכטענעם דור. אַ דאָרן בין איך אין מיטן פון דעם אַוועקגעטראָגענעם לעבן. ווער בין איך — אַ משוגענער, צי אַ זיניקער? איז עס נישט אַלצאיינס? משפּחה איז סיי־ווי געבליבן אַ פּוסטער נאָמען, אַ ווידערקול פון מיינע חלום־ און הונגער־געשרייען, וועלכע האָבן זיך אין דביקות געלאָזן אַמאָל אין עתיד אַריין.

אָט איז דער עתיד. אַ טרייסט, האַ?

איך בין אַן איינציקער אין עיגול פון דער קלאָגנדיקער יתומשאַפט. שטייסט, זלמן־הירש, ווי אַן אַרומגעפליקטער בוים אין אָסיען און די הוילקייט שמייסט דיך און די נאַסע קעלט בייטשט.

איר באַנעמט נישט? איך בין ביים זינען, כאָטש ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך ערשט אויפגעשטאַנען תחית־המתים. איך בין אַ געשטאָר־בענער. איך גיי אויף ליימענע פיס, מיט טויטע אײַנגעווייד. איך ברויך גאָרנישט. אַזאַ דריי איך זיך אַרום אין אייער עולם־התוהו. ס׳אַמאָליקע געדעכעניש פירט מיך. ס׳ווילט זיך אַ קוק טון היימישע ערטער. געווען דאָך אַזוינס, האַ? זעט, זעט! אפילו באָבע־זיידע, וואָס האָבן, זאַטע מיט נגישות, געפונען זייער רו אויפן בית־הקברות, אפילו די איינגעקוואַרטע זקנים האָט מען פאַרטריבן. היינט ווו איז זייער רו, אַז ס׳בית־עולם איז אָפּגעמעקט... וועלן זיי קומען צו מיר, מיטגיין דעם וועג מיינעם איבער די ליבע מקומות! באַנאַנד וועלן מיר גיין, מיר גייען. אָ־אָ, ריבן־ און קאַרטאָפל־קזשאַקלעך בליקן דאָ צום הימל. זיי שטוינען, איר זעט — —

אסור, כ׳וועל מער אַזוי נישט זאָגן. רעכט, וואָס איר זענט בייז. מ׳טאָר נישט. ס׳איז נישט יידישלעך. די נשמות פון די קדושים האָבן נישט קיין מנוחה.

איר גלייבט נישט? איר וועט שוין גלייבן. מ׳דאַרף זיך גוט אַריינ־

טיפן אין דעם. אָט גייט ער, כי־כי־כי, דער אייגענער יידל כץ; טאַקע, ט׳דער, דער...

שאַרף אויסקרימענדיק דאָס מויל אין טרויעריקן געלעכטערל דער־נענטערט זיך דער מענטש צו מיין פּנים און שטויסט מיר אין האַנט אַריין אַן איינגעוויקלט רערעלע פון בלעטלעך פּאַפּיר. ווייסע בלעטלעך מיט בלייכנדיקער שריפט.

לייענען? עס לייענען זיך שוין צופיל די היעראָגליפן פון שרפה און שחיטה, וואָס שטאַרצן דאָ אויף דער ערד און אויף די אַראָפּגענידערטע האָריזאָנטן.

אוודאי, ס׳האָט דאָך געמבולט.

די אויגן פאַרקוועטשן זיך אין שניידיקן ווייטיק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זאָל ער ליבערשט נישט קוקן. דאַכט זיך: אָט לאַכט ער שוין ווידער אַזוי פינצטער, און גלייך מיר אין די געהירן אַריין; לאַכט ביטער, להכעיס־דיק, און וויל נישט אָפּטרעטן.

ווירקלעך, ער איז „גערירט״.

מסתמא נאַר אין מוח פון אַן אונטערגייענדיקן קען אַנרייסן אַזאַ געשוויר, וואָס פּלאַצט אויף מיט אַ שרעקיק כיכיקען און עס דערמאָנט רק אין בלוטנדיקע, מענטשלעכע עוולות.

פּויליש

— ...כ׳מיין, די גרויסע יסורים האָבן אונדז צופיל פאַרצערטלט, ס׳הייסט: געמאַכט אַזוי ווינציק דויערהאַפטיק פאַר נייע נסיונות. דערפאַר זאָלן מ־יר האָבן אַזעלכע? ביטער!

— אפשר אַזוי. איך פיל אַ ביסל אַנדערש. עפּעס זענען מיר זייער שטאַרק איבערגעשראָקן, כאָטש אין דער אמתן איז עס נישט משיג צו זיין. אין דער אמתן האָט עס באַדאַרפט זיין פאַרקערט. דאָך דורכגעגאַנגען אַזאַ אומגעהאַרישן פייער־פּרווו! געהאַרטעוועטע אין די שלאַכטן מיטן שונא — און אַ שונא האָבן מיר אַן אומדערבאַרעמלעכן — ווייסן נישט פון קיין סכנות. וואָס מיר שרעק? זייער נאַטור איז געוואַגטקייט. באַנעמסט? פאַרשטייט זיך — זיך דאַרף מען דאָ נישט נעמען אין חשבון.

— ווי דען? — פון פייער־פּרווו, ווי דו רופסט עס, זענען אָבער נישט אַלע אַרויס גאַנצע. ס׳זענען געבליבן געלייטערטע, אַ הייפל געלייטערטע, און געבליבן זענען איינגעבראָכענע, פאַרשטייסט — איינ־געבראָ־כע־נעע!

— איינגעבראָכענע? מעגלעך דו ביסט גערעכט. אויף אַ סך זאַכן געפין איך היינט אַ קנאַפּע פאַרענטפערניש. כ׳זוך, כ׳פּייניק זיך אויף דעם און — — ביסט, ווייזט אויס, געפאַלן אויפן ריכטיקן טראָפּ. אַזוי זענען שוין די וועגן פון מענטשנס געדאַנק, די אויסשטראַלונג פונעם רעפלעקס. ז׳געשעט: מ׳ברעכט זיך אַמאָל דעם קאָפּ אויף אַ נויטיק וואָרט און נישט און נישט. איינגעבראָכענע, — איך פאַרטראַכט זיך שטאַרק אויף דעם — עס איז טרעפלעך. ווי שטאַמען אין וואַלד, וואָס זענען געטראָפן געוואָרן פון דונערס. געטראָטענע, דערנידעריקטע האָבן לייט העפטיק (אפשר אָן דעם אייגענעם וויסן) זיך געראַנגלט פאַרן ביסעלע ווירדע. און אַנדערש

האָבן זיי נישט געקענט: זיי זענען געבוירן געוואָרן אונטערן מאַטן שטערן פון דער פּשוטער, זויבערער מענטשלעכקייט. כ׳מיין: בלויז די גליקלעכע איז געראָטן איינצוהאַלטן דעם צלם אלוקים. אַנדערש האָבן זיי אויף זיך געבראַכט אַלע מיתה־משונהס, כאָטש דאָס איז געווען אַ זעלטנקייט אין צייט פון דער לאַנגער, וויסטער נאַכט. צום באַדויערן, נישט אַלע זענען געווען העלדן. גבורה, גייסטיקע גבורה איז געטלעכער גלאַנץ. נישט אַלע־מען איז עס געגעבן געוואָרן. און געשטרויכלטע פאַרמשפּט מען. ס׳פאַלק שטעלט זיי אונטער דער פייערדיקער רוט. אייביקע שאַנד וועט זיי נאָכגיין. וויי צו אַזעלכע!

— אַ פאַקט: מיר זענען צופיל אַנגעשטעקט מיטן באַציל פון טויט־שרעק. מסתמא דערפאַר, וואָס אונדז לויפט נאָך דאָס געשעענע, די גרויסע אכזריות מיט די כלערליי שוידער־נעמען, וועלכע כ׳וויל נישט אָנרופן. צו וואָס רייצן ס׳אָנגעווייטיקטע געדעכעניש? סטאָפּ. גענוג פאַרן דור־המדבר אונדזערן.

ביידע חברים פון בשותפותדיקן צימערל איז שוין באַשערט געווען שטענדיק זיך אומצוקערן צו דעם זעלבן, הגם זיי האָבן געחלשט דאָס אויסצומיידן. ס׳אַ ווונד, וואָס טריפט ביים מינדסטן באַריר. סיי דער, סיי יענער האָבן טראַגיש געצייכנט דעם וועג, וואָס האָט אומפאַרמיידלעך גע־פירט צו דעם געדאַנק: „וואָס וועט זיין?" ס׳הייסט — וואָס וועט זיין מיט אים, דעם, וועלכער האָט געלאָזט פאַלן אַ זיפץ און וואָס מיט דעם, ניין, מיט אַלעמען וואָס וועט זיין דער סוף ביי אַזעלכע ווייטיקן — ביידע האָבן זיי נישט קיין שום אָנשפּאַר. ביידע ווערן באַוועגט פון אַן אינערטן כוח, וואָס האָט זיין אָנהויב אין דער טונקל פון עפּעס אַ נעפּלהאַפטן געפיל, און נישט מער.

און ווי אויף צו רייסן די נערוון גענענען צו זייער אויער רק יענע געשיכטעס. אַזעלכע נערן דווקא דעם אומרו.

— כ׳בין געוואָר געוואָרן, הערסט...

— ?

— טרעף, וועגן וואָס עדע בוימאַץ האָט מיר היינט דערציילט? זיס־קינד הענדעלעס לעבט! אַרויסגעדרייט זיך פון אַלע בראַנדן, אַ גליק, הע?

— פאַר אים אַ גליק? — קרומט זיך אַ פינצטערער שמייכל און אַ פּאָר ליפּן פאַרבייסן זיך קראַמפּהאַפטט.

— זיסקינד הענדעלעס, — הערט יענער נישט אויף, כאַטש אַנטקעגן אים שטאַרצט דער פּראָפיל פון אַ שפּיציקן קאָפּ מיט אַ בלייכער קינ־באַק — געוויס דערמאָנסטו זיך אים. שטעל דיר פאָר, זיסקינד איז דאָ און ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך (אַזוי האָט ער געזאָגט): גענוג די פּיין! געבוירן אַ ייד און דיינו. זאָל מיט מיר זיך שליסן דער לעצטער, דער איבערלעצטער קרייז פון גיהנום.

דער דאָזיקער שטויס איז ביי אים נולד געוואָרן, ווען ער איז געפאָרן אין עשעלאָן, איינער צווישן טויזנטער. וואָכנלאַנג געשלעפּט זיך איבער אומעטיקע פעלדער, אָנגעזאַפּט זיך מיט ווייבעריש'ן געקלאָג: „ווו טוט מען זיך אַהין מיט אַזעלכע יסורים? צו וועמען פאָרט מען — פון אַזוי פיל שטעט קיין יחיד קיין היימישער נישט געבליבן. פון אַלע בית־עלמינס, אל רחום וחנון, וועט נישט זיין צומאָל ווו אויף קבר־אבות צו גיין. אַרויסגעריסן אונדז מיטן שורש". און די מענער אַרום האָבן שווערמוטיקע ווידערשפּעניקט: „ווידער פון אלף־בית. ווי נעמט מען זיך צו אַזוינס, אַז ס'איז נישט נאָר חורבן הנפש!" גענוג טרויעריק געווען. אַזוי פיל יידן, קיין בייז אויג נישט, האָבן אויף ווייטער ערד זיך אויפגעהאַלטן פון רחמים־ברויט און איצט געפינען זיי זיך נישט קיין אָרט. גאָטס הימלען האָבן אויסגעבלאָקירט פאַר זיי. זיי פילן דאָס געפיל, אַז מ'האָט זיי נישט ליב. איז צו וואָס זשע זאָל ער, זיסקינד, זיך פּלאָנטערן ביי די פיס פון די, וואָס זענען זיך אַליין איבעריק? מוז זיין, דער וואָרעם האָט אים געביסן אַ סך פריער; ס'דאָזיקע האָט מסתמא אים גענאָגט שוין אויפן צרה־געלעגער זינט די ערשטע טעג פון וואָגל. קלאָר, ווייטיקלעך קלאָר איז עס אים געוואָרן ערשט איצט. די מלחמה איז געענדיקט, נישטאָ מער דער שר־הרשעות היטלער, נישטאָ אַלץ, וואָס געווען נעכטן — צי הויבט זיך אָקערשט נישט אָן די פּיין פון פּלוצלינגדיקער בלינדקייט? ווהין לענקן דעם טריט, אַז פאַר זיך זעט זיך נאָר אַ טעמפּ ווינקל.

זיסקינד האָט זיך גענומען שלאָגן מיט דער אייגענער פאַרלוירנקייט; אפשר האָט עס אים טאַקע געמאַטערט, מעגלעך ר'האָט איבערגערעדט מיט עמעצן און, ס'איז אים איצט נישט צו דערקענען. עדע וואונדערט זיך

שטאַרק. אויס, זאָגט זי, מיט זיסקינדן. — אסור, צי כ׳ווייס, ווי אַ מענטש קען אַזוינס, כאָטש דעם מיין זיינעם באַנעם איך.

— פאַרשטייסט: ער האָט זיך דערזען אין דער מצידה פון אויס־געליידיקטקייט. נאָך מער האָט דאָס זיך אַנטפּלעקט, ווען ער איז גע־קומען אויפן אָרט, ווו עס האָט זיך געזאַמלט ס׳ביסל יידן מיט די בינטלעך אָרימקייט. זיסקינד האָט געשווינד זיך דורכגעקראָגן דורך די דאָזיקע גאַסן. ס׳איז געווען אַ מין נייער געטאָ. אַ ים מיט עלנט, אַ געשריי, אַ טומל פון אַלעמען און אַלע חלשן לעבן. אים זאָל מען נאָר דאָ נישט זען. נישטאָ אים מער צווישן די „אייביק פאַרמשפּטע״. ווו זיי זענען פאַראַן, זאָל זיין געביין זיך נישט באַווייזן! יאָ, יאָ, אַזוי האָט ער עס באַגערט, אָבער צום סוף האָט ער, דאַכט זיך, דאָס קיין מאָל נישט דערפירט. ר׳האָט מער ווי איין מאָל זיך אַראָפּגעווײַנט פאַר עדען. תמיד האָט עפּעס אַ קלעם געטון. ס׳איז געבליבן די שפּירונג פון אַ פינצטער געוויין, וואָס מ׳ווײַנט פלוצלינג אַרויס מחמת גרויסער ענגשאַפט אין דער נשמה. אַ גאַליקע ביטערניש בלייבט ערגעץ אויפן דעק פון דעם געפיל, וואָס איז נישט אָפּצומעקן.

זיסקינד הענדעלעס האָט געטון כל־התפּעלות, אַז ער זאָל זיך אויס־מישן מיט די אַנדערע, וועלכע מ׳האָט מער געגרן. ער האָט זיך איינגעג־שמועסט: גאָרנישט אָרט אים; היימישע ריחות, פאַרפּלאָסענע קלאַנגען באַ־וועגן כלומרשט נישט זיין האַרץ, טרעפן נישט צו זיין געהער. פאַרטיק. פאַרשטראָכן ס׳געוועזענע, פאַרזיגלט אין האַרטן זאַק פון דער שכחה. עס איז קאַפּויערגעקומען דאָס נייע. ער הייסט שוין זדזשיסלאַוו קאַטשאָ־ראָווסקי. ער הויזט צווישן די, מיט וועלכע ער אַרבעט און ער פרייט זיך זייערע פריידן. גיט אַמאָל אין ברוסט אַ צופּ, פאַרשרייט זיך זדזשיסלאַוו קאַטשאָראָווסקי: עס זענען הוילע סענטימענטן — ער איז ווייט נישט אַזאַ צעקראָכענער. ער וועט זיך נישט אונטערגעבן.

אַן ענטגילטיקן שניט האָט ער געמאַכט מיט דעם, וואָס קען נאָך דערמאָנען „יענץ״. געפונען פריינט אין דער נייער סביבה, האָט ער גע־זוכט מיט דעם נייעם זיך שטאַרקער צו פאַרקניפּן. ער האָט גענומען אַ ווייב פון דעם שטאַם, צו וועלכן ער גאַרט מיט זייַן גאַנצן מהות. העלענאַ סאַדאָווסקאַ איז פון אַלטן שלאַכעצקן יחוס, זי איז נאָבעל און געבילדעט.

און נישט בלויז מיטן ווייב האָט ער זיך פאַרפאַנצערט — ער האָט גוט געטראָפן מיט דער גאַנצער משפחה, מיט אירע שוועסטער, מיט די שוואָגערס און מיט דער באַיאָרנטער, גראָער מומע, ביי וועלכער דער שאָטן פון קריסטוס־צלם פאַרנעמט אַן אָנגעזועון אָרט.

און ער איז הפנים צופרידן, זדזשיסלאַוו קאַטשאַראַווסקי. די טעג פאַרזיסט אים נאָך דאָס פאַרשטאַנדיקע ווייב, וועמען ער האָט זיך אָנגעטרויט מיטן גאַנצן לייב און לעבן. ער האָט איר דערציילט פון אַלעם, וואָס האָט ביז איצט געצערט זיין האַרץ. כאָטש אַ פרעמד־גלויביקע (געוויס איז זי אַ פרומע; זדזשישעקן צוליב האָט זי פון האַלדז אַראָפּגענומען דאָס גאָלדענע קרוציפיקסל, וואָס האָט אויף אַ דין סאַמעטל זיך געבאָמבלט איבער איר בוזעם), לאָזט זי פון צייט צו צייט אַרויס אַ מיטפילנדיקן קרעכץ אויפן גורל פון דעם פאָלק, וואָס איז אַזוי פיל געפרוווט געוואָרן.

איבער זדזשישעקן, דעם ניי געבוירענעם מענטש, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שמייכלענדיקע זון, די לבנה האָט ליבלעך אים צוגעלויכטן. מינוטנווייז דאַכט זיך זדזשישעקן, ער האָט דערגרייכט אַ שטאַפּל פון וואָרן גליק. ער באַדויערט נאָר, וואָס אים זענען שוין אַוועק אַ סך טריבע יאָרן. אַ סך פאַרשפּעטיקט.

אָפט מאָל איז ער אפילו גליקלעך, זדזשישעק, כאָטש דער מענטשישער צווייפל הויבט אַמאָל אויף איבער אים דעם סילועט פון זיין קאַנטיקן שאַרבן. אויפריכטיק פרייט ער זיך, ווען אין זיין הויז באַווייזט זיך דאָס בלאָנדהאָריקע מיידל זאָכע. ווי ער, איז זאָכע זאַט מיט יידן־צרות, הגם אין פאַרגלייך מיט אים איז זי נאָך זייער יונג. נאָך די ערשטע „אַקציעס” אין געטאָ איז זי געבליבן איינע אַליין — אַ קינד אויף דער גאַס. אַליין האָט זי אַרויסגעפויזעט פונעם הפקר, וועלכער האָט זי פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט. דער האַקנקרייץ האָט אומעטום געשטשירעט. אויך קליינוואַרג נישט געשוינט. וואָס דאָס מיידל האָט אויסגעליטן איז שווער אויסצומאָלן מיט די פאַרבן פון דער תוכחה. אַרויסבאַקומען זיך פון אַלע נויטן, איז זי היינט אַ גאַנצע דאַמע. פאַרענדיקט אַ הויך־שול, שפּאַנט זי איצט אַנטקעגן נייע אָנהייבן, וועלכע דאַרפן זיך ערשט פונאַנדערפעענען פאַר איר. זי איז אַ מיידל אין די אויבערשטע צוואַנציקער, איר פּנים איז זומערגעשפּרענקלט, אָבער נישט מיאוס. זי איז ווייבלעך,

סובטעל און מיט האַרבע, כמעט מאַנצבילשע אַמביציעס. „איך בין זעלבסטשטענדיקער מענטש", רימט זי זיך אין באַוווסטזיין פון איר ווערט. זי וויל מער נישט וויסן פון איר אָפּשטאַמונג. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרלייקענען, אַז איך בין אַ יידישקע, זאָגט זי, אָבער אַזעלכע וויל איך נישט זיין. מיין מאַמע האָט געהייסן רייזל, איך בין געבוירן חנה — די מאַמע האָט ליב געהאַט חנהלען, חנהלע איז געצערטלט געוואָרן אויף יידיש, אויף מאַמע־יידיש. דאָס געטאָ האָט אַלץ באַגראָבן: דער מאַמען, מיין קינדהייט און מיין נייגונג צו טרערנבליפּ. איך וויל מער נישט טראָגן דעם קרייץ פון יידישער פּלאָג. איך וויל ווערן אַ מוטער, כאַפּט זי זיך אַרויס מיט רעגונג אין קול, אָבער איך וויל, אַז מיינע קינדער זאָלן נישט ליידן דערפאַר, וואָס זיי זענען יידישע. דאָס געשפּענסט, וואָס האָט מיין מאַמען יונגערהייט געפירט אין גרוב אַריין, דאָס געשפּענסט גייט מיר נאָך. איך וויל נישט, כ'באַשטיי נישט, און באַסטאַ! — שרייט זי, די פאַננע זאָכע. געגוג, אַז מ'דערמאָנט איר בלויז דעם געוועז.

זאָכע וווינט צווישן קריסטלעכע מיידלעך. אין אירע פענצטער לאַכט אַריין יעדער אין דער פרי. זי לעבט מיטן לעבן פון אירע „קאָלעזשאַנ־קעס" און זי חלומט וועגן פאַרלייגן אַן אייגענע משפּחה־נעסט. זי איז נישט קיין שעמעוודיקע; מיט באַקאַנטע רעדט זי גאַנץ פריי וועגן דעם.

זי איז נישט קיין יידישע, זאָכע באַראַנאָווסקאַ. אירע פּערזענלעכע פּאַפּירן זענען שוין פולשטענדיק אין אָרדענונג. זי האָט אַ טויף־פּאָטער, זי גייט צו גאַסט צו דער טויף־מוטער. זאָכע זוכט אַ פּאַרטנער, אַ בלאָנד־האָריקן, אַ ראַסאָווען און געזונטן קריסט.

איר ציל איז געגוי אָנגעצייכנט — זעלבסטשטענדיקייט האָט זי שוין דערגרייכט. זי איז ענערגיש. מיט אייגענע מי האָט זי דערוואָרבן איר בילדונג. זי איז שכלדיקע פרוי. איצט איז די צייט אויף מוטערשאַפט ביי איר.

קינדער אויף אומקום וועט זי נישט האָבן. זדזשישעק ווייסט, זי איז אַן אַנטשלאָסענע.

קוקנדיק אויף איר שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ. און אַז זי גייט אַוועק, זוכט ער אין זכרון, וועמען, אַ שטייגער, ער קען איר שדכענען, דער ווילער זאָשקען.

זאָכען גייט שוין דאָס זיבן און צוואַנציקסטע יאָר. זי דאַרף מאַכן אַ קאַריערע, — טראַכט פאַן זדזשישעק, און ער באַשליסט זיך דורכצורעדן מיט דער פרוי. זיין העלענע איז אַ גוראַטענע. זי האָט ברייטע פאַרבינדונגען אין דער געזעלשאַפט.

— פאַרשטייסט, זדזשיסלאַוו קאַטשאַראָווסקי איז שוין אַרויס פונעם לעצטן, פון דעם איבערלעצטן קרייז פון גיהנום. ער איז אַריין אין אַ נייער הויט. ער פילט זיך, זאָגט ער, אויסגעצייכנט. איִם איִז נאָענט די פאַננע זאָכע. ער דאַרף איר אויסגעפינען אַ לייטישן שידוך. פאַני העלענע וועט זיך אַרומקוקן. זי וועט שוין העלפן, העַ?

ער פאַרענדיקט נישט דעם געדאַנק, וועלכן ער האָט אויסגעשפּונען פאַרן חבר, דעם מיטווויגער פונעם קליינעם, עלנטן צימערל מיטן אַרויסבליק אויף דער רוישיקער גאַס. פאַר זיין אויג וויקלען זיך קאָנסטרוקציעס פון נייע, הויכע געביידן, עס שטייגט דאָס געפלעכט פון רושטאָוואַניעס.

דערזען דעם בלייכן קין פון זיין פריינד, האָט ער מיט אומווילן אין זיך אַרויסגעשריגן דאָס געשריי פון זיינע וויטיקן:

— פאַננע זאָכע וועט מאַכן אַ קאַריערע. אירע קינדער טאָרן נישט זיין קיין יידישע. יידישע יונגע לייט מעגן אויסגיין פון ברענענדיקער בענקשאַפט, פון אַליינקייט. אייביקער צער מוז זיין זייער גורל. פאַננע זאָכע, ווי איז דיר, ווינד איז אונדז, פאַננע זאָכע, איינגעבראָכענע דו.

אַזוי אָן אַ סוף. פונקט אַזוי ווי עס ציען זיך די געשיכטעס וועגן די עלנטע, די אָפּגעפאַלענע פונעם יידן־בוים, פונקט אַזוי ציט זיך דאָס געשריי, דער יאָמער פון די באַליידיקטע און איינזאַמע.

לפנים וועגן (עס אַרט אים אייגנטלעך שוין נישט) פאַרבייסט ער די ליפּן, דער דערציילער, און זיי פאַרקראַמפּן זיך פון אינערלעכן, ביטערן געשריי.

***

ביז שפּעט אין דער נאַכט גייען אָן צווישן די חברים די אומעטיקע, אויפרעגנדיקע שמועסן. און איטלעך מאָל איז מען מוסיף אַ מעשה וועגן

אַן אָפּגעדאַרטן בלאַט. בלאַט נאָך בלאַט און פריער האַרבסט פאַרקלייבט זיך אין געמיט פון די פריינט. ביידע זענען זיי טרויעריק. זיי האָבן פאַרלוירן די משפּחות און בויען זיך היימען פון דאָס ניי האָבן זיי עפּעס נישט קיין כוח. אָפּט מאָל שטעלן זיי זיך אין נאַכטישן פענצטער אַריין, זיפּצן אַרויס דעם זיפץ פון פאַראַליזשירנדיקער אָפּהענטיקייט:

— ווי מאָדנע איז דער מענטש! אַבי מען זאָגט, ער איז שטאַרק, ער איז אייביק. עע! ער איז ליים, איבערגעברענטער ליים, דער מענטש, פּלאַצט ביי אַ ליאַדע קלאַפּ. און צעשיט זיך. אייביק איז נאָר די נאַטור.

ס'טרעפט: די פריינט שטייען לאַנג אַזוי, קוקן איינזאַמע צו די מיניעדיקע שטערן און באַוואונדערן זיי. די נאַכט הילט זיי איין אין איר לאַשטשנדיקער שטילקייט און ווי פאַרבלאָנדזשעטע דערפירט זי זיי צום באָרטן פונעם גרינלעכן פרימאָרגן.

אַ קינד הוסט

מיד, לאַנג נישט אויסגעשלאָפּענע איז מען געשטאַנען אין די וואַ־גאָן־פענצטער און נישט געקענט זיך אויסוווּנדערן: ס'אַרע געגנט! וואַ־וואַא...

— ס'איז נידערשלעזיע.

— אַזוי־וי? דאָס איז עס... אַלץ אַז מ'זעט!

— גאָר פיין, — האָבן אַנדערע אויסגעבאָמקעט, קוקנדיק אויפן פאַר־ביישווימענדיקן בערגלדיקן לאַנדשאַפט.

הפנים, עס איז געבליבן נאָך איבערצוקייען דאָס געזעענע. דערנאָך האָבן זיך געהערט שטימען: גענוג! מער וועלעך זיך נישט שלעפן.

אַ סך יידן איז עס געפעלן געוואָרן. אויך ד"ר יצחק קורץ האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט.

אַראָפּ פון עשעלאָן איז ער אַריין אין דעם שטעטל — אייגנטלעך אַ היפּשע שטאָט מיט טורעמהייזער, מיט גאָרטנס. אַ שטיל אָרט אַזאַ, וואָס קען צוציען אַ מידן.

עס איז גראָד געווען גרויסער זומער. די ליכטיקייט האָט צוגע־שפּילט, די רואיקייט האָט געלאָקט.

אַראָפּ און פאַרנומען אַ געראַמע דירה.

— אָט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ דאָקטאָר — האָט ער געזאָגט דעם ווייב.

יהודית האָט אים באַגלייט דורך אַזוי פיל שוועריקייטן, זאָל זי האָבן אַ שטיקעלע פאַרגיטיקונג. אָנגעליטן זיך, מעג איר שוין גוט זיין.

— און פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע נישט הייסן פאַני דאָקטאָראָווע?

זי האָט בלייך געשמייכלט.

שפּעטער האָט זי זיך אַרומגעקוקט. דאָס מעבל, וואָס איז דאָ געבליבן

נאָך עמעצן, קען אויסגעביטן ווערן. די דירה אָבער איז אין איר גוסט: אַ באַקוועמע פּלאַנירונג, אַ לאַנגער קאָרידאָר, באַזונדערע אַריינגענג. פאַר איזידאָרן אַ שיינער קאַבינעט — — דער־אַ צימער וועט זיין אַ וואַרט־זאַל: אַ טישל, אַ פּאָר פאָטעלן, אַ וואַזאָן, זשורנאַלן. גוט, וואָס מ׳האָט מיטגע־בראַכט מכשירים...

דאָס איבערעמפינדלעכע אינערלעכע אויג אינעם מענטש, וואָס זעט תמיד דאָס, וואָס מ׳וויל נישט זען, האָט יהודיתעס געדאַנק באַלד שאַרף אָפּגעוואָנדן אָן אַ זייט: ווו וואָלט מען געגאַנגען דאָ זוכן אַ סטעטאָסקאָפּ, אַ פינצעט, אַ האָלדז־שפּיגעלע?... אין דער אמתן: אַ שיין אָרט, נאָר אַ טויטס. אָבער תיכף האָט זי געגומען זיך איבערשרייען: הי וועלן זיי פון דעסטוועגן אָנהויבן פון דאָס ניי. ס׳האַרץ זאָגט איר...

אויגנבליקלעך האָט זי זיך געביסן דערפאַר: „זי שמועסט זיך איין״. און פרומלעך האָט זי זיך פון דעסטוועגן בעת־מעשה געבענטשט פאַר דער עקשנות, מיט וועלכער ס׳האָט געאָטעמט איר גאַנצער מהות.

...אייגנטלעך האָבן ביידע געטראַכט דאָס זעלבע. ווייל זינט זיי האָבן זיך באַגעגנט, איז דער וועג שוין אַ בשותפותדיקער, איינער. און שטי־לערהייט — דער טרוים: מ׳עט זיך אָפּשטעלן אויף אַן אָרט, וועט ער עפענען אַ קאַבינעט.

פון דעסטוועגן האָט ער איצט מאָדנע געשטויגט, ווען ר׳האָט אַ וואָרט אַרויסגעבראָכט וועגן דעם; זי האָט זיך געוויטלט, גלייך מ׳וואָלט זיך באַדאַרפט שעמען מיטן טראַכטן פון אַזוינס. ערשט איצט, צומאָרגנס נאָכן גרויסן חורבן.

און אין תחילת איז טאַקע געווען גאָרנישט פויגלדיק: מענטשן זע־נען געוווינט געוואָרן רק צו נעמען, געבן — אַ מינדסט נישט. אַלץ — „דער קאָמיטעט״. מ׳ברויך, צי מ׳ברויך נישט; מ׳גיט — נעמט מען. און איז מען קראַנק געוואָרן, איז מען אויך אַוועק אין קאָמיטעט. דער קאָמיטעט איז פאַר אַלע זאָרגן דער גרעסטער זאָרגער. דער קאָמיטעט גיט, איז ער נישט חולה צו געבן אַ דאָקטאָר אויכעט.

אַן איינציקער יידישער מעדיצינער צווישן אַזוי פיל יידן, אַן עין־הרע, איז דאָקטאָר קורץ אויסגעריסן געוואָרן אין דעם אָרט, וואָס איז געווען אויסגעליידיקט פון דער איינגעזעסענער איינוווינערשאַפט. ס׳האָט

זיך געשפּירט: אויסגעוועפּט דאָ אַ לאַנג איינגעהיטער אימפּעט. געבליבן איז נאָר אַ הינקענדיקער דייטשישער זקן און אַן אויסגעדייוועדטער הונט, וואָס רירט זיך נישט אַוועק פון זיין בודע. כאָטש קליין דאָס מקום, האָט דער דאָקטאָר גאַנצענע טעג געמוזט זיך אויסדרייען די פּיס; ער האָט געטראָטן איבער אומבאַקאַנטע גאַסן, געקראָכן אויף טויבע שטאָקן. ביז ער איז דערגאַנגען צו די פּאַציענטן האָט ער געדאַרפט לאַנג זוכן אין די ווילֿיעס, וואָס זענען פאַרשטעקט צווישן ביימער־פאַרוואָקסעניש, זוכן אין די ענגע ליקן און אין די פינצטערע קאָרידאָרן פון פאַרלאָזענע מרה־שחורהדיקע מויערן. אומעטום האָט דער דאָקטאָר זיך אָנגעשמעקט מיט די גערוכן פון פאַרוואָרלאָזטע באַלעבאַטישקייטן, וואָס האָבן באַשיימפּער־לעך זיך געהאַלטן אויף דערווייל; ער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט אינערלע־כער מענטשישער צעריסנקייט.

— אפשר ׳עט מען אין אַן אַנדער שטאָט געפינען אייגענע... — האָבן מענטשן אומעטום גערעדט.

— דאָ וואָלט גוט געווען, נאָר ס׳איז עפּעס נישט. די פרעמדקייט בייטשט.

יעדער האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט עפּעס אומזיכער.

נישט ווילנדיק האָט מען אַ ריס געטון דעם נערוון־קנופּ ביים באַ־שיידענעם דאָקטאָר, וואָס באַהאָרכט דעם קראַנקן און טוט זיך אָן אַ כוח נישט צו צוואָרפן זיינס אַ זייטיק וואָרט. מ׳דאַרף נישט צולאָזן — פלעגט ער זיך יעדעס מאָל מוסרן און אַוועק אַ צענומענער.

צווישן יידן, אַזוי פיל יידן, האָט ביי ד״ר קורץ זיך געכפּלט זיין אייגענער עלנט. און אין דער היים האָט ס׳ווייבל אים נאָך באַגעגנט מיט אַ זויערער מינע. פאַרנעמענדיק דאָס טריפן פון דער אָנגערירטער אייגע־נער ווונד, האָט דער מענטש נישט אויסגעמיטן צו דערפילן, אַז דער ווײ־טיק פון זיין שטוב איז איצט בפירוש נישט דאָס, וואָס יידן גייען אַרום נישט היגע. דער עיקר איז: ס׳ברעקל לעבן, וואָס איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין דער־אָ דירה, וויל גערדייען.

אַ הויז באַדאַרף, און דאָס, וואָס ער טוט און טוט ברענגט נישט קיין פרנסה.

אין יידישן קאָמיטעט רודערט זיך טאַקע, דעם דאָקטאָר באַשטעלט

מען אויף וויזיטן, אַן אַמבולאַטאָריע איז אויך שוין געעפנט, אָבער צו אכלען, פּראָסט פּשוט צו אכלען איז נישטאָ אין שטוב ביי ד״ר יצחק קורץ.

ס׳נישט קיין תכלית!

געקווענקלט זיך: עפענען, צי נישט עפענען אַן אייגענעם קאַבינעט אין דעם מקום — און אפשר זיך אַרויסרירן פון דאַנען? מענטשן גייען אַוועק פון דאַנען, וועט מען נישט זיין קיין אויסנאַם, האָט ער געטענהט.

באַשטימט האָט עס יהודית, וועלכע איז אין צווישן פאַרגאַנגען אין טראָגן.

— איזידאָר, צייט דו זאָלסט ווערן ד״ר קורץ. אומעטום איז די זעלבע וועלט, אומעטום דאַרף מען לעבן.

און אין דער שלאָסגאַס, פאַרן טונקל־געמאָלטן אַריינגאַנג פונעם הויכן ראָגאָווע הויז איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אַ שילדל: ד״ר אי. קורץ, אויפנעם שעהן 3—6 אָונט״.

די גרויסע דירה האָט פּאַמעלעכקע אָנגענומען אַן אַנדערע מראה.

*
**

זי האָט אויך איינגעשטעלט דעם טאָג פון ד״ר קורץ.

— איזידאָר, פון 9 ביז 12 ביסטו „זייערער״, דער קאָמיטעטסקע דאָקטאָר. צוועלעווע געהערסטו דער שטוב. פאַרשטיי: אַנדערש קען עס נישט זיין. משפּחה איז אויך עפּעס. און ד״ר קורץ דאַרף האָבן זיין מיטיק־שעה. דערנאָך — דער אויפנעם פון פּאַציענטן.

— אַזאַ שטאָט, וואָס דער דאָקטאָר פּלאָנטערט זיך אַ גאַנצן טאָג צווישן אירע לייט, אַזאַ שטאָט וועט קיין מאָל נישט האָבן קיין רעספּעקט פאַר ד״ר קורץ. ד״ר קורץ דאַרף זיך פירן גרויסאַרטיקער, אויב ר׳וויל האָבן צו לייגן אין מויל אַריין.

אַזוי האָט דאָס ווייבל געקנעלט מיטן מאַן און אין גיכן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן פּאַציענטן.

פון יענער זייט שויבנטניר האָט זיך אָפּט צעקלונגען ס׳עלעקטרישע גלעקל. ד״ר קורץ, אַ גליקלעך אויפגערעגטער, האָט זיך גענומען האַלטן וויכטיק.

און ס׳זענען געקומען און ס׳זענען געגאַנגען פּאַציענטן, פּאַציענטקעס. יעדער מיט זיין סוד, יעדער מיט זיין ווייטיק. אַזוי שטיל ווי אַריין, אַזוי שטיל זענען זיי אַרויס.

דער דאָקטאָר איז געלאַסן, די בילדער אויף די ווענט קוקן סאָליד און דאָס טרעפּן־הויז, וואָס פירט די מענטשן צו דאָקטאָר קורצס קאַבינעט, איז ברייט און שטענדיק באַלויכטן פון אַ טריבן, נאַכטישן פלאָם.

משמעות, ד״ר קורץ האָט שטאַרק אויסגענומען. זיין שם איז געגאַנגען אין שטאָט און אין די ווייטלעכע דערפער.

אין הויז האָט זיך געוויזן פּרנסה. אויך אַ טראָפּן ליכט האָט וואַרעם אַריינגעדרונגען —

אַ יונג קינדעריש קוויטשל האָט דורכגעבראָכן די אומעטיקע איינגעגליווערטקייט.

***

...ער, ד״ר קורץ, וועט זיך נישט באַקלאָגן, אַז ר׳איז אַן אויסנאַם. אַלע האָבן מוראדיק געליטן, איטלעכן ייד איז אָפּגעריסן געוואָרן אַ לעבעדיקער אבר. וועמען איז נישט געשאָכטן געוואָרן דער טייערסטער? געגנוג הויכן צינש געצאָלט.

אין סך־הכל איז ער מאַט. הגם ר׳איז נאָך יונג, ווילט זיך מער נישט איינרייסן אַ וועלט. ער האָט ס׳אויסקומעניש — איז דיינו. ס׳גייט זיך דען צו פאַרזאָרגן? מ׳האָט געזען, ווי דורותדיקע יידישע מי איז אָפּגעווישט געוואָרן מיט אַמאָל.

צו אָפּט טראַכט ער דערוועגן. ס׳אַ ביטער געפיל, אָבער באַפרייען זיך דערפון איז ער נישט ביכולת. עס פאַרפאָלגט ווי דער אייגענער שאָטן. ס׳איז גורל.

און גערנוויליק זיך דערמאָנען ס׳פאַרלאָפענע, ווילט זיך אוודאי נישט. פאַרקערט, מ׳דאַרף אַנטרינען פון דעם. אָבער ס׳אַן אומגליק. ביי אַ יעדן שריט איז דער זכרון עלול זיך צו וועקן, און ווי צו טון.

אָט דאָס קליינטשיקע מיטן קיילעכיקן נעזל און בלאָע אייגעלעך. עס דערמאָנט! טאַקע, מתוך פרייד דערמאָנט עס: יענע וואָלט שוין געווען

16 יאָר אַלט — זיין טאָכטער. אַ פריילין אַ גאַנצע. אַ באַזונדערער מיידל־צימער פאַר איר, בלאָ־זיידענע בענדער אויף די פאָרהענגלעך, דער פלאָ־טער פון באַהאַלטענע ליבע־בריוולעך וואָלט זיך שוין געטראָגן אין הויז — — — גראָד ווי צו לעכערן זיין פּאַטעריש האַרץ זעט ער זי אַ שלאַנקע, אַ בלאָנדצעפּיקע מיט חן־גריבלעך אין די פולכּנע באַקן. און זי... איר געלעכטער, יהודיתעס, דערמאָנט אים אין יענער. וואָס פאַראַ קלוגע מאַמע די רחמה איז געווען פאַר שושנהן!

גאָט, שטראָף נישט מער דיין קנעכט! — האָט אים אַ ווערג געטון די צעבראָכנקייט. שענק אַ ביסל לויטערקייט מיין פאַרטונקלטן אויג.

פּונקט ווי אַ וואָרעם אין דער ערד האָט ד״ר יצחק קורץ זיך געדרייט אין די יסורים פון זיין געמיט.

דאַכט זיך — דאָס קען זיין אַ טרייסט, האָט זיך אין אים דורכגע־שלאָגן אַ שפּיציק שטראַלעכל דערמוטיקונג. ס׳קליינענקע איז אויף דער וועלט געקומען אויפן אָרט פון יענער. ס׳אַ פּלאַסטער אויף דער רויער ווונד. אַ פרייד איז עס פון דעסטוועגן, ס׳יינגעלע מיטן פּיטשינקן נעזל, — אַ געשפּאָלטענע פרייד. זי האָט עס אים אַריינגעטראָגן, יהודית. אַנדערש וואָלט ער דעם קאָפּ נישט געקענט אויסגלייכן קעגן דער זון; אויב נישט זי און דורך איר — דער נחתדיקער ראַפּוש.

אוודאי, ער באַקומט שוין אַרויס פון זיך אויך אַ שמייכל.

אַלץ זי. איר האָט ער עס צו פאַרדאַנקען. און מיטן קינדס ליכטיקן נאָמען האָט ער אין זיין קליינעם וועלטל איינגערינגלט דעם נאָכקלאַנג פון דער גאַנצער אַמאָליקייט זיינער.

האָט מען דאָך אין זיין געבוירן־אָרט דעם טאַטנס נאָמען אַרויסגע־רעדט מיט ליבשאַפט:

— ר׳ רפאל. ר׳ רפאל קורץ.

און מיט ר׳ רפאלס פּאַטערשער ליבשאַפט איז ער דאָך אַרויסגעקומען פון אַלע נסיונות, וואָס האָבן געלויערט אויף אים. ער גלייבט: אָט די איידעלע אויסשטראַלונג האַלט אים ביזן היינטיקן טאָג. אַנישט וואָלט ער זיך גאָר צעטרענצלט. אַ גרויסע גאָב די פּאַטערשע ליבע. און איז אים באַשערט געוואָרן, וועט ער מיט אַלע כּוחות וואַרעמען זיין קינד. דאָס וועט אים שטאַרקן. אַנדערש וואָס איז — לעבן? מ׳דאַרף האָבן צו וואָס זיך

צוצוטוליען. אמת, ר'האָט שוין אַ סך מאָל געטראַכט: ר'וועט זיך קיין מאָל נישט באַפרייען פון דעם וויטיק, וואָס די פאַרשניטענע האָבן אין אים געלאָזן. ר'איז אָן אבל, כאָטש ר'האָט מיט הונגער זיך געוואָרפן אויף אַלעם, אַלעם. דער חומרדיקער קנויל רייצט זיין מענטשישן געלוסט. ער מוז לעבן.

איז צוזאַמענגעבראָכן זיך האָט ער נישט קיין רעכט — האָט ד"ר קורץ אָפּגעמאַכט ביי זיך.

און ער האָט זיך געפרייט מיט זיין אָרימען ביסל פרייד.

***

ווי געוויינטלעך אין די פאַרנאַכטן האָבן פאַציענטן זיך באַוויזן אין וואַרט־צימער פון ד"ר קורץ. געקומען זענען יונגע מענטשן מיט בלאַס־געוואָרענע נעזער, מיטליאָריקע פרויען מיט פאַרדעכטיקע גרימענישן אין די געדערים און ס'זענען געווען עלטערע לייט, וואָס ווייסן נישט פאַרוואָס עס רוישט זיי אין די געהירן און ביינאַכט נעמט זיי נישט דער שלאָף. ס'האָט געטראָפן, אַז אין וואַרט־צימער האָבן זיך באַגעגנט יונגע־לייט, וואָס איינע פאַר די אַנדערע האָבן זיך שטאַרק געהיטן. ד"ר קורצס קאַבינעט האָט אַלעמען פאַרשלונגען צוזאַמען מיט זייערע סודות. די מענטשן זענען דעם דאָקטאָר געווען דאַנקבאַר פאַר זיין פאַרטרוילעכקייט און זיי האָבן אים אַנטפּלעקט אַלע זייערע פאַרבאָרגענישן.

אַנומלט האָט צו ד"ר קורץ זיך געוויזן אַ יונגע דאָרפישע פרוי און אויף איר האַנט אַ צוויי־חדשימדיק קינד.

— אייך אונטערזוכן, צי ס'קינד? — האָט ער געפרעגט.

— ס'קינד, פאַניע דאָקטאָר. עס הוסט שטאַרק.

דער דאָקטאָר קוקט דעם קינד אין העלדזל אַריין, ער באַהאָרכט די לונגלעך, באַטראַכט דעם קינדס אויגן, לייגט נאָך אַמאָל צו דאָס אויער צום פלייצעלע און דער סטעטאָסקאָפּ פאַלט אים פון האַנט אַרויס. עפּעס איז עס נישט דער הוסט! אַנדערש זינגט עס אין דער קינדערישן לייב. ר'מוז נאָך אַמאָל אַ זוך טון.

ווידער אַמאָל מאַטערט ד"ר קורץ דעם יונגענקן פאַציענט, און דאָס

צאַפּלט זיך און שרייט אין דער מוטערס האַנט. ער געפינט גאָרנישט. ד״ר איזידאָר קורץ. ווער ער קיין דיאַגנאָז נישט שטעלן? צו אַלדי טייוול אַ הוסט!

— ביטע, זעצט זיך באַקוועמער — זאָגט ער שוין אַן אויסגעשעפּטער, קוקנדיק דאָ אויף דער מוטער, דאָ אויפן טייגיקן קערפּערל פונעם קינד.

אַז ס׳קינד איז שוין געווען אין גאַנצן רואיק, האָט ד״ר קורץ פאַר־זיכטיק זיך צוגערירט צו די פּיסלעך און לייכט זיי אויפגעהויבן אין דער הויך. ס׳קליינע האָט פון סניי זיך צעשריגן. נישטערנדיק מיט זיינע שוואַכ־זיכטיקע אויגן איבער די פּיסלעך האָט ד״ר קורץ אונטער דער הויט פון די ווייכע זוילעכלעך געפונען שוואַרצלעך־רויטע פלעקן ווי פון פאַרזעצט בלוט.

„האַ, וואָס איז דאָס... זאָל עס זיין — לועס?״

פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און ער פרעגט:

— מאַמענקע, האָט מען ביי אייך אַמאָל אונטערגעזוכט דאָס בלוט?

— יאָ, — ענטפערט די יונגע פרוי און זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.

— אַזוי... — בייסט ער אַ ליפּ — איז דאָס ברעקל פאַרמושבט, — מורמלט ער צו זיך. — נו, ווענדט ער זיך ווידער צו דער פרוי — איר קענט אָנטון דאָס קינד.

פאַרשריבן אַ רעצעפּט און ער דערלאַנגט עס איר:

— נאַט אייך. מיט דעם גייט אין אַפּטייק אַריין. יעדע צוויי שעה צע־לאָזט אַ פּראָשעק אין זיס וואַסער און גיט עס דעם קינד אויסצוטרינקען. און מיט דעם — פּאַקט ער איר אין האַנט אַריין אַ צווייט פּאַפּירל — ווענדט זיך אין לאַבאָראַטאָריע. מיטן ענטפער ווערט איר קומען צו מיר. נישט אָפּשלעפּן, איר הערט?

בעת מעשה חזרט ער איבער דעם דיאַגנאָז: „לועס, לועס״, נעמט צוריק ס׳פּאַפּירל, שרייבט צו אַ פרעג־צייכן און גיט עס איר ניט אַ זאָג:

— מירן זען.

און מ׳האָט געזען.

ד״ר קורץ האָט געקוקט אויפן צעטל און געקוקט אויף דער יונגער פרוי, וועלכע איז פאַר אים געשטאַנען אַ נידערשלאָגענע. וואַרפנדיק אַ זייטיקן בליק אויפן דאָקטאָר, זענען אירע אויגן איבערגעלאָפן געוואָרן

מיט אַ טרעריקן גלאַנץ. אַ מינוט פאַרלוירנקייט, וועלכע ער האָט תּיכּף נישט געקענט בייקומען און ד״ר קורץ האָט איר געפּרעגט אַריבער די ברילן זיינע:

— האָט מען אויך אייך געמאַכט אַ בלוט־אַנאַליז?

איר קאָפּ איז אַראָפּגעזונקען. דער דאָקטאָר האָט פון דער פרוי דאָך געוואָלט עפּעס הערן. אַזאַ קען דאָך עפּעס זאָגן, פאַרלייכטערן דעם דאָק־טאָר. ער האָט גערעדט און זי — ווי אַ שטיין.

— איז דעם קינד לייכטער אויפן הוסט, מאַמענקע?

אין אָנשטרענגונג פון איר שוויגן, האָט אין מוח פון ד״ר קורץ ווי צו להכעיס זיך צעבאַלבעט אַ נישט ניחאדיקע צופרידנקייט מיט זיך: „הייסט עס, איך האָב נישט געבלאָנדזשעט!״ אין האַנט ביי אים האָט געשאַרכט דאָס בלעטל פון באַקטעריאָלאָגישן אינסטיטוט און אַריבער די גרויסע אויגן־גלעזער האָט ער, ווי פאַר זיך, שטיל סקאַנדירט: וואַסערמאַן־רעאַקציע + + + +

מחמת איינצייטיקער איבערגעלאָדנקייט פון ווידערווילן, וואָס האָט אימפּעטיק געווירן אין אים, האָט ד״ר קורץ גענומען וויגן מיטן קאָפּ אין דער ברייט. ער האָט געמורמלט צו זיך:

„טרויעריק, טרויעריק. מיין טאַטנס יאָרנלאַנגע מי, זיין אויסגעהאָרע־וועט געלט איז טאַקע נישט געגאַנגען לאיבוד, אָבער מיר איז לא־עלינו ביטער, ביטער ווי גאַל״.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, גלייך ווי ער וואָלט אַרום זיך גע־זוכט עמעצן. די פּאַציענטקע איז שוין געזעסן אויף אַ שטול אַן איינגע־הויקערטע און איבערן דאָקטאָר־קאַבינעט האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אַ געבראָכן פרויאיש געוויין.

**
*

דעם זעלביקן אָוונט איז אין דער וווינונג פון ד״ר קורץ איינגעטרעטן אַן אויסטערלישע שווערקייט. מיט אַמאָל איז פאַרטונקלט געוואָרן די שלווה, וואָס האָט, דאַכט זיך, שוין גענומען זיך אויסשפּרייטן איבער דער קליינער, מידער משפּחה.

ביים נאַכט־עסן איז ד״ר קורץ געזעסן אַן אָנגעדראָדלטער. מיט אומ־

ווילן האָט ער געקייעט דעם ביסן און גאָרנישט ווי זיין שטייגער, דעם ווייבל נישט געשאָנקען קיין מילדן בליק. אַן איידל געכאָוועטע האָט זי נישט אויסגעהאַלטן די פּלוצלינגע אומהיימלעכקייט און איז אַוועק פֿון טיש. זי האָט זיך אויסגעוויינט אין אַ ווינקל.

אַ פּאָר טעג דורכאַנאַנד האָט אַזוי אָנגעהאַלטן דער ערב שטורעם, וואָס איז געגאַנגען אויף דעם הויז. פֿון יעדן קער ד״ר קורצס האָט זיך געהערט אַן איבערדריסיק בלעזלען זיך פֿון זיין צעוויטיקטן געמיט.

ווען זי, יהודית, איז לסוף צו אים צוגעשטאַנען:

— איזידאָר, וואָס מאַטערסטו מיך? אפשר בין איך שולדיק, — זאָג. וועל איך דיר נישט זיין קיין שטער. ווי עס זאָל נישט זיין, איך וועל דיר בלייבן אַ פֿריינד... זאָג, נאָר פּייניק מיך נישט מער!

דעמאָלט האָט ער אויסגעשאָסן מיט אַ מאַנצבילשן שלוכץ:

— וואָס האָסטו זיך צוגעניגלט, יהודית! דו? איך קען עפּעס האָבן צו דיר? פֿאַרוואָס! דו האָסט מיר צוריקגעגעבן גלויבן, האָסט מיך צוגע־קניפּט צו אַ היים. מיך מאַטערט סתם אַזוי — דאָס טראַכטן. אַלץ אויס־געריסן מיטן וואָרצל. נישטאָ איצט קיין אָנהאַלט פֿאַר אַ מענטש, וואָס האָט זיך זיין וועג אָפּגעקליבן אין אַן אַנדערער צייט. כ׳בין שוין מסתמא אַלט, ווייל ס׳דערמאָנט זיך אַזוי פֿיל!

ער האָט גערעדט הייס, ממש געוואָרפֿן ס׳האַרץ פֿאַר איר — זאָל זי גלייבן, יהודית. אַז די אויגן זענען אים מיד געוואָרן פֿון בליקן אין ליכט אַריין, האָט ער זיך אויסגעצויגן אין פֿאָטעל און דערשפּירט אַ צי־עדיקע מידיקייט. דערנאָך האָט ער מילדער, שוין רואיקער גערעדט.

— כ׳האָב אַ סך זאַכן פֿיינט, יהודית. שאַדט נישט, מעגסט וויסן. כ׳האָב געהאַט אַ פֿעטער שמואל אין וואַרשע, איז ער געווען אַ שלייקע־מאַכער. כאַטש גיב אים אַ מאַיאָנטעק, ער זאָל נעמען נייען זאַקן־בענדלעך און אַנדערע ווייבערישע קלייניקייטן. ער מאַכט נאָר שלייקעס, הגם דאָס איז שווערער און ס׳באַצאָלט זיך ווינציקער. — יהודית, איך בין אַ זון פֿון רפאל קורץ, אַ רענטלעכער מענטש געווען און אַ גרויסער איבער־קלייבער. מסתמא בין איך אין אים אַ ביסל נאָכגעראָטן. שוין ווי אַ סטו־דענט האָב איך מורא געהאַט פֿאַר כירורגיע, כ׳האָב אַ ווידערווילן צו גינע־קאָלאָגיע. פֿאַרשטייסט? מיך שרעקט בלוט. אין אָנבליק פֿון אַנטפּלעקטע

מענטשישע איבגעווײדן שוידערט עס מיך. מיר איז באָענט די מיסטעריע פונעם מענטשנס האַרץ־געוועב, ס׳געזאַנג פון זיינע לונגען. די קאַפּריזן זייערע פֿאַראינטריגירן מיך. פאַר דעם האָב איך אַוועקגעגעבן יאָרן, יאָרן. און דאָ, נאָך דער אומגעהויערער בראָך, דאַרף איך ווערן אַ קונעפּאַל. כ׳פּאַטשקע זיך אין זאַכן, וואָס זענען מיר אומליב. כ׳קריך מיט לייב און לעבן אין יענעמס ברוד. באַנעמסט דאָס — לועס איז מיר שוין צוהאַנדן געקומען, לו־עס, סיפיליס! און ביי ווען? ביי אַ פּיצל קינד. פּאַרמיס־טיקטע טאַטע־מאַמע. ירושה, פאַרשטייסט, יהודית? עס איז אַן אָפּגעלעגן אָרט דאָ, מענטשן ליידן, אָבער איך קען נישט! פאַר מיין קינדס וועגן טאָר איך דאָס נישט. כ׳טאָר נישט. אַ קינד הוסט, יענץ קינד הוסט און דער הוסט איז אָנשטעקיק, איז שרפה, ס׳פּלאַקערט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער מענטש אַריינגעקלאָגט אינעם ווייב: ער וויל נישט, ער וועט מער נישט זיך גראבלען אין מיסט. ער וועט זיי טרייבן, די פּאַציענטן, מוחל, מוחל. ער איז אַ טעראַפּעווט, אַ טעראַפּעווט.

ס׳ווייב האָט אים קוים איינגענומען:

— איזידאָר, מ׳וועט ענדערן דאָס שילדל פאַר דער טיר: „דאָקטאָר קורץ — אינערלעכע קראַנקהייטן". אַנדערע פּאַציענטן וועסטו טרייבן, איזידאָר; איך וועל זיי טרייבן, איזידאָר.

אַ צייט לאַנג איז ד״ר קורץ נאָך אַרומגעגאַנגען אַן אויסגעבלייכטער.

דער משפט

(אַ פאָרשטעלונג)

פּאַמעלעך וויקלט זיך אויף די מגילה.

נאַראַטאָר:

אַ ביטערע נסיעה געווען. עס האָבן זיך געצויגן גראָע מדבריות, וויסטע טאָלן און פינצטערע, ביבלישע רואינעס אין ליים און פעלדז. תהומיקער אין־סוף און צוויבערגדיקער אָאַזיס האָבן זיך געביטן איינאַנדער. אַ נסיונות־דיקער וועג. איצט זענען די אויגן אָנגעשוואָלן. שלעפעריקע, מידע קוקן זיי אויף די היימישע ערטער. דו דערקענסט עפּעס? אַלץ אָפּגעפרעמדט, גאָרנישט דאָס אייגענע — — חורבן? אַן אָרעם וואָרט אַנטקעגן דעם שנייִדיקן געפיל. ווי עס פלאַקערט אויף, דרילעוועט אַדורך דעם מאַרך און שטאַרט! עס איז אויפגעוועקטער גרויל אין גליווער.

ווו בין איך? וואָס גלאָצט אַזוי דער זקן פון אָט יענעם פענצטער אַרויס! אַן אויסדאַכטעניש זאָגסטו? ס׳אַן עלנטער ריס בלויז אין אַן איינגעבראָכענער מויער פון דער אָפּגעמעקטער גאַס? לאָז געמאַך!

זעסט: אָנגעפּוישט פון שרעק איז דער גאַנצער אַרום. דער היינט און דער מאָרגנשטערן, וואָס איז נאָך אין דער מוטער־שויס פונעם קומענדיקן טאָג, ביידע שרייען זיי מיט קולי־קולות; און דער נעכטן, דער בלוטנדיקער נעכטן האָט גאָלע תרעומות: דערקענסט נישט? איך, איך בין עס! אוודאי, דיין היים. דיינע, דיינע, פאַרשטייסט נאָך נישט? נו, דאָס אָרט פון דיין וויגל, טאַטע־מאַמעס הויז... כיבע דו האָסט שוין אַלץ פאַרגעסן. וויי און ווינד. היימישס אַזוינס און נישט דערקענען!

אַזוי... פּאַמעלעך וועקט זיך דער מוח. עס איז פּאַרלוירנקייט מחמת יאוש; ווידערווייטיק נאָך אַ פּילבאַרן קלאַפּ. נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פאַרן בליק. עס קלעמט־אָן אַ ביטערער גלייכגילט — — אַלץ איז אמת. הלוואי וואָלט עס געווען גוזמא. די ווונד איז פיל גרעסער, דער ווייטיק שאַר־פער. די אַנומלטיקע בשורות פון דער ווייט זענען געווען בלייך אַנטקעגן אַלעם דאָ. באַנעמסט כאַטש? עס טראָגט זיך נאָך דער דושנער ריח פון בלוט, ס׳שפּירט זיך עסיקער רויך. אָ, די הויט פלאַצט פון דער נאָענ־טער שרפה, סמאַלעניש פון קרעמאַטאָריע קריכט אין דער נאָז אַריין, קרעלט אין האַלדז. מען ווערט דאָך דערשטיקט פון געקרעכץ. יללה יאָגט מיך נאָך, יסורים פאַרקרומטע פּנימער שפּאַרן אין אויג אַריין, קינדער־געיאָמער פון טויט־וואַגאָנען שטעכט אַדורך מיין בלוט. געטאָ, נויט און תליה איז די לופט פאַר מיינע לונגען. עס דערדריקט. אין די שלייפן ליאַ־רעמט עס און קלאָגט ווי אַן אומאויפהערלעכער שברים —

גאָלד־פאַרבלענדעניש, כלה־צירונג, ירושה־חפצים, — גאָלד! גאָלד!

עס שרייט און ברעכט זיך איין ווי לויה־ניגון:

— יידיש גאָלד, טרעבלינקע און — — בגידה! בגי־דהההה!

לאַנג און אייביק איז דאָס קלאָג־ליד, וואָס באַגלייט ס׳געדעכעניש פון פאַרשניטענע עדהס, געשענדטע אין טומאהדיקן אומזין.

דאָס ליד וויינט אויף דער לעסטערונג פון קינען, דעם ברודער פון הבלען.

און אַז אַ לייבלעכער ברודער שלאָגט דיך, איז עס ווייטיקלעכער ווי די עוולה פון אַ פרעמדן!

דורכגעלייטערט אין ווי, ווילט זיך דעם היינט שוין אויסטון פון דער שאַנד, וואָס קין האָט אומזיניק און בלינד געהרגעט.

דער ברענענדיקער ווייטיק דערוועקט זיך מחמת דער זינד פון ברו־דער קעגן ברודער; עס דערמאָנט דעם דערנעדריקן וועג, די פּיין, — עס בענקט זיך און ס׳לאָקט נאָך באַנייאונג! דאָך ווילט זיך אויסטראָגן די משא פונעם מאָרגן, וועלכער שפּאַנט סאָפּנדיק, באַרג־אַרויף.

ריינינקונג, ריינינקונג!

איר הערט, ווי איבערן לאַנד טראָגט זיך דער רוף פון די שרידי־השחיטה?

מ׳מוז בכן רופן צום משפט דעם נעכטן, וואָס טראָגט אין זיינע פאַלדן די איבערבלייבעכצן פון דעם בייז.

לאָמיר זשע, ברידער, אויסטון די שיך און, די פאַרשניטענע צוליב, מיט פאַרכטיקן שווייגן זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד, כדי בייצוּווינען דעם משפט איבער די חוטאים פון אונדזער מיטן.

זעט: אין די קליידער פון אַלטאָג זענען אָנגעטון די עלטסטע פון אונדזער געמינערטער עדה; זיי זענען אויסגעקליבן פאַר די שופטים איבער די פאַלשע, וועלכע האָבן געהאַט פאַרשטיינערטע הערצער פאַרן געוויין פון יונגע קינדער, זיי זענען געוועזן בלינד און טויב אויפן געקרעכץ און געבעט פון אונדזערע זקנים און יונגפרויען, געטריבענע ווי שאָף צו די טויטן־גריבער און קאַלכאויוונס. זיי, די פאַלשע און שלעכטע, וואָס האָבן זיך צעפלאַקערט אין הפקר, האָבן אָן רחמנות געטון אויף שייטערס אַרויפּ־וואַרפן אונדזערע מאַמעס און אונדזערע עופהלעך.

— ענטפּער!

(פאַמעלעך שפרייט זיך אויס די שיין פון דרויסן).

צייט: דער דריטער ווינטער נאָכן סוף פון חורבן־היטלער. אָרט: אַ שטאָט אין פוילן, וווּהין ס׳קומט מער ניט דער שבת פאַר יידן.

די סצענע:

גרויס און פּשוט אויסגעקאַלכט איז דער חלל, וואָס נעמט אַריין די לעבנגעבליבענע פון דער אויסגעליטענער עדה. דורך איין ברייט־צעעפנטער טיר שפּאַנען אַריין די יידן, ווייבער און יונגוואַרג. אַלע אויסגעבלאַסט, אין אָפּגעטראָגענע קליידער. פון אַ צווייטער, שמאָלער, זייטיקער טיר ווייזט זיך דער שולדיקער. רויט־פּנימדיק, פלייציק איז ער און אין געפּוצטע שטיוול.

שטרענג איז די שטילקייט, וואָס שטעלט זיך צווישן די איינגעזאַמלטע, ווען עס באַווייזן זיך די ריכטער, דער אָנקלאָגער און פאַרטיידיקער.

עלטסטער פון די שופטים (בויגט אויס דעם קאָפּ צו דער זייט פון דער שמאָלער טיר): איז געקומען צום משפט דער אָנגעקלאָגטער?

וועכטער: פאַראַן.

עלטסטער פון די שופטים (צום אָנגעקלאָגטן): מיר ווייסן ווער ער

איז, פון וואַנען ער שטאַמט. מיר וועלן נישט מאריך זיין מיט איבעריקע פרעגן. צי האָט ער באַקומען דעם אָנקלאָג־אַקט?

שולדיקער (שטייענדיק): באַקומען.

עלטסטער פון די שופטים (אַריינקוקנדיק אין די בלעטער, וואָס ליגן פאַר אים): דאָס געריכט טרעט צו פאַרלייענען דעם אָנקלאָג־אַקט אין דעם ענין פון ניסן דעם זון פון אברהם שמולעוויטש.

(ער לייענט. אין די פענצטער שטעלט זיך אַ כמורע שיין. ס'טונקלט. דער וועכטער צינדט אָן די לאָמפּן, וואָס זשמורען איבער די פּנימער פון די איינגעזאַמלטע).

עלטסטער פון די שופטים (גלייכט זיך אויס, הערט אויף לייענען): דער אָנגעקלאָגטער ניסן בן־אברהם שמולעוויטש האָט דאָ אויסגעהערט, וואָס עס וואַרפט אים פאָר דאָס איינגעשרומפּענע קהל. אין אָנבליק פון דער צרה ביים פאָלק האָט ער פאַרשטאָפּט זיינע אויערן פאַרן געשריי פון גרויס און קליין, וועלכע האָבן געקרעכצט אונטער דער רוט פון אכזריות־דיקן מושל. דער אָנגעקלאָגטער ניסן שמולעוויטש האָט געפּעלשט אין זיינע אייגענע, אין גרעסטן דוחק האָט ער זיי נאָך פאַרשטויסן און געפּייניקט, גלייך ווי ער וואָלט געשלאָסן חברשאַפט מיטן פיינט. זיין ווייב און קינד האָט ער געלאָזן אַוועקגיין מיט אַלעמען אויף פאַרטיליקונג, אַליין האָט ער געראַטעוועט זיין נפש. ער האָט נישט געטיילט דעם גורל פון די ליבלעכע. וואָס האָט דער אָנגעקלאָגטער צו זאָגן וועגן דעם?

שולדיקער (מיט אַ רואיקער שטים): אין אַלעם, וואָס מ'קלאָגט מיך אָן, האָב איך נישט געהאַט קיין חלק. שלעכטע מענטשן האָבן מיך מקנא געווען. זיי האָבן אַרויסגעלאָזן ווילדע שמועות וועגן מיר. אמת, איך בין געווען אין דער געטאָ־פּאָליציי, אמת, אַ גומענעם שטעקן האָב איך געהאַט. אַלע שומרים אין געטאָ האָבן געמוזט האַלטן גומי־שטעקנס. מ'האָט מיך געצוווּנגען איך זאָל טרייבן די יידן. אויף אַרבעט געמוזט טרייבן, רייניקן דעם שניי פון שטאָט האָב איך זיי געטריבן, שלעפּן שטיינער. אַזוי האָט באַפוילן דער קאָמענדאַנט. ביי די הריגות בין איך נישט געווען. איך האָב זיך שטענדיק געפילט אַ ייד. איך בין אומשולדיק.

עלטסטער פון די שופטים: דעם 19טן טאָג פון יענעם חודש, ווען

דער דײַטש ימח־שמו האָט געטריבן צום טויט די גאַנצע עדה ייִדן פון שטאָט — ווו איז געווען דער אָנגעקלאָגטער?

שולדיקער: צוזאַמען מיט אַלע ייִדן בין איך יענעם באַגינען מיט ווײַב און קינדער אַוועק צום „אומשלאַג־פּלאַץ". אַלעמען האָט מען אַרײַנ־געשטויסן אין פֿינף און פופציק וואַגאָנען. אויך מײַן ווײַב און קינדער. (רייסט איבער אַ ווײַלע). מיך האָט מען געלאָזן.

צווייטער שופט: ווי זשע האָסטו געקענט זיך שיידן מיט ווײַב און קינדער אין אַזאַ צײַט? האָבן אַלע געטון אַזוי? האָבן פּרויען און קינדער רואיקערהייט זיך אַרײַנגעזעצט אין די וואַגאָנען?

שולדיקער (שווײַגט, לאָזט אַראָפּ די אויגן).

(פון צווישן די אײַנגעזאַמלטע רייסט זיך אַרויס אַ געכליפּ, וואָס ווערט תיכף אײַנגעשטילט).

צווייטער שופט (מיט אַ געבראָכענער שטים): וואָס האָט געטון דער אָנגעקלאָגטער נאָכדעם, ווען ווײַב און קינד זענען אַוועק אויף יענעם וועג?

שולדיקער: מ'האָט מיך געשיקט קיין יוזעפּוו אויף אַרבעט.

צווייטער שופט: וואָס פאַר אַן אַרבעט האָט געטון דאָרט דער אָנגע־קלאָגטער?

שולדיקער: איך האָב באַגראָבן טויטע; זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן. הונדערטער ייִדישע פּאָליציי־לײַט האָבן געדינט אין געטאָ, גע־בליבן זענען מיר נאָר פערציק אויף אָפּצוראַמען דאָס אָפּגעלערטע געטאָ און צו באַגראָבן די טויטע.

צווייטער שופט: אַ סך טויטע געווען יענעם טאָג?

שולדיקער (מיט אַ נישט־דאָאיק קול): בײַ דרײַ טויזנט טויטע.

ייִנגערער שופט: וואָס האָט באַוועגט דעם אָנגעקלאָגטן צו גיין דינען דעם דײַטש?

שולדיקער: אין אָנהויב בין איך געווען אַ נאַכט־וועכטער. כ'האָב זיך געדרייט אַרום די צוים־דראָטן פון געטאָ. כ'האָב געזאָרגט, אַז ייִדן זאָל קיין שלעכטס נישט געשען. כ'בין געגאַנגען צוליב נויט.

עלטסטער פון די שופטים: וואָלט נישט גלײַכער געווען, דו זאָלסט טון ווי אַנדערע ייִדן: טון אַ מלאכה, אַרבעטן, אײדער אַזוי?

שולדיקער (רואיק): איך האָב געוואָלט עסן, מײַנע קינדער האָבן

געוויינט עסן. דער דייטש האָט מיר געגעבן צוויי קילאָ ברויט אַ טאָג, איין קילאָ פלייש אַ וואָך און הונדערט מאַרק מזומן יעדן חודש.

יינגערער שופט: פאַרוואָס האָט מען דעם אָנגעקלאָגטן געהעכערט דעם ראַנג? ער איז דאָך געוואָרן אַן אָפיציר, אמת?

שולדיקער (טראַכט אַ רגע): כ׳בין געווען מער געבילדעט פון אַנדערע פּאָליציאַנטן.

צווייטער שופט: המם. זענען געווען יידישע פּאָליציי־לייט, וואָס האָבן געוואָרפן דאָס דינען דעם דייטש?

שולדיקער: אויב איך וואָלט אַוועק דערפון, וואָלטן אויף מיין אָרט געקומען צוואַנציק אַנדערע.

צווייטער שופט: צי האָסטו די יידן געשלאָגן מיט דיין שטעקן, אָנגע־קלאָגטער?

שולדיקער (קוקט אַוועק אין דער זייט): ווען יידן האָבן זיך געקליבן ביים שלאַבאַן פון געטאָ, האָב איך געמוזט זיי פונאַנדערטרייבן.

צווייטער שופט: און אַז דער אָנגעקלאָגטער וואָלט זיך געמאַכט נישט זעענדיק, איז וואָס?

שולדיקער: אַלצאיינס האָב איך געטראָגן די אחריות. דער באַפעל פונעם דייטש איז געווען האַרב.

עלטסטער פון די שופטים: ווען איז דער אָנגעקלאָגטער דערהייכט געוואָרן ביי זיינע האַרן?

שולדיקער: אין יאָר צוויי און פערציק, אום פרילינג.

צווייטער שופט: בעת דעם פאַרהאָרך האָט דער אָנגעקלאָגטער דער־ציילט, אַז אין געטאָ האָט מען געוווסט, יידן ווערן פאַרטיליקט אין די קאַלכאויוונס פון טרעבלינקע. וואָס קען ער צוגעבן צו דעם?

שולדיקער: עטלעכע יידן זענען פון דאָרטן צוריקגעקומען. זיי זענען געקומען אַהיינגעמען זייערע משפחות. און זענען זיי נאָכדעם ווידער אַוועק קיין טרעבלינקע און מער זיך נישט צוריקגעקערט. הגם זיי האָבן עס צוגעזאָגט, האָט מען זיך משער געווען, זיי זענען אומגעקומען. דעמאָלט האָבן זיך שוין געטראָגן ידיעות וועגן אַזוינס. ס׳איז געווען פסח־צייט.

אָנקלאָגער (צום באַשולדיקטן): ווער האָט אייך באַשטימט פאַר אַן אָנפירער פון דער גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט אין יוזעפּווו?

שולדיקער: **די דייטשן.**

אָנקלאָגער: **קענט איר איינעם משה גראַץ?**

שולדיקער: **יאָ, אַ מעל־סוחר.**

אָנקלאָגער: **צי האָט דער אָנגעקלאָגטער גענומען עפּעס אַן אָפּצאָל ביי משה גראַץ?**

שולדיקער: **קיין מאָל נישט.**

אָנקלאָגער (צופּירנדיק אַ פינגער צום שטערן): **דערמאָנט זיך גוט!**

שולדיקער (מיט אַ געענדערטער שטים): **אפשר צמאָל. אפשר האָב איך ביי אים עפּעס געבעטן.**

אָנקלאָגער: **די דייטשן האָבן געוווּסט, אַז יידן שמוגלען שפּייז אין געטאָ אַריין?**

שולדיקער: **זיי האָבן געוווּסט.**

אָנקלאָגער: **אַ חוץ צו גראַפן האָט איר זיך געוואָנדן וועגן אָפּצאָל אויך צו אַנדערע שמוגלערס?**

שולדיקער: **יאָ, איך האָב ביי זיי געבעטן.**

עלטסטער פון די שופטים (צום וועכטער): **אַריינרופן דעם עדות משה גראַץ.**

עדות גייט אַריין, **שטעלט זיך מיטן פּנים צו די ריכטער.**

עלטסטער פון די שופטים (צום עדות): **איר דאַרפט זאָגן דעם ריינעם אמת. פאַלש עדות זאָגן איז גלייך צו יעדן שווערן פאַרברעך, פאַרוואָס עס דראָעט האַרבע שטראָף מצד דעם פאָלק און זיינע געזעצן.**

עדות (שאָקלט מיטן קאָפּ): **כ׳ווייס.**

עלטסטער: **ווי אַזוי האָבן יידן געלעבט אין אָטוואָצקער געטאָ?**

עדות: **געווען דאָרט נויט ווי אין אַנדערע געטאָס, געווען קרענק, מגפות. מ׳האָט גערודפט פון אַלע זייטן. מסחר איז נישט געווען דערלויבט און לעבן איז נישט געווען דערלויבט. יידישע פּאָליציי איז געשטאַנען ביים שלאַבאַן, געקוקט, ווער ס׳גייט אַריין און ווער ס׳גייט אַרויס פון געטאָ. סכנות נפשות געווען.**

צווייטער שופט: **האָט יידישע פּאָליציי צוגענומען סחורה ביי יידן?**

עדות: **זעלטן. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטענהט: דו פאַרדינסט? — איך וויל אויך האָבן. רק זיי האָבן געקוקט אין האַנט אַריין. שמולעוויטש**

האָט אויך גענומען. אַמאָל אַ זעקעלע מעל, אַמאָל געלט. יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש. געווען אַנדערע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געשלאָגן מיט שטעקנס איבערן קאָפּ — האָבן גענומען אין יד אַריין און נאָך געשלאָגן, כדי צו ווייזן דעם דייטש, זיי גיבן אַכטונג.

צווייטער שופט: ווי האָבן די תושבים פון געטאָ געקוקט אויף דער יידישער פּאָליציי?

עדות: זייער שלעכט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשלעפּט יידן אין די לאַגערן אַריין. פּאָליציאַנטן זענען געווען כאַפּונעס, האָבן אַרויסגעצויגן יידן פון זייערע באַהעלטענישן און איבערגעענטפערט זיי אין די הענט פון די דייטשן. די דייטשן האָבן די יידן אַוועקגעשיקט. וווהין? מ׳ווייסט נעבעך שוין וווהין. אַזעלכע פּאָליציאַנטן האָט מען גערופן „די יידישע עסעס״. זיי האָבן געריסן געלט פון יידישע שמוגלערס, נישט געלאָזן זיך רירן פון אָרט, אויב מ׳האָט באַלד נישט געגעבן אין יד אַריין. די יידישע עסעס האָט געהאַט אַ וויסטן סוף. אַלע זענען אומגעקומען פון דייטשישע הענט.

צווייטער שופט: אין יענעם 19טן האָט דער עדות געזען שמולעוויטשן?

עדות: ניין.

צווייטער שופט: ווו איז דער עדות געווען די גאַנצע צייט?

עדות: אין אָטוואָצקער געטאָ בין איך געווען, דערנאָך אין טרעבלינקע.

יינגערער שופט (צום עדות): וועלכע פּאָליציאַנטן האָבן געקראָגן קנעפּ אויפן היטל?

עדות: די געטרייע.

יינגערער שופט: הייסט עס, ניסן שמולעוויטש איז אויך געווען געטריי די דייטשן?

עדות (מיט אַ ציטערנדיקער שטים): איך ווייס נישט.

יינגערער שופט: און וואָס הייסט ביים דייטש זיין געטריי?

עדות: די, וועלכע האָבן געכאַפּט יידן אין לאַגער אַריין.

יינגערער שופט: ווער האָט געכאַפּט?

עדות: יידישע פּאָליציי.

עלטסטער פון די שופטים: צי האָט געטראָפן, אַז יידישע פּאָליציי זאָל וואַרפן דאָס דינען?

עדות: איך אַליין האָב געקאָנט אַזעלכן. יצחק ווילנדאָרף האָט געהייסן דער פּאַליציאַנט. געזען, מען נעמט זיין ווייב אין טויטן־וואַגאָן אַריין, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דאָס פּאָליצייסקע היטל, ווילד זיך פונאַנדערגע־וויינט און אויך אַריין אין וואַגאָן.

עלטסטער פון די שופטים: ווען איז דאָס געווען, עדות?

עדות: דאָס איז געווען אין דעם שרעקלעכן 19טן.

אָנקלאָגער: איז אין אָטוואָצקער געטאָ געווען אַ תפיסה?

עדות: געווען אַ קעלער. יידישע פּאָליציי פלעגט אַהין אַריינזעצן כלומרשט שולדיקע.

אָנקלאָגער (צום עלטסטן פון די ריכטער): אַ דאַנק. איך האָב מער נישט צו פרעגן.

עלטסטער פון די שופטים (צום וועכטער): רופן דעם עדות חיים קאַץ.

עדות גייט אַריין, קוקט זיך אַרום מבולבל און שטעלט זיך פאַרן ריכטער־טיש.

עלטסטער פון די שופטים (צום עדות): וואָס ווייסט איר וועגן אָטוואָצ־קער געטאָ און וועגן דעם אָנגעקלאָגטן ניסן שמולעוויטש?

עדות (נישט ניחאדיק): כ׳בין נישט דאָ געווען. געווען מלחמה־צייט אין רוסלאַנד. צוריקגעקומען האָבן קריסטן מיר דערציילט וועגן דעם אומ־קום פון מיין טאַטע־מאַמע אין אָטוואָצקער געטאָ. לעבעדיקע פּאַסן האָט מען געריסן פון די מענטשן. טאָג איין, טאָג אויס אַזוי. קיין שום רחמנות פון קיינעם אפילו פאַר עלטערע לייט. צו ערשט אויסגעזויגן, ס׳בלוט אויסגע־צאַפּט, דערנאָך געטרעטן אויף זיי, געטרעטן, כאָטש זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח צו זשיפּען — איינער סטאַניסלאַוו באַלצער האָט מיר געזאָגט, אַז אין געטאָ איז געווען שוידערלעך. הערט, אַ זייעריקער זאָגט אַזוי, כאָטש אים האָט עס נישט נאָענט אָנגערירט. געווען יידישע פּאָלי־ציאַנטן זייער ברוטאַלע, זאָגט ער, האָבן גענומען שטעק־געלט ביי וועמען מ׳האָט געקענט, אָדער נישט געקענט. אויך אַ געוויסער גרינשפּאַן האָט איבערגעגעבן ס׳זעלבע. צווישן די ערגסטע פּאָליציאַנטן איז געווען ניסן שמולעוויטש.

פּאַרטיידיקער: פאַרוואָס האָט דער עדות ביז איצט נישט געמאָלדן דעם געריכט, וואָס ער ווייסט וועגן שמולעוויטשן?

עדות: גערעדט מיטן סעקרעטאַר פון געריכט. כ׳האָב געוואָרט מ׳זאָל מיך רופן. היינט, כ׳האָב געזען, אַז צווישן די עדות איז נישטאָ דער ביר־גער באַלצער, בין איך אַליין געקומען דערקלערן, וואָס באַלצער האָט מיר געזאָגט.

אָנקלאָגער (צום געריכט): איך בין פאַר אַרויסרופן באַלצערן פאַר אַן עדות.

עלטסטער פון די שופטים (אויסדרייענדיק ס׳פּנים אויף רעכטס און לינקס צו די בייזיצערס, רעדט איבער מיט זיי): ס׳געריכט איז נישט קעגן. סטאַניסלאַוו באַלצער וועט אַרויסגערופן ווערן. (צום עדות): וואָס טענהן יידן, אַז זיי הערן, שמולעוויטש פאַרנעמט אַ געזעלשאַפטלעכן אַמט?

עדות: יידן זענען שטאַרק אויפגעבראַכט. זעסט, זאָגן זיי, מ׳קען אַפּטון אַלדאָס בייז און נאָך אַרויסקומען אַ שיינער ייד. אַזעלכע צייטן היינט (זיפצט שווער אָפּ).

נאַראַטאָר:

עס איז שפּעטע שעה. מענטשן זענען מיד פון דעם טאָג אַרבעט און זיי זענען מיד פון די האַרבע רייד, וואָס זענען דאָ געפאַלן ווי דער ווי־דעררוף פון צאָרן (עולם הייבט זיך אָן אויפשטעלן).

שש! אונדזער געריכט ווייסט נישט די פייערלעכקייט פון צעברומטע גלעקלעך. רואיק זיך פונאַנדערגיין. עס ווערט דערקלערט אַ הפסקה ביז מאָרגן פיר אַזייגער נאָכמיטיק.

צומאָרגנס. די זעלבע שופטים. דער זעלביקער עולם.

סצענע: דאָס געריכט פאַרקוקט אין די אַקטן.

עלטסטער פון די שופטים (הויבט אויף דעם קאָפּ): רופן דעם עדות באַלצער.

וועכטער (שטעלט זיך אויף פון זיין בענקל ביי דער זייטן־טיר, גייט אַרויס).

עדות באַלצער גייט אַריין אַ באַלייבטער, פריש אויסגעגאָלט.

עלטסטער פון די שופטים (צום עדות): וואָס קענט איר דערציילן וועגן ניסן שמולעוויטש און זיין אויפפירן זיך אין געטאָ?

עדות (מיט שטאָלץ): איך בין אַ קריסט. איך האָב אין געטאָ נישט געדאַרפט זיין. כ׳פלעג אַהין אַריינקומען צו טרעפן זיך מיט מענטשן דאָרטיקע. איך ווייס, אַז נוסאַן שמולעוויטש איז געווען אַ פּאָליציאַנט. פאָרוואָרפן קעגן אים האָב איך נישט געהערט. געווען פאַלן, ווען געשטאַפּאָ האָט מיך אַליין גערודפט. שמולעוויטש האָט געוווּסט, איך פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור אין געטאָ. טייל מאָל האָט ער מיר נאָך געהאָלפן אין דעם. כ׳פלעג אים גופא איבערגעבן בלעטלעך.

עלטסטער פון די שופטים: צי האָט שמולעוויטש באַקומען הילף פון אייער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע?

עדות: קיין מאָל נישט.

יינגערער שופט: קאָנט איר קאַצן און צי האָט דער עדות מיט אים גערעדט וועגן שמולעוויטשן דעם פּאָליציאַנט?

עדות: איך האָב קאַצן געזאָגט, אַז איך קאָן שמולעוויטשן, אָבער קיין שום שלעכטס האָב איך אויף אים נישט אויסגערעדט.

יינגערער שופט: געדענקט אפשר דער עדות, וואָס פאַר אַ מונדיר שמולעוויטש האָט געטראָגן?

עדות: דאָס געדענק איך נישט.

אָנקלאָגער (צום עדות): ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דער עדות זאָל נישט געדענקען ווי אַזוי דער אָנגעקלאָגטער איז געווען מונדירירט, בעת דער עדות איז געשטאַנען מיט אים אין פאַרבינדונג? האָט ער דאָך אפילו גע־האָלפן פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור פון אייער אָרגאַניזאַציע.

עדות (צעמישט): ס׳איז געווען אַ שווערע צייט. מ׳האָט נישט געקענט זיך אָפּשטעלן אויף קלייניקייטן.

אָנקלאָגער: אָבער דער עדות האָט זיך מיט אים געטראָפן אין געטאָ?

עדות (קוים הערבאַר): באַשטימט.

צווייטער שופט: געדענקט דער עדות נעמען פון שלעכטע יידישע פּאָ־ליציאַנטן?

עדות: עטלעכע נעמען — פּזשיטיצקי, בידערמאַן, קאָלסקי.

צווייטער שופט: און שמולעוויטש האָט געהערט צו די גוטע, ווילט איר זאָגן.

עדות (פאַרלוירן): כ׳זאָג עס נישט, נאָר קיין שלעכטס וועגן אים ווייס איך נישט.

עלטסטער פון די שופטים: איז דער עדות געווען אַרעסטירט נאָך דער באַפרייאונג פון לאַנד?

עדות (מיט אַן איינגעבראָכענער שטים): דריטהאַלבן חדשים בין איך געווען פאַרהאַלטן, פאַרוואָס — ווייס איך נישט.

עלטסטער פון די שופטים (צום וועכטער): רופן דעם עדות קאַץ.

עדות קאַץ גייט אַריין.

עלטסטער פון די שופטים (צום עדות באַלצער): צי קאָנט איר זיך ביידע?

עדות באַלצער (בורטשנדיק): איך האָב אים געזען.

עדות קאַץ (צו באַלצערן): דערמאָנט איר זיך, ווען איך בין געווען ביי אייך?

באַלצער (שאַרף אויסדרייענדיק זיך צו קאַצן): איך געדענק. עס איז געווען וועגן אייערס אַ ירושה־ענין.

קאַץ (אויפגערעגט, צום געריכט): עס איז אַ ליגנט! איך שווער, אַז וועגן דעם געטאָ־פּאָליציאַנט ניסן שמולעוויטש האָב איך גערעדט מיטן בירגער באַלצער. איך געדענק גענוי, וואָס ער האָט דעמאָלט געזאָגט: דו ביסט נאַאיוו, האָט ער געזאָגט, דו ווייסט נישט, וואָס דאָ איז פאַר־געקומען. פון איין זייט זענען די יידן געפּלאָגט געוואָרן פון דער געשטאַ־פּאָ, דערנאָך פון דער פּוילישער גראַנאַטענער פּאָליציי, שפּעטער פון אייערע יידישע פּאָליציאַנטן ווי קרייזלמאַן, שמולעוויטש און אַנדערע מיאוסקייטן.

באַלצער (צום געריכט, פאַרביסן): בירגער קאַץ זאָגט ליגנט!

יינגערער שופט (צו קאַצן): האָט דער עדות פריער געקאָנט שמולע־וויטשן?

קאַץ: ניין.

יינגערער שופט: פאַרוואָס איז אייך אַזוי אַריין אין זכרון דער נאָמען שמולעוויטש?

קאַץ: ווייל בירגער באַלצער האָט דער ערשטער מיר דערקלערט, אַז

אַט איינער פון יענע פינצטערע פּאַרשוינען, דער פּאָליציאַנט שמולעוויטש אַרבעט נאָך איצט ביי אייך אין יידישן קאָמיטעט.

יינגערער שופט (צו באַלצערן): ווען איר האָט זיך געטראָפן אין געטאָ מיט ניסן שמולעוויטש, וואָס האָט איר מיט אים געשמועסט?

באַלצער: איך האָב אים געזאָגט: „גוט מאָרגן, וואָס הערט מען?" אין דער נשמה האָב איך נישט געוואָלט אַריינקריכן.

יינגערער שופט: איר האָט דאָך אים אַזוי פיל אָנגעטרויט, אפילו דעם סוד פון אייער אונטערערדישער אַרבעט; ווי געשיקט זיך עס אַזאַ קאַרגקייט פון רייד?

באַלצער: ס'איז דאָך געווען אָקופּאַציע, אומעטום לויער.

יינגערער שופט: אַז איר האָט אים געזאָגט: „גוט מאָרגן, וואָס הערט מען?" האָט דאָך מסתמא קיינער נישט געהערט.

באַלצער: געוויס. ס'האָט געמוזט זיין דורכאויסיקע קאָנספּיראַציע.

עלטסטער פון די שופטים: כדי דערהויבן צו ווערן, האָט אַ יידישער פּאָליציאַנט געמוזט האָבן פאַרדינסטן פאַרן שונא?

באַלצער: זיכער.

עלטסטער פון די שופטים: שטעלט זיך פאַר, אַז ניסן שמולעוויטש דער פּאָליציאַנט פון געטאָ האָט געהאַט צוויי „טשוועקעס" אויפן היטל. הייסט דאָס — ער האָט זיך דערדינט ביים דייטש?

באַלצער: איך האָב גאָרנישט געוווסט וועגן זיינע פאַרדינסטן לטובת דעם דייטש.

צווייטער שופט: האָט דער עדות געקאָנט אויך אַנדערע יידישע פּאָ־ליציאַנטן?

באַלצער: יאָ, פּינקוס, פּאַזשענטשעווסקי. נישט קיין שלעכטע מיי־נונגען געווען וועגן זיי.

עלטסטער פון די שופטים (צו באַלצערן): זעצט זיך (אויסדרייענדיק זיך צום וועכטער) אַריינרופן דעם עדות סטעפאַן לודוויטשאַק.

עדות לודוויטשאַק (מיט אַ בלייך אַסקעטיש פּנים קומט אַריין ווי אַ דערשראָקענער, ווייסט נישט ווו זיך אַוועקצושטעלן).

וועכטער (דערנענטערט זיך צו אים, שטעלט אים אַוועק מיטן פּנים צום געריכט): אַזוי שטייט.

עלטסטער פון די שופטים: וואָס קען דער עדות דערציילן דעם געריכט וועגן דעם אָנגעקלאָגטן ניסן שמולעוויטש?

עדות: איך האָב אים באַקאַנט אין געטאָ. ער איז געווען אַן עלטסטער ביי דער פּאָליציי. בכלל קען איך ווייניק זאָגן וועגן אים. איינער אַ לאָדזשער אַדוואָקאַט אין אָטוואָצקער געטאָ האָט מיר געזאָגט, אַז די יידישע פּאָליציי טוט אָן צרות. נאָך דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ דעם 19טן אַפּריל איז שמולעוויטש געווען קאָמענדאַנט אין יוזעפּוו. דאָרט זענען געווען קינדער, יידישע קינדער. איינער אַ דייטש שליכט און פינף יידישע פּאָליציאַנטן האָבן די קינדער אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען און זיי אַרויסגעשיקט. וואָס מיט די קינדער איז געוואָרן, ווייס איך נישט. כ'האָב געהערט: יידן האָבן זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף דער פּאָליציי, אויך אויף שמולעוויטשן.

פּאַרטיידיקער (צום עדות): איך בעט רעדן גענוי.

עדות (קווענקלענדיק): מיר איז שווער עמעצן צו באַשולדיקן.

עלטסטער פון די שופטים: צי האָט דער עדות געזען, ווי מ'האָט יידן געשטויסן אין די פּראַכט־וואַגאָנען אַריין; צי האָט איר געהערט, אַז ניסן שמולעוויטש האָט באַפרייט יידן?

עדות (מיט אַ דערשטיקטער שטים): איך אַליין האָב עס נישט געזען. זייטיקע האָט מען דעמאָלט נישט צוגעלאָזן. געהערט האָב איך וועגן דעם. שמולעוויטש האָט ביי יידן גענומען געלט, ער האָט אויך גענומען גאָלד־זאַכן פאַר אַרויסנעמען פון טראַנספּאָרט, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר טרעבלינקע. (נאָך אַ קליינער פּויזע) אויך פרוי דעמבסקאַ און אַדוואָקאַט זילבער האָבן מיר געזאָגט וועגן דעם.

יינגערער שופט: מיינט דער עדות, אַז די דערקלערונגען פון די מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט וועגן דעם אָנגעקלאָגטן, זענען געווען רייד פון פּערזענלעך געליטענע?

עדות: די מענטשן האָבן זיך אויסגעדריקט מיט גרויס פאַרביטערונג.

יינגערער שופט: ווער איז געווען קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי?

עדות: קרייזעלמאַן, אָבער ער האָט געהאַט דריי פאַרטרעטער. איינער פון זיי איז געווען שמולעוויטש.

יינגערער שופט: ווו זענען געווען די יידישע פּאָליציאַנטן, בעת מ׳האָט געטריבן צום טויט די לעצטע יידן פון געטאָ?

עדות: זיי זענען געגאַנגען איבער די שטובן, האָבן אַרויסגעשלעפּט באַהאַלטענע און אַוועקגעפירט זיי אין דער קאָמענדאַנטור.

יינגערער שופט: ווער האָט געהיטן די וואַגאָנען מיט די אַריינגע־טריבענע יידן?

עדות: ליטווינער און יידישע פּאָליציי.

אָנקלאָגער: ווי לאַנג זענען געשטאַנען די וואַגאָנען מיט די יידן?

עדות: פון 7 אַזייגער פרי ביז 6 פאַרנאַכט. ביז פאַרנאַכט האָט מען כסדר געשלעפּט געפונענע יידן און זיי געוואָרפן אין די וואַגאָנען אַריין.

אָנקלאָגער: עס איז געווען אַ גרויסע היץ דעמאָלט, אמת? צי האָט מען די מענטשן אין די וואַגאָנען געגעבן וואַסער?

עדות: געווען גראַד אַ מוראדיקע היץ. וואַסער האָט מען נישט געגעבן.

אָנקלאָגער: און פאַר גאָלד האָט מען די יידן געבראַכט וואַסער?

עדות: איך בין נישט געווען ביי דעם, אָבער עס האָט זיך געהערט, אַז אַזוי איז געשען. מיט געוויין, מיט פאַרטרוקנטע העלדזער האָבן די יידן אָנגעבאָטן גאָלד־חפצים פאַר אַ טרונק.

צווייטער שופט: צי האָט דער עדות באַלאַנגט צו אַ פּאָליטישער אָר־גאַניזאַציע בעת דער אָקופּאַציע?

עדות: צו דער אַרמיאַ לודאָוואַ, פון סאַמע אָנהויב אָן.

צווייטער שופט: וואָס פאַראַ אויפגאַבעס האָט דער עדות געהאַט אויס־צופירן פאַר דער אָרגאַניזאַציע?

עדות: איך האָב אין געטאָ אַריינגעטראָגן בריוו צו די טוער פון דער אָרגאַניזאַציע — גאָטהעלף און פּיווקאָ.

יינגערער שופט: וואָס איז געוואָרן מיטן קליינוואַרג פון דער קינדער־היים זאַפּיווקע?

עדות: מ׳האָט זיי אַרויסגעפירט אויף פאַרטיליקונג. איך האָב אַליין געזען, ווי אַ יידישע פרוי איז מיט צוויי קינדער געפאָרן אויף אַ דראָזשקע. עטלעכע יידישע פּאָליציאַנטן האָבן זי אַראָפּגעשלעפּט פון דער דראָזשקע און צוזאַמען מיט די קינדער זי אַריינגעוואָרפן אין אַ וואַגאָן, וואָס איז שוין געווען פול מיט קליינוואַרג.

יינגערער שופט: **איר האָט געזען, ווי יידישע פּאָליציאַנטן האָבן געפירט די יידישע קינדער פון זאַפּיוווקע צו ליקווידאַציע?**

עדות (מיט אַ דערוואָרגענער שטים): **כ׳האָב עס אַליין געזען. די קינדער זענען געגאַנגען אין אַ מחנה. יידישע פּאָליציאַנטן מיט גומי־שטעקנס האָבן זיי אַרומגערינגלט.**

עלטסטער פון די שופטים (צום אָנגעקלאָגטן): **ווער איז געווען דער אָנפירער פון דער יידישער פּאָליציי אין יוזעפּוו? (צום עדות): אַ דאַנק, זעצט זיך.**

שולדיקער: **איך (און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ).**

צווייטער שופט: **האָט מען באַגראָבן מתים אין יוזעפּוו?**

שולדיקער: (הויבט אויף דעם בליק): **יאָ.**

צווייטער שופט: **צי האָט מען פון די מתים אַראָפּגעצויגן די קליידער, אַרויסגעריסן גאָלדענע ציין?**

שולדיקער: **ניין, מ׳האָט זיי באַלד באַגראָבן.**

עלטסטער פון די שופטים: **דער באַשולדיקטער האָט אַנומלט דערקלערט, אַז פּאָליציאַנטן אין געטאָ האָבן געלעבט שלעכט, אַנדערע — גוט. פון וואַנען האָבן זיי גענומען געלט?**

שולדיקער: **כ׳האָב געזאָגט. יענע האָבן פאַרקויפט זאַכן פון די טויטע אין יוזעפּוו.**

עלטסטער פון די שופטים: **זענען די זאַכן פון די געפּאַלענע יידן געווען אַזוי הפקר און די דייטשן אַזעלכע גוטע?**

שולדיקער: **ביי די דאָזיקע זאַכן האָבן די דייטשן אין גאַנצן זיך נישט געמישט.**

צווייטער שופט: **איך וועל נאָך אַמאָל בעטן דעם עדות לודוויטשאַק.**

עדות לודוויטשאַק (גייט צו).

צווייטער שופט (צום עדות): **וואָס איז געוואָרן מיט די זאַכן פון די אַרויסגעפירטע יידן און פון די, וואָס זענען אומגעקומען אויפן אָרט?**

עדות: **מ׳האָט זיי צערויבט.**

צווייטער שופט: **ווער האָט גערויבט?**

עדות: **די אַרישע באַפעלקערונג און די געטאָ־פּאָליציי.**

צווייטער שופט: **וואָס האָט די געטאָ־פּאָליציי געטון מיט די זאַכן?**

עדות: פאַרקויפט. איך האָב נישט געקויפט. נאָר פאַרקויפט האָט מען; איך געדענק גענוי.

יינגערער שופט (צום אָנגעקלאָגטן): פון יוזעפּוו זענט איר אַריבער אין וואַרשעווער געטאָ אויך אין פּאָליציישקע היטל, אמת?

שולדיקער: דאָס היטל האָט מ'יך אַ ביסל געשיצט.

עלטסטער פון די שופטים (צום ווערטער): אַריינרופן דעם עדות זאָ־פיאַ סקיבינסקאַ.

עדות סקיבינסקאַ (אין ברילן מיט גרויסע טונקעלע ראַמען; איר שטים טראָגט זיך שטאַרק וויברירנדיק): איך בין אַ יידישקע. סקיבינסקאַ איז מיין אָקופּאַציע־נאָמען. ריכטיק הייס איך זעלדע גאָלדמאַן.

עלטסטער פון די שופטים (אומקוקנדיק זיך אַ ווייל אויף די בייזי־צערס): אַ דאַנק. מיר האָבן אייך גערופן, כדי צו הערן, פאַרוואָס דער יידישער קאָמיטעט האָט באַזייטיקט פון דער אַרבעט דעם אָנגעקלאָגטן ניסן שמולעוויטשן. ער איז דאָך געווען אויף אַן אַמט אין יידישן קאָמי־טעט, אויב דאָס גערירכט האָט נישט קיין טעות?

עדות סקיבינסקאַ (וואָרט ביי וואָרט): ריכטיק, שמולעוויטש האָט גע־אַרבעט אין יידישן קאָמיטעט. קעגן אים איז אַריינגעפאַלן אַ באַשולדיקונג. איך בין געווען אין ערן־געריכט איבערן ענין שמולעוויטש. דער תובע האָט זיך נישט געשטעלט צום ערן־געריכט ביים יידישן קאָמיטעט. אויך זיינע עדות זענען נישט געקומען. היות קיין גענויע באַווייזן וועגן שמולע־וויטשעס שולדיקייט זענען נישט געווען, האָט מען קיין אורטייל נישט געקענט אַרויסטראָגן. אַלעמענס דעה איז אָבער געווען, אַז דער אָנגע־קלאָגטער איז שולדיק שוין בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט געדינט אין דער געטאָ־פּאָליציי. ער האָט געזוכט צו לעבן באַקוועמער, בעת זיינע שטאָם־ברידער זענען געווען אויסגעשטעלט אויף נויט און געפאַרן. דאָס ערן־געריכט האָט בכן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מ'טאָר שמולעוויטשן מער נישט האַלטן אויף קיין פּאָסטן אין יידישן קאָמיטעט, מחמת דער יידישער קאָמיטעט איז היינט דער עומד פון דער גאַנצער עדה.

יינגערער שופט: האָט דאָס ערן־געריכט נישט גענומען אין אַכט אויך אַנדערע פאָרווורפן קעגן שמולעוויטשן?

עדות: מיר האָבן געהערט פון איינעם יחיאל קאָרן, אַז ניסן שמולע־וויטש דער פּאָליציאַנט האָט געשלאָגן יידן.

יינגערער שופט: און וואָס נאָך קענט איר צוגעבן?

עדות: אויף זיין שטעלע אין יידישן קאָמיטעט האָט שמולעוויטש אויך נישט געהאַט קיין ריינע הענט.

יינגערער שופט (צום אָנגעקלאָגטן): ווי אַזוי איז דער באַשולדיקער אַריין אין דער געטאָ־פּאָליציי?

שולדיקער: עס זענען געווען צוויי ברירות: אָדער ווי אַלע צו זיין אויסגעשטעלט אויף סכנות, אָדער אַריינטרעטן אין דער פּאָליציי. איך האָב אויסגעקליבן די פּאָליציי, ווייל דאָס האָט פאַרזיכערט אַ שטיקל ברויט און אַ שטיקל פלייש.

יינגערער שופט: און אין יודענראַט האָט מען נישט פאַרדינט?

שולדיקער: דאָרט האָט מען געלעבט בלויז פון די שכירות.

יינגערער שופט: און נעבן־פאַרדינסטן?

שולדיקער (לאָזט אַראָפּ די אויגן): כ'ווייס נישט.

עלטסטער פון די שופטים: ווען דער באַשולדיקטער איז געווען אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ", איז זיין משפחה שוין געווען אין די וואַגאָנען?

שולדיקער: די משפחה איז געבליבן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. מיך האָבן די דייטשן געצויגן קיין יוזעפּוו.

עלטסטער פון די שופטים: און דאָס האַרץ האָט דעם מאַן און פּאָטער דערלויבט צו לאָזן אויף הפקר ווייב און קינדער? ער האָט דאָך געוווסט, וואָס עס באַטייט אומשלאַג־פּלאַץ!

שולדיקער (מיט אַ מאַט קול): אונדזער ווילן איז געווען פּאַראַליזירט. די שרעק איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט נישט געוווסט וואָס צו טון אין דער טראַגישער מינוט. מאַמעס האָבן פּאַרלאָזן זייערע קינדער, קינדער די לייבלעכע עלטערן, אַבי זיך צוראַטעווען. בלויז איינצלנע, זעלטענע, זענען אַוועק אין קרעמאַטאָריע צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער (דורך טרערן): הלוואי וואָלט איך אַזוי געטון.

עלטסטער פון די שופטים (שטעלט זיך אויף, לייענט שריפטלעכע גבית־עדות).

נאַראַטאָר:

און עס פֿאַלן אויפֿן קאָפּ פון זינדיקן די שווערסטע קלעפּ פון זיינע אייגענע פאַרברעכנס אין די טעג פון גרויסן נסיון פאַרן מענטש און פאַרן פאָלק. די פשוטע מענטשלעכע שפּראַך האָט אויף אייביק אויסגעברענט דעם שאַנד־צייכן אויף די שטערנס פון די פאַררעטער.

עלטסטער פון די שופטים (מישט אַריבער דאָס לעצטע בלעטל פון די שריפטלעכע דערקלערונגען, באַוועגט מיט די פאַרטרוקנטע, מידע ליפּן און לאָזט פּאַמעלעך זיך אַראָפּ אויף זיין שטול).

דער אַנקלאָגער (שטעלט זיך אויף. זיין פּנים איז טיף ערנסט, די שטים אָנגעוואָלקנט. זי ציטערט צייטנווייז פון שטאַרקער רעגונג):

— — — און כאָטש איך מוז זיך סומך זיין בעיקר אויף די גבית־עדות פון מענטשן, מוז איך מיט דער גאַנצער האַרטנעקיקייט אונטער־האַלטן די באַשולדיקונג. און דאָס דערפאַר, ווייל שמולעוויטש האָט געהאַט מעגלעכקייטן איבערצורייסן מיט דער חרפּהדיקער פּראָפעסיע פון אַ פּאָ־ליציאַנט ביי די דייטשן. ער האָט דאָס אָבער נישט געטון. דער שונא האָט געטיילט דאָס אָקופּירטע אייראָפּע אויף בעסערע און ערגערע פעל־קער, אויף נוצלעכע און אויף אַזעלכע, וואָס זענען דורך היטלערן פאַר־משפּט געוואָרן אויף פאַרלענדונג. אונדז, יידן, האָט דער דייטש באַטראַכט פאַר די ערגסטע. ער האָט אונדז באַשטימט נישט בלויז אויף פיזישער, נאָר אויך אויף מאָראַלישער דערנידעריקונג. און אויסראָטן האָט מען זיך גענומען קודם־כל די יידישע מאַסע, אַ חוץ די יודענראַטן און די יידנ־פּאָליציי. צו רודפן און פאַרפייניקן די רעשטלעך יידן האָט מען איבער־געגעבן דער יידישער פּאָליציי.

צו וואָס איז ניסן שמולעוויטש אַריינגעטראָטן אין דער געטאָ־פּאָלי־ציי? ער האָט אונדז דאָ געזאָגט: „כ׳האָב געמוזט פאַרדינען, אויסהאַלטן זיך און די משפּחה". מ׳מעג האָבן ספיקות, צי ער האָט דווקא געמוזט אַריינ־טרעטן אין דער געטאָ־פּאָליציי. זיין ווייב האָט דאָך געאַרבעט, און נישט שלעכט פאַרדינט. מוז זיין, שמולעוויטש האָט אין דער פּאָליציי געזוכט גרעסערע פאַרדינסטן, מערערע הנחות. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ, חשוב געריכט. פאַראַן נאָך אַן אַנדערע באַלעסטיקנדיקע זאַך. שוין אָנהויב טויזנט ניין הונדערט צוויי און פערציק, בעת די כאַפּערייען, זענען די

יידישע פּאָליציי־לייט געווען צווישן די כאַפּונעס. דורך זיי, די יידישע פּאָליציאַנטן, זענען די יידן געשיקט געוואָרן צום טויט. שוין דעמאָלט איז פאַר יעדן געווען קלאָר, אַז יידישע פּאָליציי איז נישט בלויז אויף צו היטן די אָרדענונג אין געטאָ; יידישע פּאָליציי איז געוואָרן אַ שאַנד־פלעק. עס איז געשטעלט געוואָרן אויף דער וואָגשאָל דער קערן פונעם כבוד פון יידישן פאָלק! עס וואָלט נאָך אפשר געווען אַ פאַרענטפערונג, אויב שמו־לעוויטש זאָגט: „כ'האָב נישט געקענט". ער טענהט אָבער: אויב ער וואָלט אַוועק פון דער פּאָליציי, וואָלטן צוואַנציק אַנדערע געקומען פאַרנעמען זיין אָרט. הייסט עס, ער האָט די ווערדע פונעם פאָלק אויסגעביטן פאַר אַ מטבע, אויף ברויט פאַר זיין לייב. דאָס געליטענע פאָלק קען אַזוינס נישט פאַרגעבן. עס איז שטראָפבאַר!

די קומענדיקע דורות וועלן אונדז פרעגן, אונדז, געאַכפּערטער גע־ריכט, ווי הויך האָט איר, אונדזערע פאַרגייערס, געהאַלטן די מאָראַל פון יידישן פאָלק? לאָמיר נישט פאַרגעסן: משפטנדיק ניסן שמולעוויטשן וועלן מיר געגנוג־טון דעם רצון פון פאָלק, וואָס איז באַליידיקט און צעריסן גע־וואָרן פון טשאַטעס שפאַרבערס. און וועלן מיר דעם אָנגעקלאָגטן נישט אָפּחתמענען מיטן חותם פון אַ בוגד, וועלן די נאָכקומענדיקע דורות אונדז פאַרמשפּטן. איך וויל דעם געריכט נישט אָנוואַרפן די הויך פון דער שטראָף פאַרן באַשולדיקטן, איך וויל אָבער, אַז דער פּסק־דין זאָל זיין אַזאַ, אַז ס'זאָל נישט בלייבן קיין פּגם אויפן געוויסן פונעם פאָלק לגבי דער צוקונפט.

דער שולדיקער (פאַרברעכט דעם קאָפּ, בעת עס פאַלן די לעצטע ווערטער פון אָנקלאָגער).

דער אָנקלאָגער (ווישט דעם שטערן, לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין זיץ).

דער פאַרטיידיקער (שטעלט זיך אויף. ער רעדט געלאַסן, שפּעטער געווינט זיין שטים אימפעט. די ווערטער פאַלן בלאָס, אָן אָפּשיין).

טייל פון עולם (שנייצט די נעזער, אַנדערע גענעצן).

פאַרטיידיקער:

— — — דער אָנקלאָגער רעדט וועגן דער אחריות פון משפט לגבי דער צוקונפט. עס איז אַ שטאַרקע פראַזע, אָבער נישט ריכטיק אַוועקגע־

שטעלט. דאָס לעבן פון דרויסן האָט דעמאָלט באַשאַפן אַזעלכע מאָדנע פונקציעס, וואָס מיר, ווי פרייע מענטשן איצט, קענען עס גריילעך נישט באַנעמען. שטעלט זיך פאָר, חשובע ריכטער, אַז די פונקציע פון פּאָליציאַנט אין געטאָ האָט דאָך געמוזט אויסגעפירט ווערן, פונקט ווי עס האָט געמוזט זיין עמעצער, וואָס זאָל באַגראָבן די טויטע.

און טויטע זענען געווען, געווען. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי וואָלטן מיר געהאַנדלט אויף שמולעוויטשס אָרט. כ'ווייס נישט, צי מיר וואָלטן אַרויס גאַנצע. אמת, שמולעוויטש איז נישט קיין העלד; מען קען דאָך פון קיינעם נישט פאַרלאַנגען, ער זאָל זיין אַ העלד. שמולעוויטש האָט געוויס שווער איבערגעלעבט די דאָזיקע צייט. אין דעם צעברויזטן אַרום האָט ער זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט.

איך פאַרשטיי, מיר האָבן דאָ גענומען דעם ענין פון נאַציאָנאַלן קוקווינקל. איך מיין אָבער, אַז נאָך דעם גרויסן פייער־פּרווו דאַרפן מיר זיך מער נישט באַטראַכטן פאַרן אויסדערוויילטן פאָלק. גענוג אונדז די אויסדערוויילטקייט, צוליב וועלכער מיר האָבן געזען ימים בלוט פון אונדזערע טייערסטע — — —

נאַראַטאָר:

ווי פאַרוויאַנעטע בלעטער פאַלן די רייד פון פאַרטיידיקער. זעט: זיי פאַלן געל, געל, ווי פונקען שטעכן זיי דאָס אויג. דער אָנגעקלאָגטער קען נישט אויפהייבן דעם בליק צו דיר, מיין שווער געליטן פאָלק.

אפשר וועלן זיי דאָך אָנפאַנגען זיך צו שעמען, די בוגדים, די אויסבאַהאַלטענע ווי די אַנטפלעקטע, וועמען דער גורל אַליין האָט נאָך נישט אויסגעמאָסטן די פאַרדינטע שטראָף. די געשיכטע וועט זיי געוויס פאַרמשפטן.

עס איז שפעטע נאַכט. שוואַרצע שאָטנס שטייען אין די פענצטער. צוגלייך מיטן עולם, וואָס זיצט ווי פאַרשטיינערט אַנטקעגן דעם טריבונאַל פון פאָלק, מאָגן מיר אויסצומעסטן דעם יושרדיקסטן פסק־דין פאַר די פאַרזינדיקטע קעגן אונדזערע נאָענטע און ווייטע, וואָס זענען פאַרטיליקט געוואָרן, פאַרפייניקט, פאַרגאָזט און פאַרברענט פון טומאהדיקע מענטשישע הענט:

יוסף אקרוטני

— ענטפער!

(דאָס געריכט שטעלט זיך אויף).

נאַראַטאָר:

עס איז גרויסע שעה.

עס משפטן דורות.

פּאַוואָליע רינט אויס די שיין. אין טונקלענדיקן חלל באַוועגן זיך גע־שטאַלטן, עס הילכן אָפּ דערוויטערנדיקע טריט. רגעס האַלט אָן די פינצ־טערניש. די סצענע, אַ ליידיק געוואָרענע, ווערט ביסלעכווייז ווידער באַ־לויכטן פון אַ שיטער ליכט, וואָס גייט אויף פון דערבייאיקן נאַכטישן פענצטער.

(פאָרהאַנג)

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאַ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פֿאַבריקן פֿון טויט
33) אברהם נהתומי — אין שאָטן פֿון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פֿינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אַלמי — מאָמענטן פֿון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספֿאַרקויפֿט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פֿון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פֿאָלקס־לידער (אויספֿאַרקויפֿט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פֿאַרביי...
46) שלמה וואַגאַ — זוורבן טשענסטאָכאָוו
47) אבֿרהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פֿאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) (אויספֿאַרקויפֿט)
(פּרעמירט דורכן צבֿי־קעסעל־ליטעראַטור־פֿאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פֿייער און פֿלאַמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פֿאַרן לעבן
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פֿון „עקזאָדוס 1947“ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56) שלום אַש — פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אַש — וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש — מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61) דוד פֿלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פֿלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישׂראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פֿאָנד, ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן
67) רבֿקה קוויאַטקאָווסקאַ — פֿון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פֿון דער השכלה (אויספֿאַרקויפֿט)

71) **נחמן מייזיל** — גערוען אמאָל אַ לעבן...
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)
73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
מרדכי שטריגלער — גורלות
מנשה אונגער — חסידות אין פוילן און גאַליציע
זלמן שזר — שטערן אינעם פרימאָרגן **(זכרונות)**

עס גרייט זיך צום דרוק:

זלמן שזר — פרימאָרגן־שטערן **(זכרונות)**
ב. מיכאַלעוויטש — זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע דערציילונגען
יוסף רייך — זכרונות פון אַ פאַרטיזאַן
ד״ר יעקב וויגאָדסקי — זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד״ר גרשון לעווין — דאָס בוך פון מיין לעבן
ז. סעגאַלאָוויטש — פופציק בריוו
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — אַמאָל איז געווען
הערשעלע — שבת אויפן טראַקט
אברהם לעוו — אַ ליד נאָך אייך
משה זאַנשיין — „יידיש וואַרשע"
מיכאל מ. באָרוויטש — אָרישע פאַפּירן
ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע—לאָדזש **(זכרונות)**
י. הירשהויט — נאַפּט־מאַגנאַטן
דניאל טשאַרני — אַ ליטוואַק אין פוילן
אליהו דיזשור — יידן לויפן פון פוילן **(זכרונות)**

Este libro se terminó de imprimir el
día cinco de Febrero de 1952 en
los Tall. Gráficos Zlotopioro Hnos.
G a s c ó n 1 2 3 1
Buenos Aires

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס